STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02017

ANDREY KOZSHUKHOV

S. Stepniak

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אנדריי קאזשובאוו

אדער

דער לעבענס־צוועק פון א ניהיליסט.

I.

ענדליך!

העלענא האט אויף גיך אבגעהאפט איהר מאגערן מאהל־צייט אין דעם קליינעם רעסטאראנט אין זשענעווא. זי האט ניט געוואלט טרינקען דעם קאפע, וועלכען זי איז געוואוינט געווען צו געהמען נאך איהרע דינערס. זי האט זיך זעהר געאיילט היינט. ביי איהר אין קעשענע איז געלעגען א בריעף פון רוסלאנד, איף וועלכען זי האט לאנג אויסגעקוקט און וועלכען זי האט נאר וואס אבגענומען פון'ם אלטען זייגער־מאכער, צו וועמען איהר קארעספאנדענץ פלעגט אנקומען. זי האט געברענט פאר אונגעדולד איבערצולעזען דיזען בריעף צו איהר פריינד אנדריי, וועמען עס האט געהערט, און צו הערען פון איהם די נייעס וואס דיזער בריעף בריינגט.

דורכלויפענדיג פערביי א גאנצע רייהע פון טישלאך, ארום וועלכע אן עולם פון מענער אין בלוזעס זיינען געזעסען, און רייידענדיג אין איילעניס א פאר ווערטער מיט א בעקאנטען, איז דאס מיידעל ארויס אין גאס. עס איז געווען האלב אכט אזייגער. זי איז געווען זיכער צו טרעפען אנדריי'ן אין דער היים. ער האט געוואוינט ניט ווייט פון

דאָרט. אין פינף מינוטען איז העלענאַ געווען ביי זיין טהיר. איהר צאַרטעס, קאַלטעס געזיכט איז געוואָרען רויטלאַך; זי האָט זיך דערוואַרמט פון׳ם שנעלען געהן.

אַנדריי איז געווען אַליין. ער איז געזעסען איבער אַ בוך פון שטאַטיסטיקס, פון וואַנען ער האָט געמאַכט אויסציגע פאַר אַן אַרטיקעל וועלכען ער פלעגט יעדע וואָך שרייבען פאַר אַ רוסישער צייטונג. ער האָט זיך אומגעקוקט און מיט אויסגעשטרעקטע הענד האָט ער זיך אויפגעהויבען צו בעגריסען זיין גאַסט.

„אָט האָט איהר אַ בריעף פאַר אייך,“ האָט העלענאַ געזאָגט, דריקענדיג זיין האַנד.

„אָה,“ האָט ער אויסגערופען, „ענדליך!“

ער איז געווען אַ יונגער מאַן, 6 אָדער 27 יאָהר אַלט. זיין געזיכט, פיין געשניטען, האָט אויסגעדריקט ערנסטקייט און גוט־האַרציגקייט. אויף זיין שטערן זיינען געווען סימנים פון אַמאָליגע זאָרגען און אין זיינע אויגען האָט מען געקענט דערקענען זיין טיעפקייט אין דיינקען.

אַנדריי האָט אויפגעהויבען זיינע ברעמען און מיט אַן אונרוהיגע שנעלקייט האָט ער אויפגעריסען דעם קאָנווערט. ער האָט אַרויסגענומען אַ גרויסען בויגען פאַפּיר, בעדעקט מיט צייל[ע]ן, געשריבען, מיט אַ שנעלער און אונרעגעלמעסיגער האַנד־שריפט, איינע ווייט פון דער אַנדערער.

העלענאַ, וועלכע האָט געשיינט צו זיין אַזוי אונגעדולדיג ווי ער אַליין, איז צוגעגאַנגען נעהענטער צו איהם און האָט אַרויפגעלייגט איהר האַנד אויף זיין אַקסעל, כדי זי זאָל אויך קענען זעהן און לעזען.

„איך מיין, עס וואָלט בעסער געווען, ווען מיר זעצען זיך אַנידער, לינאַ,“ האָט דער יונגער מאַן געזאָגט. „דו פערשטעלסט די ליכט מיט דיינע לאָקען.“

דאָס צימער איז ווירקליך געווען זעהר ווייניג בעלייכטעט. איין איינציגער לאָמפּ, איבערגעהאָנגען מיט אַ גרינעם פּאַפּיר, האָט געוואָרפען עטליכע ליכט־שטראַהלען אויף איניגע פלעצער, וועהרענד אין אַנדערע ערטער אין צימער איז געווען פינסטער.

אַנדריי האָט צוגעשטעלט נאָך אַ ביינקעל צום קיילעכדיגען עסס טיש, וועלכער איז געווען פֿערלייגט מיט ביכער און פּאַפּירען, און האָט איבערגעדרעהט דעם פּאַפּיר אויף'ן לאָמפּ, אום דאָס ליכט זאָל פֿאַלען אויף דעם ווינקעל, וואו ער פֿלעגט שרייבען. העלענאַ האָט זיך געזעצט לעבען איהם, אַזוי נאָהענט צו איהם, אַז איהרע האָר האָבען זיך מעהרערע מאָל אָנגעריהרט אין זיינע. זיי האָבען עס אָבערביידע ניט בעמערקט; זיי זיינען געווען פֿערטיפֿט אין דעם בריעף.

מיט שנעלע בליקען פֿון אַ פֿרוי, איז העלענאַ אַריבערגעלאָפֿען איבער'ן זייטעל פּאַפּיר, און איז געווען די ערסטע אַרויסצוזאָגען איהר מיינונג.

„אָה, עס איז גאָר ניטאָ אין דעם בריעף," האָט זי אויסגערופֿען. „פּוסטע מעשיות! עס איז אַן עבירה די צייט וואָס מיר פֿערלירען אויף דעם."

ווי מאָדנע אַזאַ מיינונג זאָל ניט קלינגען, האָט עס, ווי עס שיינט, דאָך ניט געמאַכט קיין רושם אויף אַנדריי'ן, וועלכער האָט קאַלטבלוטיג געענטפֿערט:

„חאַפּ ניט, וואַרט אַ ווײַלע. איך דערקען דזשאָרדזש'ס האַנד־שריפֿט, און ער מישט געוועהנליך אַריין עפּעס, וואָס קומט צו נוץ צו ווייסען. עס וועט דאָך ניט געדויערן לאַנג, לאָמיר עס איבערלייענען."

ער האָט אָנגעפֿאַנגען:

„מיין ליעבער אַנדריי אַנעמפּאָדיסטאָוויטש!

„איך אייל מיך דיר מיטצוטהיילען... דורך די שטאַרקע פּרעסט... די שאָף און די יונגע בהמות..."

„נאַ, נאַ," האָט אַנדריי אונטערגעבורטשעט ביי יעדער פֿראַזע, אַזוי אָבוזפענדיג די ערסטע העלפֿט פֿון דעם בריעף.

„שאַ, אָט האָסט דו עפּעס איבער הייס־זאַכען; לאָמיר נאָר זעהן וואָס דאָרט טהוט זיך:"

„וואָס אַנבעלאַנגט אונזער הויז," האָט ער געלייענט מיט אַ טאָן פֿון איינעם וואָס לעזט פֿאָר אַ רעבנוג, „קען איך דיר זאָגען... מיין

שוועסטער קאַטהערינאַ האָט חתונה געהאַט. . . אַ מאַן אָהן עהרע, אָהן פּרינציפּען. . . דער פֿ אָ ט ע ר איז טרויעריג און. . . אונזער איינציגע האָפֿנונג איז, אַז דער ב אַ ל ז אַ ם פֿון דער צ י ט ט, וועלכער היילט אַלע וואונדען. . ."

דער לעצטער, ריהרענדער זאַץ פֿון'ם בריעף איז איבערגעהאַקט געוואָרען פֿון אַ פֿריילינען לאך, מיט וועלכען העלענאַ האָט פּלוצלינג אַרויסגעשאָסען.

„מי קען לייכט אַרויסזעהן, אַז עס איז געשריבען פֿון אַ פּאָעט," האָט זי געזאָגט.

אַנדריי האָט פֿונדעסטוועגען געהאַט געדולד צו לעזען ווייטער. ער איז אַזוי אַריבערגעלאָפֿען איבער דעם גאַנצען בריעף, פֿערשלינגענדיג די איבעריגע ווערטער אין זיך.

„יאַ, דו האָסט רעכט געהאַט, לינאַ," האָט ער ענדליך געזאָגט. „עס איז ניט כדאי געוועזען עס צו לעזען."

דאָס זאָגענדיג האָט ער זיך אומגעקוקט, אַזוי ווי ער וואָלט עפּעס זוכען.

„אָט איז דאָס," דאָט ער געזאָגט, אַראָבנעהמענדיג פֿון'ם קאַמאָד אַ שוואַרצע פֿלעשעלע, וואָס איז געשטאַנען לעבען די ספּירט-מאַשינקע, אויף וועלכער אַנדריי פֿלעגט אויפֿקאָכען זיין טהעע.

העלענאַ האָט איהם דערלאַנגט דאָס בערשטעלע, ווערהענד אַנדריי האָט לאַנגזאַם אויסגעגלייכט דעם בריעף. ער האָט נאָכדעם איינגעטונקט דאָס בערשטעלע אין דעם פֿלעשעל און האָט בעשמירט מיט דעם דאָס זייטעל פּאַפּיר עטליכע מאָל.

די שוואַרצע ציילען, וועלכע זיינען געוועזען געשריבען מיט פּראָסטע טינט, זיינען מיט אַ מאָל פֿערשוואונדען. אַ פּאָר סעקונדען איז דאָס בלעטעל געבליבען ליידיג. פּלוצלינג האָט זיך אָנגעהויבען עפּעס צו בעוועגען אויף'ן פּאַפּיר. עס האָט אויסגעוויזען, אַז עטוואָס רייסט זיך פֿון אונטער דעם. און דאַן האָבען אָנגעהויבען אַרויסצוקומען, אין גרויס איילענים, איינע נאָך די אַנדערע, בוכשטאַבען, ווערטער, גאַנצע זעצע, — דאַ, דאָרט און איבעראַל! עס איז געוועזען אַ מין אומגעלומפּערטע

לויפֿערײַ, פּונקט אַזוי ווי ס אָ ל ד אַ ט ע ן, וועלכע קומען אָן אויף דעם אַלאַרם־גלאָק, וועלכע לויפֿען אַרױס פֿון די קעמערלאַך, זיך אָנצושליסען אין זייערע רייהען.

דאַן זיינען די בוכשטאַבען געבליבען שטיל; דאָס לעבען האָט אויפֿגעהערט, די בעוועגונג איז אָבגעשטאָרבען. אין אַ ווינקעל ערגעץ האָט זיך נאָך אמת געפֿונען אַ וואָרט אָדער אַ בוכשטאַב, וואָס האָט זיך פֿערשפּעטיגט, און האָט נאָך געקעמפֿט דורכצוברעכען זיין ו ענ־ און אַזוי הינקענדיג צוצושפּרינגען אויף זיין פּלאַץ; אָבער אין דעם איבערשטען מהיל׳ פֿון׳ם בלאַט איז שוין אַלעס געווען פֿאָראיבער, אויף׳ן פּלאַץ פֿון די פֿריהעריגע נאַבגעמאַכטע בוכשטאַבען, זיינען יעצט געווען אויסגעשטעלט פֿולע צייליען פֿון ווערטער, געשריבען אין אַ גראַ־ער האַנד־שריפֿט, און וועלכע האָבען געהאַט די אויפֿגאַבע איבערצוגעבען געוויסע סעקרעטען צו די צוויי יונגע מענשען, וועלכע זיינען געזעסען אָנגעשפּאַרט אויף׳ן טיש, מיט אָנגעפֿלאַמטע פּנים׳ער און מיט אויסגעשטאַרצטע אויגען.

„איך וועל עס דיר פֿאָרלעזען!" האָט ל י נ אַ אויסגערופֿען. און איידער אַנדריי האָט נאָך פֿאַספּיעט אויסצורייידען אַ וואָרט, איידער ער האָט נאָך צייט געהאַט צו בעשיצען זיין איינענטהום, האָט דאָס אונגעדולדיגע מיידעל אויסגעכאַפּט דעם בריעף און האָט אָנגעהויבען:

> „ליעבער ברודער! איך בין בעאויפֿטראַגט פֿון אונזערע פֿריינדע דיר צו ענטפֿערן אויף דיין בריעף און דיר צו שרייבען, אַז מיר שטימען איין, פֿון׳ם גאַנצען האַרצען, מיט דיין פּלאַן צוריקצוקומען נאָך רוסלאַנד. מיר קענען דיר פֿערזיכערן, אַז אונזער וואונש, דיך צו זעהן צווישען אונז, האָט זיך דאָ אָבגערופֿען אַסך עפּטער ווי דו שטעלסט זיך פֿאָר. מיר האָבען זיך אָבער אימער צוריקגעהאַלטען דיך צו רופֿען, בערעכענענדיג די געפֿאַהר, מיט וועלכע דיין זיין דאָ איז פֿערבונדען פֿאַר דיר הויפּטזעכליך. מיר האָבען עס דאַרום איבערגעלאָזט ביז אַ מאָמענט פֿון גרויסער נויטווענדיגקייט. דיזער מאָמענט איז יעצט געקומען! דורך די צייטונגען האָסט דו געוויס געהערט פֿון אונזערע לעצטע זיגע; אָבער איך צווייפֿעל, אויב דו

וויסט, ווי טהייער זיי האָבען אונז געקאָסט. אונזער פּאַרטהיי האָט שטאַרק געליטען. איניגע פֿון אונזערע בעסטע מענשען האָבען פֿערלאָרען זייער לעבען. די פּאָליציי מיינט, אַז זי האָט אונז שוין אין גאַנצען צוקוועטשט. אָבער עס איז גאָר קיין צווייפעל ניט, אַ מיר וועלען זיך דורכדרעהען. עס זיינען יעצט דאָ מעהר מענשען ווי אַלע מאָל, וועלכע זיינען בערייט זיך צו אונז צוצושליסען, אָבער זיי זיינען נאָך ניט געשטאַנען אויף דער פּראָבע. מיר מוזען דיר יעצט האָבען. קום אַלזאָ, מיר ערוואַרטען דיך. אַלע — די אַלטע פֿריינדע, וועלכע האָבען קיינמאָל ניט פֿערגעסען אין דיר, און די נייע וועלכע זיינען אַזוי אונגעדולדיג ווי מיר אַליין דיך צו בעגריסען. קום אַזוי גיך ווי דו קענסט!"

לינאַ האָט זיך אָבגעשטעלט. עס האָט איהר ווירקליך געפֿרייט איבער אַנדריי'ן, ווייל זיי זיינען געווען זעהר בעפֿריינדעט. ווען זי האָט אויפֿגעהויבען דעם קאָפּ האָט זי איהם אַרומגענומען אין גאַנצען מיט אַ בליק פֿול פֿון סימפּאַטהיע.

זי האָט גענומען ווייטער לייענען דעם בריעף. אַנדריי האָט אַרויסגעדריקט אַביסעל זיין שטוהל און האָט איינגעבויגען דעם קאָפּ, זיך פֿערטיפֿענדיג אין זיינע געדאַנקען.

דער בריעף האָט גערעדט איבער די ענדערונגען, וועלכע האָבען לעצטענס שטאַטגעפֿונען אין דער רוסישער פּאָליטיק און איבער דער אַרבייט, צו וועלכער די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי גרייט זיך צו.

איבערקעהרענדיג דעם בריעף אויף דער אַנדערער זייט, האָט לינאַ בעמערקט פֿיעלע ווערטער פֿון דעם פֿריהעריגען נאָכגעמאַכטען בריעף. זי האָט גאָר אין גאַנצען פֿערגעסען דאָס אַראָבצוואַשען. זי האָט יעצט גענומען דאָס פֿלעשעלע איבער אַ נייעס, איז אַריבערגעגאַנגען מיט'ן בערשטעלע עטליכע מאָל, און דערזעלבער פּראָצעס, וואָס איז פֿאָרגעקומען אויף'ן ערשטען זייטעל, האָט זיך ווידערהאָלט. אָבער, די זייט פֿון'ם בריעף האָט געהאַט אַ גאַנץ אַנדערן אויסזעהן. צווישען די ווערטער, דאָ און דאָרט, האָבען זיך געפֿונען רייהען פֿון ציפֿערן, וועלכע האָבען ענטהאַלטען געוויסע סודות איבער זעהר ערנסטע זאכען. מיט

די ציפֿערן פֿלעגט מען זיך בענוצען, אום זיך צו בעוואָרענען, אין פֿאַל אַז דער בריעף פֿאַלט אַריין אין די הענד פֿון דער פּאָליציי, וועלכע האָט אַ חשד און זוכט, דורך די זעלבע כעמישע מיטלען, אויסצוגעפֿינען וואָס דאָרט טהוט זיך.

לינאַ איז ערשטוינט געוואָרען, דערזעהענדיג פֿאַר זיך אַ גאַנצען וואַלד פֿון ציפֿערן און, זיך ווענדענדיג צו אַנדריי'ן, האָט זי געזאָגט:

„קוק אָן וואָס דאָ טהוט זיך, אַנדריי! איך בין זיכער, דזשאָרדזש האָט אָנגעשטעלט מעהר ציפֿערן ווי מען דאַרף, אום דיר צו געבען אביסעל אַרבייט."

„אַ פֿיינע זאַך. חלעבען," האָט אַנדריי געענטפֿערט.

ער האָט פֿיינט געהאַט די אַרבייט פֿון אויפֿלעזען די ציפֿערן און האָט עס בעטראַכט פֿאַר אַ מין שטראָפֿע פֿון דזשאָרדזש'ן.

„ווייסט דו, לינאַ," האָט ער געזאָגט, „אַז מיר האָבען אַם וויניגסטענס 6 שטונדען אַרבייט ביי דער געשיכטע?"

„אָה ניין! ניט אַזוי פֿיעל, דו פֿוילענצער. ביי אונז ביידען וועט עס דויערן אַסך וויניגער."

„אָבער איך האָב שוין לאַנג ניט געאַרבייט דערביי; איך האָב עס שוין באַלד פֿערגעסען. דו מוזט מיר אויפֿשרייבען דעם שליסעל, דעם וועג, ווי אַזוי אויסצוגעפֿינען די בוכשטאַבען."

זי האָט עס גלייך געטהאָן, און זיי האָבען זיך ביידע אַנידערגעזעצט צו דער אַרבייט, יעדער איינער מיט אַ שטיקעל פּאַפּיר אין דער האַנד. עס איז געווען אַ שווער שטיקעל אַרבייט און די צוויי יונגע מענשען האָבען געדאַרפֿט האָבען אַ היבש ביסעל געדולד דערצו. דזשאָרדזש האָט גענוצט אַ דאָפּעלטען פֿערשטעלטען ציפֿער. מי האָט אַלזאָ צו ערסט געדאַרפֿט איבעראַרבייטען די ציפֿערן וואָס האָבען זיך געפֿונען אין דעם בריעף אויף אַנדערע, דאַן די אויסגעפֿונענע אויף בוכשטאַבען און פֿון די בוכשטאַבען צונויפֿשטעלען ווערטער. דאָס איז געווען אַ גוטע בעוואָרענים פֿאַר דער פּאָליציי. עס איז אָבער אָפֿט געווען שווער אפילו פֿאַר א י ג ע נ ע מ ע נ ש ע ן צו לעזען ריכטיג דעם סעקרעט, בעזאָנדערס, ווען די ציפֿערן זיינען געווען ניט אַזוי ריין געשריבען.

אָהן לינאַ'ס הילפֿע וואָלט אַנדריי אפשר געקומען צו פֿערצווייפֿלונג. זי איז געווען אַ גוטע לעזערין פֿון ציפֿערן. פֿאַר איהר איז גענוג געווען אויסצוגעפֿינען עטליכע ווערטער און זי פֿלעגט אָפֿט טרעפֿען די איבעריגע פֿון זיך אַליין.

נאָך צוויי שטונדען אַרבייט האָבען זיי אויפֿגעלעזט דעם ערשטען טהייל פֿון די ציפֿערן. דאָס האָט ענטהאַלטען די אַלע נייטיגע זאַכען איבער אַנדריי'ס רייזע נאָך רוסלאַנד: די נעמען און אַדרעסען פֿון די מענשען, צו וועמען ער דאַרף זיך ווענדען, אָנקומענדיג אין פעטערבורג. אַנדריי האָט זיך פֿערצייכענט אויף אַ קליין שטיקעל פּאַפּיר די אַלע אַדרעסען און דאָס אַלעס אַיינגעלייגט צו זיך אין טייסטעריל, מיט דער אַבזיכט עס אויסצולערנען אויסווייניג איידער ער פֿאָהרט אָב.

עס איז זיי אַלזאָ געבליבען די צווייטע העלפֿט פֿון די ציפֿערן; און עס איז געווען די שווערסטע.

אַ גאַנצער וואַלד פֿון ציפֿערן איז געשטאַנען פֿאַר זייערע אויגען. וואָס פֿאַר שרעקליכע סודות זיינען דאָרט געווען בעהאַלטען? אַנדריי איז געזעסען מיט אויסגעשטאַרצטע אויגען. ער האָט געברענט פֿאַר אונגעדולד עפּעס צו ערפֿאַהרען. דאָס איז אָבער געווען אונמעגליך איידער די ציפֿערן זיינען פֿערוואַנדעלט אין ווערטער.

די צוויי פֿריינדע האָבען זיך יעצט, נאָך מיט מעהר חשק ווי פֿריהער, אַ נעהם געטהאָן צו דער אַרבייט. אַנדריי האָט גענומען אויפֿלעזען יעדען ציפֿער בעזונדער, און ווען ער האָט שוין געהאַט אויף'ן פּאַפּיר ווערטער גענוג צו מאַכען דערפֿון אַ גאַנצען זאַץ, האָט ער עס פֿאָרגעלעזען אין דער הויך פֿאַר לינאַ'ן. די ערסטע ווערטער אָבער האָבען אויף איהם שוין געמאַכט אַזאַ שמערצפֿולען איינדרוק, אַז ער האָט ניט געקענט וואַרטען אויף די ענדע.

„איך בין זיכער, עטוואָס טרויעריגעס האָט געמוזט טרעפֿען מיט באָריס'ן,“ האָט ער געזאָגט. „קוק, זעה!“

לינאַ האָט אויף גיך אַ קוק געטהאָן אויף אַנדריי'ס בלעטעל פּאַפּיר און דערנאָך אויף איהרען. אַנדריי האָט קיין טעות ניט געהאַט; עס האָט זיך ווירקליך געהאַנדעלט וועגען באָריס'ן, — איינעם פון די

טיכטיגסטע און פֿעהיגסטע מענשען פֿון דער פּאַרטײ, — און דער אָנפֿאַנג פֿון'ם זאַץ האָט געקלונגען שלעכט, נאָך ערגער ווי אַנדריי האָט געדיינקט. זי האָט עס געוואוסט, ווייל זי האָט געטראָפֿען די ווייטערדיגע פּאָר בוכשטאַבען, וועלכע האָבען געדאַרפֿט אויפֿגעלעזט ווערען. זי האָט זיך אָבער איינגעהאַלטען און האָט דיקטירט ווייטער:

„פֿינף, דריי.“

„זיעבען, ניין,“ האָט אַנדריי אונטערגעהאַפּט, נאָכקוקענדיג אין שליסעל, אויסצוגעפֿינען די בוכשטאַבען.

„גיבער אַביסעל!“ האָט לינאַ אויסגעשריגען אונגעדולדיג. זעהסט דו דען ניט, אַז עס איז אַן „אַ“?“

אַנדריי האָט אַוועקגעשטעלט דעם בוכשטאַב. דאָס האַרץ האָט איהם געקלאַפּט.

דער צווייטער בוכשטאַב איז געווען אַ „ר“: נאָך ערגער ווי דער ערסטער.

דער דריטער, פֿירטער, פֿינפֿטער בוכשטאַב איז אויסגעפֿונען געוואָרען, און וואָס אַ מאָל ווייטער איז די זאַך אַלץ געוואָרען פֿאַר זיי קלאָהרער, זיכערער. זיי האָבען זיך שוין מעהר ניט געדאַרפֿט בעניצען מיט דעם שליסעל; זיי האָבען אויסגעפֿונען דאָס איבעריגע פֿון'ם זאַץ לייכט. אין עטליכע מינוטען אַרום איז אַנטקעגען זייערע אויגען געשטאַנען אַ צײלע, שוואַרץ אויף ווייס: „באָרים איז ניט לאַנג אַרעסטירט געוואָר־ען אין דובראַוניק.“

זיי האָבען געקוקט איינער אויף'ן אַנדערן, עפּעס אַזוי ווי זיי וואָלטען אין דעם מאָמענט געצווייפֿעלט אין דער ווירקליכקייט פֿון דער טרויעריגער נאַכריכט. די אַרעסטירונג פֿון אַ פֿרײנד אָדער זיין טויט, ווי ערוואַרטעט עס זאָל ניט זיין, איבעראַשט עס איך דאָך.

„אין דובראַווניק!“ האָט אַנדריי אַרויסגעפּלאַצט. „וואָס פֿאַר אַ שוואַרץ יאָהר האָט איהם געבראַכט אין דער פֿערפֿלוכטער שטאָט?“

„לאָמיר נאָר זעהן, וואָס ווייטער טהוט זיך,“ האָט איהם לינאַ בערוהיגט. „פֿיליכט וועלען מיר עפּעס אויסגעפֿינען. עס מוז זיכער זיין געוויע־עס איבער זיין אַרעסט.“

זיי האָבען זיך ווידער גענומען צו דער לאַנגוויליגער, לאַנגזאמער אַרבייט, און אין 10 מינוטען, וועלכע האָבען אויסגעוויזען אַ גאַנצע שטונדע, האָבען זיי געהאַט נאָך צוויי ציילען. זיי האָבען נאָר ערפאַהרען, אַז באָרים און נאָך צוויי פריינדע זיינען אַרעסטירט געוואָרען, נאָך אַ שטאַרקען שטרייט מיט דער פּאָליציי. דאָס איז אפילו ניט געווען קיין סך, אָבער גענוג צו צייגען, אַז די געשיכטע איז ערנסט און פערצווייפעלט. וואָס פאַר אַ ראָלע באָרים זאָל ניט האָבען געשפּיעלט אין דיזען שטרייט, ער איז יעדענפאַלס געווען אַ פער'משפּט'ער. נאָך אַ נייעם געזעץ נאָך האָבען די אַנטהייל-נעהמער אין אַזעלכע טהאַטען געדאַרפט בעשטראָפט ווערען מיט'ן טויט. און באָרים איז ניט געווען דער מאַן, צו האַלטען די הענד אין קעשענע, ווען עס האַלט ביים שלאָגען.

„אָרעמע זינאַ!“ האָבען זיי ביידע מיט אַ זיפץ אַרויסגערעדט.

זינאַ איז געווען באָרים'ס פרוי.

נאָך אַ קורצע פּויזע האָט לינאַ ווידער אויפגעלעזט נאָך עטליכע ציפערן, וועלכע האָבען אַרויסגעבראַכט דעם נאָמען פון דער פרוי, וואָס זיי האָבען נאָר וואָס דערמאָנט. „זינאַ“ ——

„זינאַ! איז עס מעגליך?“ האָט אַנדריי אַרויסגעפּלאַצט.

זיין ערשטער געדאַנק איז געווען, אַז זי איז אויך אַרעסטירט געוואָרען צווישען די אַנדערע.

אָבער נאָך עטליכע מינוטען האָבען זיי אויסגעפונען, אַז עס איז געווען אַ טעות.

„זינאַ,“ האָט עס געהייסען אין'ם בריעף, „איז געפאָהרען נאָך דובראַווניק, נאָכצושפּירען און זעהן, וואָס מי קען טהאָן באָרים'ן צו בעפרייען.“

„אָה, זיי האָבען עס אין זינען! עס פרייט מיך זעהר,“ האָט אַנדריי געזאָגט. דאָס איז נאָך אַן אורזאַכע פאַר מיין לויפען נאָך רוסלאַנד.“

דער בריעף האָט ענטהאַלטען נאָך נאַבריכטען איבער די איבעריגע אָפּפער, וועלכע זיינען אַריינגעפאַלען אין די הענד פון דער רעגירונג און איבער דעם אַנגאַנג פון דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג. דאָס אַלעס איז זיי שוין ניט אזוי שווער געווען אויסצוגעפינען, ווייל די ציפערן

האָבען אָנגעהויבען צו ווערן לייכטער. די צוויי יונגע מענשען האָבען אויפגעאַטהעמט פריי. נאָך די שמערצען וואָס זיי האָבען געהאַט, לעזענדיג די טרויעריגע נייעס איבער די אַרעסטען, האָבען זיי יעצט אָבגעלעבט פון׳ם לעבעדיגען טאָן, וועלכען דער בריעף האָט געהאַט צו ענדע. דאָס איז געווען דזשאָ־דזש׳ם פּאָעטישער גייסט, וועלכער האָט זיך אויסגעגאָסען, איינפליסענדיג מוטה אין זייערע הערצער.

„יאַ, עס וועט מוזען קראַכען! די געדולד וועט פּלאַצען גאָר אין גיכען,” האָט לינאַ אויסגעשריגען.

און דאָס זאָגענדיג האָט זי זיך אויפגעהויבען, אויסצוגלייכען אַביסעל איהרע גלידער, ארומגעהענדיג איבער׳ן צימער אַהין און אַהער. זי האָט דערנאָך גענומען דעם בריעף, האָט איהם געהאַלטען אַ ווײַלע איבער׳ן לאָמפּ איהם אָבצוטריקענען, און האָט אָנגעצונדען אַ שוועבעלע מיט דער אַבזיכט איהם צו פערברענען.

„אַה, נאָך ניט!” האָט אַנדריי איבערגעשלאָגען אויף גיך.

„וואַרום? האָסטו דען ניט איבערגעשריבען דעם אַדרעס?”

„יאַ; אָבער איך וויל נאָך האַלטען דעם בריעף אַ ווײַלע.”

„צו וואָס? ער זאָל אַריינפאַלען צו אַ פרעמדען אין די הענד?”

האָט דאָס מיידעל געפרעגט מיט אַ שאַרפען טאָן.

אַנדריי האָט געזאָגט, אַז אין דער שווייץ האָט מען ניט וואָס מורא צו האָבען פאַר אַזעלכע זאַכען. לינאַ האָט זיך אָבער ניט אַזוי לייכט געלאָזט איבעררײדען; אַזוי ווי דאָס רוב פרויען, וועלכע נעהמען אנטהייל אין פערשווערונגען, האָט זי אָבגעהיט די געזעצע מיט דער גרעסטער שטרייגנקייט.

„אפשר וואָלט מען מיט דיר געמאַכט אַ שטיקעל פּשרה,” האָט זי געזאָגט שוין מיט אַ ווייכערן טאָן.

זי האָט אָבגעריסען די ערסטע העלפט פון׳ם בריעף, וועלכע האָט גערעדט איבער אַנדריי׳ן פּערזענליך, און האָט, מיט פאָרזיכטיגקייט, אויסגעמעקט די עטליכע ציפערן, וואָס האָבען זיך דאָרט געפונען.

„דו ווילסט דאָך נאָך אמאָל דורכלעזען דיזען טהייל, הא?” האָט זי געפרעגט.

„זאָל זיין אַזוי. אָהנע צווייפעל געפעלט מיר דיזער טהייל בעסער, או איך גיב אויף מיין טענה אויף דאָס איבעריגע," האָט אַנדריי געענטפערט, ווערהרענד לינאַ האָט זיך איינגעבויגען צום אויווען און האָט פערברענט די אַנדערע העלפט פון דעם בריעף, צוזאַמען מיט די צוויי בויגעלאַך פאַפיר, אויף וועלכע זיי האָבען געאַרבייט. דאָס אָבגעטהאָן איז זי געוואָרען רוהיגער און האָט זיך צוריק אַנידערגעזעצט אויף איהר שטוהל.

„הייבט עס, אַז דו פערלאָזט אונז אַנדריי," האָט זי געזאָגט, אַזוי װי זי װאלט ריידען פון שלאף.

די לעצטע ווערטער איהרע זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרען מיט האַרץ; זי האָט יעצט געקוקט מיט אַסך ליעבענדערע או גען ווי אימער אויף איהר פריינד. די וואָס בלייבען, ווערען אימער געריהרט פון איינעם, וואָס פערלאָזט אַ פלאַץ, וואו ער איז געוועזן פעראייבערט מיט זיין שטיקעלע פרייהייט, און שטעלט איין זיין לעבען, ווידער אַ מאָל, אין סכנה, פאהרענדיג צוריק אין רוסלאַנד.

„מיינסט דו טאַקי באַלד צו מאַכען דיין רייזע?" האָט זי וויטער געפרעגט.

„געוויס," האָט אַנדריי געענטפערט. „דאָס געלד און דער פאַס, האָף איך, וועלען דאָ זיין אין דריי, פיער טעג. עס וועט זיין צייט גענוג צו מאַכען מיינע פאָרבערייטונגען."

און נאָך אַ קליינע פאוזע האָט ער פאָרטגעזעצט:

איך וואָלט וועלען וויסען, אויב זיי האָבען שוין אויסגעפונען זיין נאָמען."

„וועמען מיינסט דו?" האָט זי געפרעגט.

„באָריס'ן. וועמען דען זאָל איך מיינען?"

„איך מיין, אַז זיי האָבען עס אַזוי גיך ניט געקענט ערפאַהרען," האָט לינאַ געענטפערט. „באָריס איז נאָך קיינמאָל ניט געוועזן אין דובראַווניק. און אַחוץ דעם וואָלט דאָך דושאָרדוש ערווינערט עפּעס אַ וואָרט איבער אַזאַ וויכטיגע זאַך."

„הלואי זאָל עס זיין אמת," האָט אַנדריי געזאָגט. „עס וואָלט לייכטער געוועזן איהם צו בעפרייען אין אַזאַ פאַל."

זי האָבען נאָבדעם געגומען ריידען וועגען דער געשעפֿטס־זייט פֿון זיין רייזע. לינאַ האָט געהאַט אַביסעל ערפֿאַהרונג אין דעם אריבערטראַנספּאָרטירען אַ „טרפה׳ן" איבער דער גרענעץ. זי האָט איהם געזאָגט, ווי אַזוי ער דאַרף זיך אויפֿפֿיהרען.

„ווען דו וועסט זיין דאָרט, אין דער בורענינ׳ע, דאַרפֿסט דו ניט פֿערגעסען אין אונז, דאָ. דו מוזט שרייבען, ווען עס איז, צו מיר אָדער צו וואַסיל׳ן. איך וויל אויך צוריקפֿאָהרען. דו וועסט עס פֿאַר מיר בעזאָרגען, אויב דו וועסט קענען, האַ?"

„מיט פֿערגניגען. נאָר שאַ, וואו איז עדגעין וואַסילי אַליין? פֿאַר וואָס האָסט דו איהם ניט מיטגעבראַכט מיט דיר?"

„ער איז ניט געווען אין קאַפֿע־הויז. איך האָב איהם געשיקט זאָגען, ער זאָל קומען אַהער. וואַהרשיינליך איז ער ניטאָ אין דערהיים ער האָט געמוזט געהן אין טהעאַטער."

זי האָט אַריינגעשטעקט די האַנד אין טאַש און האָט פֿון דאָרט אַרויסגענומען אַ גרויסען אַלט־מאָדישען גאָלדענעם זייגער. דיזער זייגער איז מיט איהר געווען אין סיביר. ער האָט איהר גענוצט פֿאַר אַ צייט־ווייזער, אָבער זעהר אָפֿט פֿלעגט ער ליגען אַלס משכון, פֿאַר זיך אָדער פֿאַר אַ פֿריינד, ביים „פֿעטער" אין פאון־שאָפּ.

„אָה, ווי שפּעט עס איז!" האָט לינאַ אויסגעשריגען. „שוין נאָך צוועלף. איך מוז לויפֿען אַהיים, איך דאַרף מאָרגען אויפֿשטעהן פֿריה געבען מיינע שטונדען.

„און איך צו מיין ליטעראַרישע אַרבייט," האָט אַנדריי בעמערקט.

„יאַ, איך האָב גאָר פֿערגעסען," האָט זי זיך אָבגערופֿען. דו מוזט זעהן, איידער דו פֿאָהרסט אַוועק, אַז איינער פֿון אונזערע זאָל איבערנעהמען דיין אַרבייט, דאָ."

„אָה, געוויס. עס וועט זיין ווי צוגעפּאַסט פֿאַר וואַסיל׳ן. פֿאַר איהם וועלען אַבציג פֿראַנק אַ מאָנאַט זיין גענוג צום לעבען."

„נאַטירליך," האָט זי געענטפֿערט.

„ער וועט דערפֿון אפילו האָבען גענוג, דיר אַמאָל מיטצונעהמען אויף א קאָנצערט אָדער אין דער אָפּעראַ."

זי איז רויט געוואָרען. אַנדריי האָט ליעב געהאַט צו מאַכען מיט איהר אַזאַ שפּאַס אַמאָל.

„וואַסילי איז אַ מאַן פֿון פֿעסטע פּרינציפּען. יעדענפֿאַלס,“ האָט זי געזאָגט מיט אַ שמייכעל אויף די ליפּען. „נאָר, גוטע נאַכט! איך וויל מיך יעצט מיט דיר ניט קריגען.“

ער האָט גענומען דעם לאָמפּ, איהר אַראָבצוליייכטען די טרעפּ און איז מיט שטילע טריט צוריק אַריין אין זיין איינזאַמעם צימער.

ער איז געווען ענטשלאָסען צו געהן שלאָפֿען. ער האָט אויסגעבעט די בעט, אָבער עס איז געווען נוצלאָז. ער האָט ניט געקענט שלאָפֿען: ער איז געווען זעהר אויפֿגערעגט.

די לעצטע בלעטלאַך פֿון זיין לעבענס-געשיכטע האָבען זיך גענומען איבערמישען אין געדאַנקען. דריי יאָהר, דריי לאַנגע יאָהר זיינען אַוועק, זייט ער איז געצוואונגען געווען צו פֿערלאָזען רוסלאַנד, זייענדיג פֿערמישט אין פֿער־שווערונגען. אין דער צייט האָט ער אומזיסט געזוכט אַ בעשעפֿטיגונג, וועלכע זאָל איהם צופֿרידענשטעלען. ער האָט זיך ניט געקענט צופּאַסען צו דער אויסלענדישער בעוועגונג. ער איז געווען צו ענג צוגעבונדען צו רוסלאַנד — צו דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג דאָרט.

וויפֿיעל מאָל האָט זיך איהם אין דער צייט געיאַוועט אַ געדאַנק איבערצולאָזען אַלעם אין אויסלאַנד און אַוועק צוריק אַהיים. אָבער ער פֿלעגט זיך פֿרעגען, אויב עס לוינט זיך, אויב ער וועט ניט זיין אַ צו גרויסע לאַסט אויף זיינע קאַמעראַדען, וועלכע וועלען מוזען פֿערווענדען צופֿיעל מיה, איהם צו האַלטען אין זיבערהייט, און, ענדליך, אויב ער וועט קענען עטוואָס טהאָן. אַזוי איז אַוועק די צייט, ביז דער בריעף פֿון דזשאַרדזש'ן איז אָנגעקומען. ענדליך, ענדליך וועט ער זיין דאָרט. און מ׳ רופֿט איהם! זיין אַרבייט איז נויטיגענדיג. ער פֿעהלט דאָרט. ווי גליקליך ער איז!

מיט די געדאַנקען האָט אַנדריי אַרומגעשפּאַצירט, אַהין און אַהער, איבער׳ן צימער׳ל, וועלכער האָט אויסגעזעהן אַזוי ווי אַן ארון פֿון אַ מת. פּלוצלינג האָבען זיך געהערט קלעפּ פֿון אונטען. עס איז געקומען

פֿון'ם שכן, וועלכער האָט געוואוינט אַ שטאָק נידעריגער, פונקט אונטער אַנדריי'ס צימער. די טריט פֿון'ם אויפֿגערעגטען יונגען מאַן האָבען איהם ניט געלאָזען שלאָפֿען און ער האָט מיט אַ לאַנגען שטעקען אַרויפֿגעטעלעגראַפירט זיין פּראָטעסט.

„אַה," האָט אַנדריי אויסגערופֿען. „עס איז הערר קאָרנישאָן. דער גוטער מאַן וויל שלאָפֿען און איהם האַרט ווייניג וואָס, אויב די רוסישע רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג געהט אָן אָדער ניט.

ער האָט זיך אָבגעשטעלט אויף אַ ווײַלע, אויסצודריקען זיין בעדויערן וואָס ער האָט געשטערט זיין שכן'ס שלאָף. דאָס קלאַפּען האָט באַלד אויפֿגעהערט.

אַזוי ווי ער האָט ניט געוואָלט שלאָפֿען און האָט ניט געקענט בלייבען שטיל, כל זמן ער איז אויף די פֿיס, איז ביי איהם געבליבען אַרויסצוגעהן אַביסעל אויף אַ שפּאַציר אין דער פרישער פריהלינגס־לופֿט. ער האָט אויסגעלאָשען דעם לאָמפּ, צוגעשלאָסען דעם צימער און געלאָזען דעם שליסעל, אַזוי ווי געוועהנליך, אונטער'ן טהיר.

II.

היים־ווייהען.

אין אַ פּאָר מינוטען אַרום איז אַנדריי געווען אין דרויסען. עס איז געווען אַ שיינע נאַכט. די פֿולע לבנה האָט אַראָבגעשיינט פֿון'ם קלאָהרען בלויען הימעל. ער איז דורכגעגאַנגען דאָס שמאָלע געסעל, וואו זיין וואוינונג האָט זיך געפֿונען און איז אַריין אין אַ פּיער עקיגע גאַס, בעזעצט מיט ביימער אַרום און אַרום. ער האָט אייגענטליך ניט געוואוסט בעשטימט וואוהין צו געהן. איהם האָט זיך געוואָלט אַרויס פֿון די קליינע געסלאַך, ווייט אין פֿעלד אַריין. ער האָט גענומען שפּאַנען ווייטער.

און שפאַנענדיג האָט זיך געדרייכקט. זיין מוח איז געווען פֿול מיט בילדער פון זיין נייער אונטערנעהמונג, פון זיין רייזע. עטליכע טעג שפּעטער וועט ער זיך געפינען פֿעררוקט, טויזענדער מיילען ווייט פון דיזען לאַנד, אין אַן אַנדער וועלט, צווישען אַ גאַנץ נייעם צירקעל, גאַנץ נייע אומשטענדען. וואָס פאַר ענדערונגען וועט ער געפינען אין פעטערבורג! פון זיינע אַלטע קאַמעראַדען זיינען קוים געבליבען עטליכע געציילטע. פון זיי זיינען נאָר צוויי און ניט מעהר אין פעטערבורג. די איבעריגע זיינען נייע, פֿרישע פנים׳ער, וועלכע זיינען צוגעקומען אין די דריי יאָהר פון זיין אַבוועזענהייט.

וועט ער מיט זיי קענען שטימען? וועט איהם מעגליך זיין מיט זיי צוזאַמען צו אַרבייטען? אָבער עס מאַכט ניט! ער האָט געהאַט צוטרויען אין זיין אייגענער פערזאָן. ער איז געווען פעהיג צו לעבען האַ־מאָניש.

ער האָט אָנגעהויבען צו געהן אַביסעל לאַנגזאַמער. ער האָט בעטראַכט די פֿאַנטאַסטישע געגענד, די פעלדער און די וויינגערטנער אַרום איהם. ער איז אַרויף אויף אַ בערגעל און האָט פון דאָרט בעטראַכט די גאַנצע פראַכטפֿאָלע סצענע. עס איז געווען דאָס לעצטע מאָל, וואָס ער זעהט אַזאַ שיינעם בילד פאַר זיינע אויגען. ער איז אַ ווײַלע געווען צופרידען, אָבער באַלד האָבען איהם זיינע געדאַנקען גענומען מאַטערן. ער האָט זיך דערמאָנט אין דערהיים. אַך, צעהנדליגע, ניין! הונדערטער פון זיינע ברידער און שוועסטער זיינען געבליבען אין רוסלאַנד, האָבען אויפֿגעאָפּפֿערט זייער לעבען פאַר דעם קאַמפף מיט דער טיראַניי. פאַר וואָס זשע לעבט ער?

אָט די פֿראַגע האָט איהם מעהר ווי איינמאָל פֿערוויטאָגט דאָס האַרץ.

פלוצלינג האָט זיך אין זיין געדאַנקען ערוועקט אַ שרעקליכע ערינערונג. פאַר זיינע אויגען איז געשטאַנען אַ שוידערהאַפֿטעס בילד.

עס איז נאַכט. אַ האַלב פינסטער קעמערל אין איינעם פון די רוסישע אַסטראָגען. דער אַרעסטאַנט, — אַ רוסישער סטודענט — ליגט אויסגעצויגען אויף אַ שטרוי־זאַק. זיינע הענד און פיס שטאַרק ארומגעבונדען מיט שטריק. זיין קאָפּ און זיין גאַנצער קערפער בעדעקט

מיט וואונדרען. נאָר וואָס האָבען איהם די וועכטער געשלאָגען מכות רצח, דערפֿאר וואָס ער איז ניט געווען אַזוי געהאָרכזאַם. אין זיינע ליידען זיך מוטשענדיג, האָט ער נאָכגעדיינקט נאָך דעם איינציגען וועג פֿון ראַבע, וועלכער איז איהם איבערגעבליבען — זיך צו נעהמען דאָס לעבען. פֿ י י ע ר זאָל זיין דאָס מיטעל. אין מיטען נאַכט, ווען אין קערקער, איבעראַל, איז שטיל, ווענדעט ער אָן זיינע לעצטע קרעפֿטען און הויבט זיך אויף פֿון זיין געלעגער. ער נעהמט אַראָב מיט'ן מויל דאָס הייסע גלעזעל פֿון'ם לאָמפּ, פֿער'שרפֿה'נדיג זיינע ליפּען. מיט די ציין שרויפֿט ער אָב דעם ברענער און בעגיסט זיין שטרוי=זאַק מיט קעראָסין. ער ציהט דערנאָך אַרויס דעם ברענענדען קנויט, וואַרפֿט ער עס אַרויף אויף'ן מאַטראַץ און ציהט זיך אַליין ווידער אַ מאָל אויס אויף זיין געלעגער, וועלכער איז אין הוילע פֿלאַמען. אָט אַזוי ליגט ער, אָהנע אַ־ויסצולאָזען אַ קרעכץ, ווערהענד דאָס העלישע פֿייער ברענט שוין אויף איהם און סמאַליעט איהם אַרום זיין לייב. ווען דין וועכטער דערפֿילען דעם רויך, לויפֿען זיי גלייך אַריין, זיי געפֿינען איהם האַלב פֿערברענט, מעהר טויט ווי לעבעדיג.

דאָס איז ניט קיין בבא מעשה, ניט קיין געשיכטעלע פֿון „טויזענד און איין נאַכט". עס איז אַ שרעקליכע ווירקליכקייט. גאַצע מאָנאַטען לאַנג האט דיזעס בילד פֿערפֿאָלגט אַנדריי'ן, און יעצט האָט זיך עס, גאָר אויף דאָס ניי, אַזוי לעבעדיג פֿאָרגעשטעלט פֿאַר זיינע אויגען, פּונקט ווי ער וואָלט עס ערשט נעכטען געזעהן.

און אין דערזעלבער צייט, ווען אָט אַזעלכע אונערהערטע מעשים ווערען אָבגעטהאָן דאָרט, אין זיין היים, מיט וואָס האָט ער זיך בעשעפֿטיגט? ווי אַזוי איז עס איהם געגאַנגען? ער איז זיך געבליבען אין זיבערהייט, געלעזען פֿיינע ביכער און בעוואונדערט די שיינקייטען פֿון דער נאַטור, די ערהאַבענהייט פֿון קונסט. און אַ שטימע האָט איהם געקלונגען אין די אויערן, עס איז געווען זיין געוויסען, וועלכער האָט געפֿרעגט: „ווי? האַלט דיר ווירקליך קיין אַנדער זאַך ניט אָב צו פֿאָהרען צוריק, נאָר די פֿאָרזיכטיגקייט פֿון דיינע פֿריינד? וואָלסט דו טאַקי אין אמת'ן, אַזוי מיט'ן גוטען ווילען, זיך אָבגעזאָגט פֿון דער זיכערהייט און

אַריינגעוואָרפֿען דיינע הענד און פֿיס אין די אייזערנע קייטען ? וואָלסט דו ווירקליך איבערגעביטען דיין צימער אויף אַ פֿינסטער קעמערל אין איינע פון די רוסישע פֿעסטונגען ?"

אין דעם אונגאַטירליכען לעבען, וועלכען ער האט ביז אַהער געפֿיהרט, וואס האָט ער געקענט ענטפערן אויף די פֿראַגען, וועלכע האָבען איהם געהאַלטען אין איין נאָגען ? ער פֿלעגט זיך אליין פֿערענטפֿערן מיט פוסטע פֿראַזען. ער פלעגט זיך אויף אַ ווילע זובען אָבצונאַרען. עס איז איהם אָבער ניט אימער געלונגען אויף אַזאַ אופן איינצושטילען, זיין געוויסען, וועלכער האָט ניט אָבגעטראָטען פון איהם.

אָט די אַלע געדאַנקען, צונויפֿגעמישט, אָהן אַ סדר, האָבען אַנדריי'ן געמאַטערט, ביז וואַנען ער איז ווידער געקומען צו דענקען איבער זיין רייזע. ער האָט זיך אַזוי ווי אויפֿגעחאַפּט פֿון שלאָף. אָט די אַלע זאַבען זיינען דאָך שוין אַריבער. ער געהט יעצט צוריק. זיין געוויסען וועט יעצט אַנשוויגען ווערען. ער וועט יעצט זיין צופֿרידענגעשטעלט.

און דער שטראָם פֿון געדאַנקען האָט איהם ווידער אַ מאָל אַריבערגעטראָגען אין רוסלאַנד צווישען זיינע פֿריינדע, מיט וועלכע ער וועט אין איינעם אַרבייטען. ער האָט זיך דערמאָנט אין דזשאָרדזש'ס בריעף, און ער האָט געלאַכט פון די בעריהמעריי פון דער פּאָליציי, וועלכע מיינט, אַז אַלעס איז צו ענדע, אַז זי האָט שוין אַוועקגעראַמט אַלע פֿרייהייטס־קעמפּפֿער. אָה, די נאַרען! די אַרבייט הויבט זיך ערסט אָן. די רעכנונג איז נאָך ווייט אונטערגעצויגען צו ווערען.

אַזוי האָט אַנדריי פֿאַנטאַזירט, זיך אַראָבלאָזענדיג פֿון בערגעל. די נאַכט האָט זיך דערווייל אָנגעהויבען אַוועקצורוקען. די לבנה איז אונטערגעגאַנגען, די שטערן האָבען אָנגעהיבען צו פערשווינדען און דער הימעל איז געוואָרען וואָס אַ מאָל קלאָהרער.

אַנדריי האָט זיך ענטשלאָסען צו געהן גלייך אַהיים. עס איז שוין ווירקליך צייט געוועזן. ער האָט געהאַט אַסך אַרבייט אויף מאָרגען און וועט ניט קענען שלאָפֿען שפּעט.

ער האָט זיך געלאָזט געהן אויף'ן גלייכען וועג צוריק. אין אַן אַנדער צייט וואָלט ער פֿילייכט געהאַט לוסט צו מאַבען אומוועגען

צו געהן איבער בערג און טהאָלען, יעצט אָבער איז ניט געווען די צייט דערצו. ער האָט זיך געאיילט צוצוקומען וואָס גיכער צו דער שטאָט.

אין פֿערשידענע ערטער האָט זיך שוין אָנגעהויבען צו הערען דער רעש פֿון טאג. אַ פֿערד, אין אַ געשפאַן, אַליין אָהן אַ בעל הבית, אַזוי ווי מ׳ קען עס אָפֿט טרעפֿען אין דער שווייץ, איז זיך געגאַנגען אַזוי ברייט און מיט אַזאַ שטאָט, אַז אַנדריי׳ן האָט זיך פֿערגלוסט צו מאַכען אַ שפּאַס מיט איהם. ער איז איהם געגאַנגען אנטקעגען, האָט איהם געגעבען אַ לייכטען קלאַפּ אין פלייצע און מיט אַ שמייכעל האָט ער איהם געפֿרעגט, וואָס פֿאַר אַ וועג איז דער קירצעסטער צו איהם אַהיים.

דער פֿערד האָט זיך אפילו ניט אומגעקוקט און איז געגאַנגען זיין וועג, פונקט אַזוי ווי אַ בכבוד׳יגער, צופֿרידענער מאַן, וועלכער געהט אין געשעפֿט.

„נו, עס פֿערשטעהט זיך,״ האָט זיך אנדריי געטראַכט, געהענדיג ווייטער. „מ׳ קען דאָך ניט ערווארטען, אַז אַ פֿראַנצויזישער פֿערד זאָל פֿערשטעהן רוסיש. איך האָב געדאַרפֿט מיט איהם ריידען אין זיין מוטער=שפּראַך.״

אין צוואנציג מינוט איז ער געווען ביי זיין הויז. צוקומענדיג ניט ווייט פֿון זיין טהיר איז ער ערשטוינט געוואָרען צו זעהן אַ פּאַס פֿון ליכט, אַרויסשיינענדיג פֿון זיין צימער. ער דאָט, דוכט זיך, אויסגעלאָשען דעם לאָמפּ און פֿערשלאָסען די טהיר. ער האָט זיך אָבער לאַנג ניט געוואונדערט. אַריינקומענדיג אין צימער האָט ער בעמערקט, אַז אַ מאַן ליגט אויסגעצויגען אויף זיין בעט. דער לאָמפּ איז געשטאַנען לעבען איהם. צוגעהענדיג נעהענטער האָט אַנדריי דערקענט דעם מאַן. זיינע קליידער האָבען איהם פֿערראַטהען.

„אַה, וואסקא!״ האָט אַנדריי אויסגערופֿען און האָט זיך גלייך צוריקגעחאפּט, ניט וועלענדיג איהם אויפֿוועקען.

דאָס איז געווען וואסילי, וועלכער האָט ערהאלטען די נאכריכט פֿון לינא׳ן שפּעט ביינאכט און איז גלייך געקומען נאָכפֿרעגען

אויף'ן בריעף. ניט געפינענדיג אַנדריי'ן אין דערהיים, האָט ער זיך ענטשלאָסען צו וואַרטען ביז וואַנען ער וועט קומען און איז דערווייל אזוי אַנשלאָפען געוואָרען. אויף דער ערד, לעבען בעט, איז געלעגען דער בוך, מיט וועלכען וואַסילי האָט פרובירט פערטרייבען די צייט.

אַנדריי האָט זיך אַרומגעקוקט. ער האָט געוואָלט געפינען אַ פּלאַץ, וואו זיך צוצושפּאַרען, אָהנע אויפצואוועקען זיין פריינד. ער האָט ניט געפונען קיין אַנדער מיטעל, ווי נאָר זיך אויסצובעטען אַ בעזונדער געלעגער. ער האָט אויסגעשפּרייט אויף דער ערד אַ גרויסע צייטונג. זיין ווינטער־ראָק האָט איהם געדיענט פאַר אַ מאַטראַץ און אַ מאַנטעל האָט ער גענומען אַלס צודעק. עס האָט אַלזאָ געפעלט אַ קישען. וואַסילי האָט געהאַט צו קאָפּענס צוויי קליינע קישעלאַך, וועלכע יעדע בעל הבית'טע גיט, געוועהנליך, איהר לאָדזשער. אַנדריי האָט קיין ספק ניט געטראַכט. פאַר זיין גאַסט איז גענוג געווען איינע. אַריינרוקענדיג, אָהן צערעמאָניעס, די האַנד אונטער זיין פריינד'ס קאָפּ, האָט ער אַרויסגעשלעפּט איינע פון די צוויי קישעלאַך. וואַסילי איז אזוי איבערגעשלאָגען געוואָרען פון שלאָף און האָט אין אָנהויב געשיינט צו זיין ברוגז'לאַך דערפאַר, דען ער האָט עפּעס אַרויסגעבורטשעט עטליכע אונצופרידענע ווערטער. ער איז אָבער גלייך צוריק רוהיג געוואָרען, און איז זיך געשלאָפען ווייטער.

אַנדריי האָט זיך אויסגעטהאָן, האָט אַנידערגעלייגט זיין זייגער ביים זייט, אום אויפצושטעהן צו דער צייט, און אַזוי גיך ווי ער האָט אַנידערגעלייגט זיין קאָפּ אויף'ן קישען איז ער איינגעשלאָפען.

◆◆◆◆◆◆◆◆◆◆◆◆◆◆◆◆◆◆◆◆◆◆◆◆◆◆◆◆◆◆◆◆◆◆◆

III.

אויף'ן גרענעץ.

ש מ ו א ל ס ו ס ע ר אָדער, ווי מי האָט איהם גערופען, שמואל דער רויטער איז דער הויפּט מעקלער אין א י ש ק י, אַ שטעטעל ביי דער ליטווישער גרענעץ. דערצו האַלט ער אַ קרעטשמע, וואו די יעניגע, וועלכע פאָהרען דאָ דורך, זאָלען האָבען וואו איבערצוחאַפּען עפּעס.

און שמואל טויג זיך אוים צו זיין געשעפֿט. ער איז פֿלינק און שטעלט יעדען איינעם צופֿרידען אויף'ן בעסטען אָרט.

שמואל איז היינט צופֿרידען. ער קוקט אַרוים אויף עפּעס. ער ערוואַרטעט מיט אונגעדולד דעם צוג, וועלכער דאַרף באַלד אָנקומען פֿון פּעטערבורג.

אין דער פֿריה האָט ער ערהאַלטען אַ טעלעגראַמע פֿון ד א ו י ד ס ט י ר ן, אַ אידישער סטודענט, וועלכער האָט געמאַכט חברותא מיט די ג ו י ם, די מורדים במלכות, און „וועלכער האַלט יעצט פֿאַר זיי די גרענעץ". אין אַ פֿערשטעלטער שפּראַכע, וועלכע זיי האָבען פֿון פֿריהער צווישען זיך אָבגעמאַכט, האָט דאויד מיטגעטהיילט דעם מעקלער, אַז היינט, מיט דעם אַבענד-צוג, קומט ער מיט נאָך דריי פֿריינדע זיינע, וועלכע דאַרפֿען אַריבערגעהן דעם גרענעץ.

דריי מענשען צו 10 רובעל אַ קאָפּ איז, דוכט זיך, ניט קיין שלעכטער מסחר אין איין טאָג. שמואל דער רויטער אָבער איז היינט ניט געוועזען צופֿרידען מיט דעם. ער האָט גערעכענט דיזעס מאָל צו קריגען עפּעס מעהר פֿאַר זיין טרחה. עס איז גראַדע געוועזען די צייט פֿון „פּריזיוו" און איף דער גרענעץ קוקט מען יעצט מיט אָפֿענערע אויגען ווי אימער. מ׳ גיט אַכטונג איף די אידישע יונגע לייט, זיי זאָלען ניט אַוועקצען אין גאַנצען דעם פּריזיוו. . . און אין אַזאַ צייט איז גאָר קיין עולה ניט חלעבען, אַז אַן „אָרענטליכער" מעקלער, אַזוי ווי שמואל, זאָל מאַכען אַ פּאָר רובעל „עקסטראַ".

דאַויד איז אָבער ניט פֿון די, וואָס לאָזען זיך מעלקען. ביי איהם איז שווער אַרויסצוקריגען מעהר ווי דער פּריז איז. פֿונדעסטוועגען דאַרף מען פּראָבירען. מ׳ דאַרף נאָר וויסען, ווי אַזוי אָנצוציהען אַ שמועה מיט איהם.

דער פֿייף פֿון אַ לאָקאָמאָטיוו האָט זיך געלאָזט הערען און האָט אָנגעזאָגט, אַז דער פּעטערבורגער צוג איז אָנגעקומען.

„אָט זיינען זיי," האָט זיך שמואל געטראַכט, און איף זיינע ליפּען האָט זיך געוויזען אַ גנב'ישער שמייכעל, אָנגיסענדיג אין דערזעלבער צייט אַ גלעזעל בראָנפֿען פֿאַר אַ זשאַנדאַרם.

באלד האָט זיך די קרעטשמע אָנגעהויבען אָנצופילען. איינינע בויערן־פרויען פון'ם דערפעל זיינען אריין אינעווייניג, ריידענדיג אויפ'ן קול איבער די פּאַסירונגען פון'ם היינטיגען מאַרק. פון וואַנען די זיינען יעצט געקומען. צוויי זשאַנדאַרמען, וועלכע מי האָט נאָר וואָס איבערגעביטען די וואַך, זיינען אַריינגעקומען נעהמען אַ כוס. אַחוץ זיי זיינען פערשידענע אַנדערע איינוואוינער פון שטעטעל אַריינגעקומען און ארויסגעגאַנגען, נאָר דאויד איז ניט געווען צו זעהן. אַ גאַנצע שטונדע איז אריבער זייט דער צוג איז אָנגעקומען. שמואל האָט שוין גערעכענט ניט אַנדערש, אז דאויד האָט זיך פערשפעטיגט און וועט ערשט קומען מיט'ן מאָרגענדיגען צוג. ער האָט זיך געפרייט וואָס ער וועט יעצט האָבען אַ צוטשעפ צו בעטען אַ הוספה.

ווען שמואל האָט זיך אָבער אומגעקוקט אין אַ פּאָר מינוטען ארום, האָט ער דערזעהן דאויד'ן זיצען ביי איין טישעל מיט די צוויי זשאַנדאַרמען, וועלכע האָבען זיך גאָר ניט אומגעקוקט אויף איהם. שמואל האָט איהם דערלאַנגט אַ גלאָז ביער, פאַר וועלכע ער האָט באלד בעצאָהלט, ניט אויסריידענדיג קיין וואָרט. ער האָט אויסגעטרונקען די ביער און איז אַרוים פון קרעטשמע, פונקט אַזוי ווי ער וואָלט מעהר ניט אַריין, נאָר צוליעב דעם צוועק.

אַ ביסגעהענדיג אין גאַס האָט זיך דאויד אָבגעקעהרט אין דער צווייטער זייט פון'ם הויז און איז אַריין אין קיך דורך אַ הינטער־טהיר. עס איז געווען דונקעל אין קיך און ניט בעמערקענדיג, האָט דאויד אַרויפגעטראָטען אויף דאָס ציגעלע וואָס איז געלעגען ביים טהיר. עס האָט דערלאַנגט אַ שפרונג און האָט איבערגעשראָקען די הון, וועלכע האָט געחאַפּט אַ דרימעל אין אַ ווינקעל פון'ם צימער. דאויד האָט זיך ניט געמאַכט וויסענדיג און איז דורכגעלאָפען אַ פינסטערן קאָרידאָר. ער האָט אָנגעצונדען אַ שוועבעלע און האָט אויסגעפונען די הילצערנע טרעפ, וועלכע ער איז מיט שנעלע טריט אַראָב און פון דאָרט גלייך אַריין אין אַ קליינעם, שמוציגען צימער, וואו שמואל דער רויטער פלעגט אויפנעהמען די יעניגע, מיט וועלכע ער האָט געהאַט אָבצומאַכען זיינע גרעסטע מסחרים.

דער מעקלער האָט שוין געוואָרט אויף איהם. אַזוי גיך ווי דאויד איז אריוס פֿון שיינק, האָט שמואל אַרויפֿגערופֿען זיין ווייב און האָט איהר אַנידערגעשטעלט אויף זיין פּלאַץ, אין סטאָיקאָ, און ער איז גלייך אַראָב אונטען.

„שלום עליכם אייך, וואָס זשע מאַכט איהר עפּעס, ר' שמואל?" האָט דאויד אין פּראָסט אידיש געזאָגט. „איהר האָט מיך אַפּנים ניט ערוואַרטעט צו האָבען דאָ אַזוי גיך."

„איך האָב גערעכענט, אַז איהר וועט שוין גאָר ניט קומען, הערר דאויד, — ס'הייסט היינט, מיין איך. איך האָב געדיינקט, איהר וועט קומען מאָרגען."

„איך האָב געהאַט עפּעס צו פֿערזאָרגען," האָט דער יונגער מאַן געזאָגט, זיך אַנידערזעצענדיג אויף דעם אָבגעקראָכענעם אָרם־שטוהל, וועלכער איז געשטאַנען ביים וואַנד.

דער לאַנגער, מאָגערער שמואל האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף אַ הויכען הילצערנעם ביינקעל, וועלכער האָט אונטערגעהונקען אויף איין פֿיסעל.

„ויינען אייערע פֿריינדע געקומען מיט אייך?" האָט דער מעקלער געפֿרעגט.

„יאָ."

„אַלע דריי?"

„געוויס, דריי: צוויי מענער און איין פֿרוי. איך האָב זיי געלאָזט ביי פּאָסאַ'ן. מיר ווילען זיין אויף דער אנדערער זייט מאָרגען אין דער פֿריה. איהר האָט צוגעגרייט אַלעס מן הסתם, האַ?"

„יאָ, עס איז רעכט. זיי וועלען זיין אויף דער אנדערער זייט ארום אכט, ניט שפּעטער. אָבער ——"

שמואל האָט זיך אליין אבגעשטעלט. ער האָט זיך געריבען די לינקע זייט פֿון זיין נאָז, קוקענדיג דאויד'ן גלייך אין פּנים אַריין, אַזוי ווי ער וואָלט וועלען דערגעהן, אויב דאויד טרעפֿט וואָס ער מיינט.

„וואָס איז שוין ווייטער?" האָט דער יונגער מאַן געפֿרעגט, אויפֿהויבענדיג די אויגען צו איהם.

„וואָס זאָל זיין? איהר ווייסט, אַז די צייטען זיינען שלעכט און די סאָלדאַטען זיינען זעהר געלד־דורסטיג. איך האָב געהאַט אסך, אַה, אַזאַ סך אַרבייט ביז וואַנען איך האָב זיי אַריינגעקריגען," האָט שמואל געזאָגט, אויפהייבענדיג די אויגען צו דער סטעליע, „און איך האָב געמוזט בעצאָהלען מעהר וויפיעל ——"

„אויב אַזוי, האָט איהר זיך טאַקי בענאַרישט, שמואל, און איהר האָט געמאַכט אַ גראָבען פעהלער, פערשטעהט איהר מיך," האָט דאַויד באַבלעסיג אַרויסגערעדט."

„וואָס? הייסט דאָס אַ פעהלער, ווען איך וויל אייך דיענען פינקטליך און אָהן צרות?"

געוויס ניט. אָבער איהר דאַרפט זיך האַלטען ביי די אָבגעמאַכטע פּרייזען. דאָס איז די הויפּטזאַכע ביי די מסחרים. וואָס מעהר איהר וועט זיי געבען, אַלץ מעהר וועלען זיי פערלאַנגען. נעהמט זיך עס גוט אַריין אין זינען, פריינד לעבען, און האַלט זיך ביי אייערע פּרייזען. דאָס איז די הויפּטזאַכע."

„אייך איז לייכט צו ריידען, הערר דאַויד!" האָט דער מעקלער ברוגז'לאַך אויסגערופען. „וואָס זשע, איך בעט אייך, האָב איך געקענט טהאָן? זיי זיינען דאָך די בעלי בתים, ניט איך."

„אַ קלוגער מענש דאַרף וויסען ווי אַזוי צו מאַכען, אַז זיי זאָלען איינגעבען," האָט דאַויד קאַלטבליטיג געענטפערט. „לאָמיר נאָר זעהן," האָט ער פאָרטגעזעצט מיט שפּאַסיגען טאָן. „למשל, איהר פאָדערט פון מיר מעהר וויפיעל דער אָבמאַך איז. איך זאָג ניט חלילה, אַז איהר פאָדערט, נאָר שטעלט אייך פאָר, אַז איהר וואָלט עס געטהאָן, דאַן וואָלט איך אייך געזאָגט „זייט געזונד" און וואָלט געגנאַנגען דאָרט, וואו עס איז בילינער. דער גרענעץ איז לאנג און סאָלדאַטען זיינען דאָ אַסך. ווען איינער וויל זיך ניט האַלטען ביים אָבגעמאַכטען פּרייז, וועט זשע הייסט אייך, איהר זאָלט זיך האַלטען מיט איהם? האָב איך ניט רעכט?"

דאָס זאָגענדיג האָט ער צוגעשמייכעלט און האָט גענומען אַנלייגען טאַבאַק אין זיין ליולקע.

ער האָט באַלד אין אָנהויב פערשטאַנען וואָס שמואל מיינט מיט דעם ישמועה זיינעם און איז געווען פעסט ענטשלאָסען ניט נאָכצוגעבען. איינקאַ־גען וואו מ'קען נאָר די געלד פון דער בעוועגונג און זיך רעכענען מיט יעדער קאָפּיקע, דאָס האָט ער בעטראַכט פאַר די פפליכט פון יעדען רעוואָלוציאָנער.

„ווי געהט עס אייער פאַמיליע? איך האָב אייך גאָר פערגעסען צו פרעגען," האָט ער זיך ווידער געווענדעט צום מעקלער. „זיי זיינען דאָך געזונד, האַ?"

„אָה, דאַנק אייך פאַר'ן נאָכפרעגען, זיי זיינען גאַנץ געזונד," האָט שמואל געענטפערט נאָכלעסיג, זוכענדיג עפּעס אַן אַנדער וועג ווי אַזוי דאַוויד'ן צו פאַקען. עס האָט זיך איהם ניט געוואָלט פערלירען אַזאַ גוטע געלעגענהייט.

„גאָר קיין נייעס ניטאָ אין שטעטעל?" האָט דאַוויד ווייטער געפרעגט, פיפקענדיג זיין ליולקע.

„עטוואָס," האָט דער מעקלער געענטפערט, און דאָס זאָגענדיג האָט ער זיין גאַסט דערלאַנגט אויסגעשניטענע שטיקלאַך פון ציטונגען וואו עס איז גערעדט געוואָ־ען איבער די מאַסרעגעלען, וועלכע מ'האָט אָנגעהויבען צו נעהמען אויף'ן גרענעץ.

„האָט איהר געהערט, אַז איציק איז דאָ צוריק?" האָט דאַוויד געפרעגט, אַרויסלאָזענדיג אַ פולען מויל מיט רויך.

שמואל איז געבליבען אַ טויטער. איציק אָדער יצחק פערלענגלאַנץ איז געווען זעהר אַ דורכגעטריבענער מעקלער און האָט געהאַט אַ גוטען נאָמען צווישען דער חברה. דאַוויד האָט צייטענווייז געמאַכט אַ פּאָר מסחרים מיט איציק'ן, און שמואל האָט איהם חושד געווען, אַז ער וויל דאַוויד'ן אין גאַנצען אַרויסרייסען פון איהם.

„אַזוי?" האָט דער מעקלער געזאָגט גאַנץ שטיל. „איך האָב גאָר ניט געוואוסט דערפון."

ער האָט געוואָרפען אַ פאָרשענדען בליק אויף דאַוויד'ן, וועלכער איז געזעסען אַזוי רוהיג, פונקט ווי די גאַנצע געשיכטע וואָלט איהם גאָר ניט אינטערעסירט.

„פאמא האט עס מיר געזאגט. דאס איז אלעס וואס איך ווייס," האט ער געזאגט.

„אה, עס איז ארויסגעווארפען די ארבייט," האט זיך דער מעקלער געטראכט. „ער איז גוט בעקאנט אין די אלע זאכען און פערשטעהט דאס געשעפט צו גוט."

„האבען אייערע פריינדע אסך באגאזש?" איז שמואל אין מיטען דערינען אריינגעפאלען, פונקט ווי עס וואלט גאר קיין סכסוך ניט געוועז צווישען זיי.

„עטליכע פעקלאך. אייער אינגעל קען עס אלעס ברייננען."

„גוט. איך וועל אוהם מארגען שיקען צו פאמא'ן. דאס געלד מן הסתם אויף דער אנדערער זייט, הא?"

„יא; אבער געדענקט, איהר זאלט גאר ניט נעהמען פון זיי, נאר א קליין בריוועלע אויף א שטיקעל פאפיר, מיר צו לאזען וויסען, אז זיי זיינען אריבער בשלום."

שמואל האט געשאקעלט מיט'ן קאפ און א טרויעריגע מינע האט זיך אויסגעדריקט אויף זיין פנים. ער האט געהאט א פולע הארץ געגען דעם „הארטען" דאויד. ער האט עס אבער בעהאלטען און זיך גרייזלענדיג די רעכטע פיאה, האט ער געפרעגט וואס פאר א וועטער עס איז יעצט אין פעטערבורג. ער האט זיך געוואלט צושלאגען אביסעל די געדאנקען.

באלד איז אבער די טרויעריגקייט פון'ם מעקלער פערשוואונדען. דאויד האט איהם געפרעגט, אויב ער וועט איהם אבווארטען אין א מאנאט ארום אויף דער גרענעץ.

„פערשטעהט איהר מיך," האט זיך דער יונגער מאן ערקלעהרט. „איך געה אויך אריבער אויף דער אנדערער זייט און איך וועל האבען פיעלע זאכען אריבערצושמוגלען."

שמואל האט זיך בעלעקט. דאס איז געוועזן א שטיקעל נחמה פאר זיין היינטיגען דורכפאל.

ער האט ניט געפרעגט קיין שאלות. דאויד האט פיינט געהאט די זאכען. ער פלעגט ניט זאגען מעהר וויפיעל מי האט געדארפט.

„איך האָף, אַז איהר וועט ניט פֿערגעסען אין מיר, העֶרר דאוויד," האָט שמואל געזאָגט.

„געוויס ניט. איהר קענט זיך אָבער געפֿינען אויף'ן פּלאַץ. איך וועל אייך שרייבען בעצייטענס, כדי איהר זאָלט וויסען יוען מיך צו ערוואַרטען."

זיי האָבען דערנאָך גע'טענה'ט אַביסעל איבער פֿערשיעדענע אַכען און זיינען זיך פֿאַנאַנדערגעגאַנגען אַזוי ווי גוטע פֿריינד.

„אַ יונג מיט ביינער, ניטאָ וואָס צו רייֿדען," האָט זיך שמואל געטראַכט, פֿערמאַכענדיג די טהירען און די פֿענסטער פֿון דער קרעטשמע „נאָר יעקב אבינו אליין וואָלט איהם אפשר בייגעקומען. פֿונדעסטוועגען וואָלט ער געדאַרפֿט האָבען אַביסעל מעהר בערעכנונג מיט איינעם פֿון זיינע ברידער, מיט אַ אידען, וועלכער איז נעביך אַ מטופל מיט אַזא גרויסע פֿאַמיליע און ווען עס קומט אָן אַזוי שווער צו פֿערדינען אַ כשר'ן גראָשען.

און ער האָט זיך מיט בעדויערן דערמאָנט אין די גאָלדענע צייטען מיט זעכס אָדער זיעבען יאָהר צוריק, ווען דער געוועהנליכער פּרייז פֿאַר'ן אַריבערשמוגלען איבער'ן גרענעץ, איז געווען פֿינף און צוואַנציג און אָפֿטמאָל פֿופֿציג רובעל פער קאָפּ. אַנדערע שוטים פּלעגען בעצאָהלען גאַנצע הונדערטער. דאוויד האָט עס אַראָבגעדונגען אויף אַ צעהנער ל. און מי קען קיינמאָל קיין „עקסטראַ" ניט קריגען. עס איז אפילו אמת אַז זייט דאוויד האַלט די גרענעץ אין זיינע הענד, דרעהען זיך דורך צעהן מאָל אַזוי פֿיעל גוים ווי פֿריהער. דאָס איז נאָך אַ שטיקעל גליק בנאמנות. שמואל האָט אָבער געדיינקט, אַז עס וואָלט אויסגעקוקט אַסך שעהנער, ווען עס וואָלטען געווען ביידע זאַכען, אי דער היינטיגער עולם, אי די אַמאָליגע פּרייזען. עס וואָלט גאָר ניט געשאַדט, חלעבען.

אַרויסגעהענדיג פֿון שמואל'ס הויז איז דאוויד גלייך אַוועק צו פֿאָמאַ'ן, וואו זיינע פֿריינד זיינען פֿערבליבען די נאַכט. דער בעל הבית אליין האָט איהם געעפֿענט און האָט איהם איבערגעגעבען, אַז אַלעס איז אין אָרדנונג זיינע פֿריינדע האָבען אָבגעגעסען און זיינען געגאַנגען שלאָפֿען

דאויד איז אויך געבליבען דאָרט איבערגעכטיגען. אין דיזען שטעטעל פלעגט ער אימער שטעהן ביי פאָמאַ'ן. דאָס איז געווען דער זיכערסטער פלאַץ, ווייל פאָמאַ אַליין איז געווען אַ דעסאַטניק, און זיין הויז האָט ניט געקענט אַרויפציהען אויף זיך אַזוי פיעל אויגען ווי אַלע אַנדערע הייזער.

ער איז אויפגעשטאַנען פריהער פאַר אַלעמען. ווען ער האָט זיך אַרומגעוואַשען און אָנגעטהאָן, האָבען זיך זיינע פריינדע אויך אויפגעכאַפּט און האָבען זיך גענומען אָנגרייטען צום אָנבייסען.

אָסטראָגאָווסקי, דער עלטערער פון די צוויי מענער וועלכע זיינען געקומען מיט דאויד'ן, איז געווען אַ קליינער, איינגעהויקערטער מאַן אין מיטעלערע יאָהרען. ער איז אַנטלאָפען פון אַסטראָג, וואו ער איז געזעסען פאַר אַ שטיקעל פגיעה בכבוד אין'ם רוסישען געזעץ און איז יעצט ענטשלאָסען געווען צו פערברייגגען זיינע איבעריגע יאָהרען אין אויסלאַנד.

דער צווייטער, כאַזעפין, אַ יונגער מאַן פון 23 יאָהר אַלט, איז געווען אַ מיטגליד פון דער רעוואָלוציאָנערער פאַרטיי, און אַזוי ווי ער האָט שוין געהאַט אויף זיך צופיעל אויגען אין רוסלאַנד און האָט מעהר ניט געקענט בלייבען אין זיכערהייט, האָט מען איהם אַוועקגעשיקט אין אויסלאַנד „ביטען אַביסעל די לופט".

דאָס מיידעל, אַננאַ וואָליטש, איז געווען פערמישט אין די אונרוהען, וועלכע זיינען פאָרגעקומען אין אַן אוניווערזיטעט. מי האָט איהר ניט געוואָלט אַרויסגעבען קיין אויסלענדישען פאַס. זי האָט זיך געווענדעט צו דאויד'ן און ער האָט איהר אַריינגענומען אין דער קאָמפּאַניע. ער איז געווען בערייט אַריבערצונעהמען איבער'ן גרענעץ יעדען איינעם וואָס האָט נאָר געדאַרפט זיין הילפע.

„ריהרט זיך קינדער," האָט זיי דאויד אונטערגעטריבען. „איהר האָט אַסך אַרבייט היינט און איהר טהאָרט ניט פערלירען קיין צייט. איך וועל געהן צוגרייטען דעם אָנבייסען."

פאָמאַ האָט אַריינגעטראָגען דעם סאַמאָוואַר. דאויד אַליין האָט געמאַכט טהעע, און באַלד איז דער עולם געזעסען ביים טיש, פריילאַך

און מונטער, טראָגן דעם וואָס זיי האָבען נאָך געהאַט אַ פּעקעל איבערצוקומען — דעם גרענעץ. דאַוויד׳ס פריינדע האָבען געגלויבט, אַז דער אַריבערגעהן איבער דעם גרענעץ איז פערבונדען מיט גרויסע שווירינקייטען, וועהרענד ער האָט זיי פערזיכערט, אַז עס איז זעהר לייכט און איינפאַך. הונדערטער מענשען גנב׳ענען דעם גרענעץ, פשוט איינצושפּאָרען די געלד פון פּאַס, און „פּאָליטישע" אפילו קענען אַריבערגעהן פונקט ווי אַלע אַנדערע, סיידען זייער אויסזעהן האָט עטוואָס בעזאָנדערעס זיי צו פערראַטהען.

„פונדעסטוועגען זיינען אַ היבשע ביסעל פון זיי אַרעסטירט געוואָרען טאַקי אויף דער גרענעץ," האָט אַננאַ וואָוליטש געזאָגט און איז דערביי בלייך געוואָרען.

„ס׳פערשטעהט זיך," האָט דאַוויד איראָניש געענטפערט. „אָבער וועמעס שולד איז עס געוועזען, אויב ניט זייער אייגענע? אַ נאַר קען זיך דערטרינקען אפילו אין אַ עמער וואַסער, ווען ער לייגט דאָרט אַריין דעם קאָפּ."

נאָך דאַוויד׳ס מיינונג נאָך איז אויסגעקומען, אַז דער גרענעץ איז דער בעסטער פלאַץ, וואו אַרומצוגעהן אַהין און צוריק. ער איז געוועזען ביז אויף די פערשלאָפּענע, אויף די פּ ו י ל ע נ צ ע ר, וועלכע האָבען אַרויסגעלאָזט אזא שם רע אויף׳ן גרענעץ און האָבען געמאַכט אַ מורא אויף די, וועלכע וואָלטען געקענט לייכט אַריבערגעהן.

זיי האָבען זיך אַזוי פערערדט איבער׳ן גרענעץ און האָבען ניט בעמערקט, אַז עס איז שוין שפּעט און דער מעקלער איז נאָך ניטאָ. אַסטראָגאָרסקי איז געוועזען דער ערסטער עס צו בעמערקען. ער האָט געדאַרפט קומען צעהן אַזייגער און עס איז שוין געוועזען אַסך שפּעטער און ער איז נאָך ניטאָ.

מעהר פון אַלעמען איז עס ניט געפעלען אַסטראָגאָרסקי׳ן. איהם איז זעהר לאַנגוויליג געווען אין׳ם קליינעם שטעטעל.

„ווי איך זעה, וועלען מיר דאָ דאַרפען פערברייינגען נאָך אַ נאַכט," האָט ער געזאָגט מיט אַ טאָן פון אונצופרידענהייט, און אין זיינע ווערטער איז געלעגען אַ מין פאָרוואורף צו דאַוויד׳ן.

דאַוויד האָט איהם בערוהיגט. ער האָט געזאָגט, אַז אויב דער מעקלער וועט ניט קומען אין אַ פֿערטעל שטונדע צייט, וועט ער געהן זעהן אַן אַנדערן, מיט וועמען צו מאַכען דאָס געשעפֿט.

ער האָט זיך שוין צוגעקליבען צו געהן, ווען שמואל איז אָנגעקומען. ער האָט זיך ענטשולדיגט; דער סאָלדאַט, מיט וועמען ער האָט אָבגעמאַכט דאָס געשעפֿט, איז ניט געקומען און כּי וועט איהם ניט קענען זעהן ביז ביינאַכט.

דאַוויד'ן איז עס גאָר ניט געפֿעלען. עס איז געווען פֿרייטאָג. אין עטליכע שטונדען אַרום קומט אָן דער שבת און אַ אידישער מעקלער וועט ניט מחלל שבת זיין פֿאַר קיין פּרייז.

ער איז דאַרום געווען זעהר אויפֿגערעגט.

„זייט ניט אין כּעס, הער דאַוויד," האָט דער מעקלער געזאָגט. „איהר וועט ניט דאַרפֿען וואַרטען דאָ ביז שבת איז פֿאָראַיבער. איך האָב געקריגען צוויי פּעסער פֿאַר די הערען און מיין טאָכטער וועט מיר באַלד צוברייגגען איהר פּאַס פֿאַר דער דאַמע. מיר קענען באַלד אַריבערגעהן, האָטש שוין, אַז איהר ווילט."

דאַוויד האָט צוגענומען די צוויי פּעסער און האָט זיי איבערגעגעבען צו זיינע צוויי פֿריינדע. זיי האָבען עס ביידע אויפֿגעעפֿענט, זיך אויסצולערנען אויסווייניג די נעמען און די יאָהרען, וועלכע זיינען דאָרט פֿערשריבען.

„אַ פֿינסטער חלום אויף זיין קאָפּ!" האָט סאַזעפּין פּלוצלינג אויסגעשריגען. און זיך ווענדענדיג צום מעקלער, האָט ער געזאָגט:

„וואָס פֿאַר אַ שמאַטע האָט איהר מיר דאָ געגעבען? עס איז דאָך אַ פּאַס פֿאַר אַ פֿ ר ו י."

„נו, איז וואָס?" האָט דער מעקלער אַזוי נאַאיוו געפֿרעגט.

די צוויי איבעריגע פֿריינדע זיינען דערווייל צוגעגאַנגען צו סאַזעפּין'ן זיך צו איבערצייגען, אויב עס איז וואַהר. עס איז ווירקליך געווען אַ פֿרויען־פּאַס. דאָרט זיינען געשטאַנען די פֿאָלגענדע ווערטער: „ש ר ה האַלפּער, די אלמנה פֿון שלמה האַלפּער, אַ סוחר, פֿערציג יאָהר אַלט."

זיי האָבען אַלע אַרויסגעפּלאַצט אין אַ געלעכטער. סאַזעפּין האָט שוין אין זיין לעבען געשפּיעלט פערשידענע ראָלען. ער האָט געהאַט אַלערליי פּעסער, אָבער עס האָט זיך איהם נאָך קיינמאָל ניט געטראָפען צו געהן פאַר אַ פערציג יעהריגע אלמנה. ער האָט עס יעצט אויך ניט געוואָלט אָננעהמען.

„איהר מוזט עס איבערבייטען," האָט ער צום מעקלער געזאָגט. „איך קען ניט דורכגעהן מיט דיזען פּאַס."

שמואל האָט געמאַכט מיט די הענד און האָט געזאָגט:

„וואַרום ניט? איהר וועט דורכגעהן, מיט גאָט'ס הילף."

סאַזעפּין, וועלכער איז ניט געווען קיין גרויסער מאמין, האָט ניט געוואָלט וויסען דערפון. דאָ האָט זיך אָבער דאַוויד אַריינגעמישט און האָט איהם בערוהיגט.

זיי האָבען גענומען געהן. אויף'ן וועג האָט זיי איינער פון שמואל'ס איינגלאַך בעגעגענט און האָט איבערגעגעבען זיין שוועסטער'ס פּאַס פאַר וואוליטש'ן.

דאַוויד האָט זיך מיט זיי אָבגעזעגענט. ער האָט זיי אָנגעזאָגט, זיי זאָלען וואַרטען אויף איהם אויף דער אַנדערער זייט. ער איז אַריבערגעגאַנגען אויף אַן אַנדער וועג, מיטנעהמענדיג מיט זיך די קליינע פּעקלאַך און די פּאַפּירען פון זיינע פריינדע. זיי זיינען אַלזאָ יעצט גלייך געגאַנגען צום גרענעץ, שמואל און סאַזעפּין פאָראויס און אַסטראָגאָרסקי מיט וואוליטש'ן פון הינטען.

דער גרענעץ איז בעשטאַנען פון אַ קליין טייכעל, וואו „אַ הון האָט געקענט אַריבערגעהן צו פוס אין זומער צייט". דיזער וואַסערל האָט עס אָבגעטהיילט רוסלאַנד פון דייטשלאַנד.

אויףביידע זייטען האָבען אַרומגעשפּאַצירט מענער און פרויען. לאָטקע, וועלכע האָט אויסגעזעהן ווי אַ גרויסער, אַלטער פּאַנטאָפעל, איז צוגעקומען צום רוסישען ברעג. אַזוי גיך ווי די פּאַסאַזשירען זיינען אַרוים, האָבען זיך אַריינגעשאָטען אַנדערע, צווישען זיי דאַוויד'ס פריינדע.

דער זשאַנדאַרם, וועלכער איז דאָרט געשטאַנען אויף דער וואַך האָט געגעבען אַ געשריי „פּעסער!" און נאָכדעם ווי ער האָט זיי

געהאַט אַלע אין האַנד, האָט ער איבערגעצעהלט די קעפּ פֿון די פּאַסאַזשירען, און די פּעסער האָט ער איינציגווייז צוריקגעגעבען יעדען איינעם פֿון זיי בעזונדער.

אַלעס איז אַריבער גלאַט. אין עטליבע מינוטען אַרום זיינען זיי געווען אין דייטשלאַנד.

„ווי איינפֿאַך עס איז!" האָט וואוליטש אויסגערופֿען.

אַ בלייבער יונגער מאַן איז זיי אַנטקעגען געקומען, ווען זיי האָבען אַריינגעשפּאַצירט אין'ם דייטשען שטעטעל. ער האָט זיך אָבגעשטעלט אויף'ן קלאַנג פֿון דער רוסישער שפּראַכע, וועלכע זיי האָבען גערעדט, האָט זיי נאָכגעקוקט אַ צייט, און פֿערטראַכטערהייט איז ער אַוועק זיין וועג.

דאָס איז געווען א נ ד ר י י.

IV.

אין איילעניס.

צוריקקומענדיג אין זיין האָטעל האָט אַנדריי אויפֿגעוועקט דעם משרת און האָט איהם געזאָגט, אַז אויב איימיצער וועט קומען איהם זעהן, זאָל ער איהם אַריינפֿיהרען צו איהם אין צימער. ער איז דערנאָך אַרויף צו זיך און האָט זיך אַנידערגעזעצט ביים פֿענסטער, וועלכער איז אַרויס צו דער גאַס צו.

ער האָט אַרויסגעקוקט מיט אָפֿענע אויגען אויף דאוויד'ן.

דאוויד איז ווירקליך באַלד אָנגעקומען. אַנדריי איז אַראָבגעלאָפֿען איהם צו עמטפּפֿאַנגען. ער האָט זיך ניט געקענט דערוואַרטען. ער איז געווען אונגעדולדיג צו הערען פֿון דאווד'ן די לעצטע נייעס.

די צוויי פריינדע האָבען זיך בעגעגענט אין'ס קאָרידאָר פון'ם הויז און זיינען ארויפגעפאַלען איינער אויף'ן אַנדערענס האַלז.

„דו מוזט אוראי זיין ברוגז אויף מיר, וואָס איך האָב דיר געלאָזט אַביסעל וואַרטען, האַ?" האָט דאויד געפרעגט, קלאַפענדיג אַנדריי'ן אין פּלייצע.

„ברוגז בין איך געווען, אָבער ניט זעהר שטאַרק. איך בין גלאַט געווען אונרוהיג, מורא האָבענדיג, מיט דיר זאָל ניט האָבען עפּעס געטראָפען."

„אָה, דומהייטען! וואָס קען טרעפען מיט מיר? איך בין אַרומגעלאָפען צונויפמאַכען אַ קאָמפּאַניע, אַריבערצופיהרען איבער'ן גרענעץ. צוויי פויגעלאַך מיט איין שטיין, אַזוי ווי געוועהנליך. עס איז אי ביליגער, אי גיכער."

„איך מיין, איך האָב געזעהן דיין קאָמפּאַניע ביים ברעג, מיט אַ שטונדע צוריק."

„יאָ, דאָס זיינען מיינע לייט. סאַזעפּין איז צווישען זיי. דו מוזט זיך זעהן מיט איהם."

און אַזוי ריידענדיג זיינען זיי אַרויף צו אַנדריי'ן אין צימער. דאויד האָט אַראָבגעוואָרפען זיין אויבער־ראָק פון זיך און האָט זיך אַנידערגעזעצט.

„נו, יעצט לאָמיך הערען, וואָס טהוט זיך עפּעס אויף יענער זייט?" האָט אַנדריי געפרעגט, זיך שטעלענדיג אַנטקעגען איהם. „ווי געהט עס דזשאָרדזש'ן און די אַנדערע? וואָס הערט זיך מיט באָרים'ן? איז עפּעס געווען אַ נאַכריכט פון זינאַ'ן?"

„מיר האָבען געהאַט אַ בריעף פון זינאַ'ן. די אויסזיכטען זיינען ניט קיין גוטע, ווי מ'קען אַרויסנעהמען פון די עטליכע ווינקע, וואָס זי גיט אין'ם בריעף. זי וועט באַלד זיין צוריק אין פּעטערבורג און וועט דיר מן הסתם איבערגעבען אויספיהרליכעס דאַריבער."

„וואָס? פאָהרען מיר ניט צוזאַמען נאָך פּעטערבורג?"

„ניין," האָט דאויד געענטפערט. „איך פאָהר אין דער שווייץ און וועל דאָרט פערבלייבען איניגע טעג. איך האָב עטוואָס דורכצופיהרען."

„עס פרייט מיך זעהר," האט אנדריי געזאגט, „וואס אונזערע פריינדע וועלען דיר ווידער האבען דארט אויף א קורצע צייט. האסט דו זיי געשריבען, אז דו קומסט?"

„איך שרייב קיינמאל ניט. איך האב ליעב ארויבצופאלען פלוצלינג, אונערווארטעט. יא, דו האסט מיר גאר ניט דערצעהלט, וואס זיי מאכען דארט, דער גאנצער עולם."

„אה, עס איז ניטא וואס צו דערצעהלען," האט אנדריי געזאגט. דאס זעלבע לעבען, אזוי מרה שחורה'דיג ווי אימער."

„וואס פאר שוועכלינגע די ניהיליסטען זיינען עס!" האט דאויד אויסגערופען. „לעבען אין א פריי לאנד, אין א צייט פון אזא גרויסער סאציאלער בעוועגונג, און זיך צו פיהלען אזוי ווי פיש אויף דער יבשה. . . פאר אייך אפנים עקזיסטירט קיין אנדער וועלט ניט אויסער רוסלאנד, הא?"

„דו האסט פאלקאם רעכט אונז צו בעשולדיגען דערפאר, דאויד," האט אנדריי געזאגט מיט א טאן פון איינעם וואס איז זיך מודה אויף זיינע זינד. „עס איז וואהר, מיר זיינען ווייניגער קאסמאפאליטיש ווי די אנדערע נאציאנען. מיר דענקען ווירקליך ניט פון קיין אנדער ווינקעל, חוץ רוסלאנד. דו ביסט דער איינציגער, פון די וואס איך קען, וועלכער פערדיענט מיט רעכט אנגערופען צו ווערען א וועלט־בירגער."

„דאס איז א שטיקעל קאמפלימענט, אבער עס מאכט מיר גאר קיין פערגניגען ניט," האט דאויד געזאגט.

אנדריי'ן איז דער וכוח ניט געפעלען. ער האט געדענקט וועגען באריס'ן. זיין יעצטיגער צושטאנד האט איהם שטארק גערירט. באריס איז געווען דער איינציגער, אויסער דושארדוש'ן, וועלכער איז געשטאנען אין ענגע פערבינדונג מיט איהם. ער האט דארום געפרעגט דאויד'ן זואס די פעטערבורגער פריינדע דיינקען וועגען דעם.

„קיין זאך קען ניט געטהאן ווערען ביז וואנען זינא וועט זיין צוריק. נאר איך האב איבערהויפט מורא, אז מיר קענען גאר ניט טהאן פאר איהם יעצט."

„גאָר ניט! וואָרום?" האָט אנדריי איסגעשריגען.

„מיר האָבען קײן בוחות ניט," האָט דאויד געענטפערט מיט א זיפץ. „מיר זיינען יעצט אין א שטיקעל צרה. דו וועסט עס אליין זעהן, ווען דו וועסט זיין דאָרט."

ער האָט איהם דערצעהלט אלעס, די לעצטע אָפּפער וואָס די רעוואָלוציאָנער־ע פּאַרטיי האָט געהאַט און אין וואָס פאַר א מאַנגעל אין געלד זי איז.

אַנדריי האָט זיך צוגעהערט, אַרומשפּאַצירענדיג אַהין און אַהער מיט אַן אַראָבגעלאָזענעם קאָפּ. עס איז געוועז ערגער ווי ער האָט ערוואַרטעט. דער געדאַנק, אַז עס איז דאָ ווייניג האָפנונג צו טהאָן עפּעס, האָט איהם געמאַכט שרעקליך בייז.

„וואָס פאַר פוסטע פּראַזען זיינען עס, וואָס מי רעדט פון כוחות! אונזערע כוחות ליגען אַרום אונז. אייב מיר קענען ניט קריגען קײן אַנהייגער, צייגט עס נאַר, אַז מיר האָבען עס ניט די ווערטה."

„מי קען דאָך ניט שפּרינגען איבער'ן קאָפּ," האָט דאויד געענטפערט.

„מיר וואָלטען שוין געקענט אָבשפּאָרען א פּאָר פון אונזערע צו טהאָן וואָס מי דאַרף, אָבער וואָס קען מען טהאָן אָהן געלד?"

„וואָס זשע מאַכט עס אויס? קײן זאַך קען אונז ניט ברייננען אַזוי פיעל געלד און סימפּאַטהי, ווי אונזער טהעטיגקייט, אונזער צייגען, אַז מיר לעבען."

„נו," האָט דאויד געזאָגט. „רעד מיט ווּנאַ'ן און מיט די איבעריגע דאַריבער. מיר וואָלטען אַלע וועלען, אַז עטוואָס זאָל געטהאָן ווערען."

דאָס זאָגענדיג האָט ער זיך אייפגעהויבען אַוועקצוגעהן.

„איך מוז געהן זעהן מיינע לייט. יאָ, ווי אַזוי וועט זיין מיט סאַזעפּין'ן? וועסט דו געהן איהם זעהן, אָדער זאָל ער פּליינבט קומען אַהער?"

אַנדריי האָט געזאָגט, ער וועט בעסער געהן, ווייל ער וויל זעהן די אַנדערע צוויי פריינדע אויך. זיי זיינען אַלזאָ ביידע אַוועק אין'ם האָטעל, וואו דאויד האָט זיי איבערגעלאָזט. אַנדריי איז באַלד בעקאַנט געוואָרען מיט אַלעמען, און עס האָט זיך אָנגעהויבען א וואַרעמער

וכוח איבער דעם אָנגאַנג פֿון דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג אין רוסלאַנד. סאזעפֿין מיט אַנדריי'ן האָבען אויף קיין פֿאַל ניט געקענט איינשטימען איבער געוויסע פונקטען. זיי האָבען זיך אין מיטען דעם וכוח אַזוי צוהיצט, אַז דאוויד האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטען און האָט געמאַכט כּיט זיי שפּאַס.

„הערט נאָר, קינדער, אָט דאָ אין דרויסען שטעהט אַ לעש=מאַשין. צוהיצט זיך ניט אַזוי. דער בעל הבית קען נאָך מיינען, אַז איהר ברענט און וועט נעהמען לעשען. . ."

זיי האָבען זיך גאָר ניט איינגעהערט וואָס ער האָט געזאָגט און האָבען דיסקוטירט ווייטער. עס איז דערווייל אַוועק אַ פּאָר שטונדען, דאָויד האָט איבערגעשלאָגען דעם וכוח.

„פֿריינדע," האָט ער געזאָגט, „אייער צוג געהט אָב אין צוויי שטונדען אַרום. עס איז צייט צו טהאָן עפּעס פֿאַר'ן גוף. מיר וועלען עפּעס עסען. דאָס איז אַ זאַך, מיט וועלכער איהר וועט אַלע זיין איינפֿערשטאַנדען, ניין ?"

זיי זיינען באַלד אַראָב אין'ם עסס=צימער. דאוויד האָט בעשטעלט מיטאג פֿאַר אַלעמען.

אום 4 אַזייגער זיינען זאַזעפּין, אָסטראָגאָרסקי און וואָוליטש אַוועקגעפֿאָהרען. דאויד איז געבליבען מיט אַנדריי'ן. ער האָט נאָך געהאַט אַן אַרבייט, איהם אַריבערצופּעקלען איבער'ן גרענעץ. ער האָט געזאָגט אַנדריי'ן, אַז דאָס מוז געדויערן אַ פּאָר טעג, ביז איבער שבת, סיידען ער זאָל קריגען אַן אַנדער מעקלער, ניט קיין אידען. אַנדריי'ן איז שוין נמאס געווען דאָס וואַרטען. דאוויד האָט עס בעמערקט און איז באַלד אַוועק זוכען אַ מעקלער. אין אַ שטונדע אַרום איז ער געקומען צוריק מיט אַ בשורה, אַז ער האָט געקריגען אַ געוויסען מעקלער שמידט, אַ דייטש, וועלכער וויל איהם אַריבערפֿיהרען היינט אבענד נאָך, אויב ער וויל.

אנדריי איז געווען העכסט צופֿרידען פֿון דיזער נאַכריכט. ער האָט שוין מעהר ניט געקענט וואַרטען. ער האָט געוואָלט זיין וואָס פֿריהער אין פּעטערבורג.

דאויד האָט באַלד געשיקט נאָך'ן מעקלער. ער איז געקומען און נאָך אַ שטיקעל דינגעריי צווישען איהם און דאויד'ן, האָט מען זיך ענדליך אויסגעגלייכט.

שמידט האָט אַרויפגענומען אַנדריי'ס טשאַמעדאַן אויף זיין אַקסעל און זיי זיינען אַלע דריי געגאַנגען צום מעקלער אַהיים, וואו זיי זיינען געבליבען, זיך אַביסעל אָבצורוהען.

„וואו איז האַנז?" האָט שמידט געפרעגט זיין פרוי, וועלכע האָט דערלאַנגט איהרע געסט עפעס צום טרינקען.

האַנז איז געווען זיין אינגעל, 12 יאָהר אַלט. ער איז נאָר וואָס געקומען פון אַבענד־שולע און האָט זיך איבערגעביטען די קליידער.

באַלד איז ער אַראָבגעקומען אונטען.

„נעהם דיין הוט און פיהר צו דיזע צוויי הערען צום גרויען שטיין, אונטער'ן בערגעל דאָרט. פערשטעהסט?"

„יאַ, פאַטער."

„און מאַך עס גיך, הערסט?" האָט שמידט וויטער געזאָגט, וועהרענד דאָס אינגעל האָט געזוכט זיין היטעל.

שמידט האָט זיך אָבגעזעגענט מיט זיינע „געסט", האָט זיי בעגלייטעט ביז'ן טהיר און האָט אַלץ ווידערהאָלט זיינע בעפעהלע צו זיין בחור'ל, וועלכער האָט יעצט געדאַרפט פערטרעטען זיין שטעלע.

האַנז איז געווען אַ קלוג אינגעל. ער האָט ניט געדאַרפט האָבען, מי זאָל איהם לערנען. ער האָט פערשטאַנען דאָס געשעפט זעהר גוט. רוהיג און מיט'ן קאָפ אין דער הויך איז ער געגאַנגען פאָראויס און האָט געציינט די צוויי יונגע לייט דעם וועג.

דאויד און אַנדריי זיינען געגאַנגען פון הינטען, ביים ברעג פון'ם טייכעל, וועלכען דאויד'ס פריינדע זיינען מיט עטליכע שטונדען צוריק אַריבער. דער קליינער וועג־וויזער איז צוגעקומען צו אַ פלאַץ וואו דאָס וואַסער פערנעהמט זיך רעכטס און דער וועג איז געווען זעהר שלעכט. ער האָט זיך אָבער ניט אָבגעשטעלט און וואָרפענדיג זיינע דיקע הענטלאַך, אָהנע זיך אומצוקוקען, ווי אַ פראַקטישער וועג־וויזער, האָט ער געשפאַנט פאָרווערטס.

עטליכע מינוטען זיינען די צוויי פריינדע נאכגעגאנגען שטיל. אנדריי איז געווען פערטראכט. ער האט געהאט איין געדאנק פאר זיך — זיין צוריקקומען נאך רוסלאנד. זיין הארץ איז געווען פול. ער האט געהאט אזוי פיעל צו ריידען מיט דאויד'ן, עס איז אבער קיין צייט ניטא דערצו.

„עס טהוט מיר זעהר לייד, ליעבער דאויד, וואס אונזער יעצטיגע צוזאמענטרעפונג איז אין אזא א י י ל ע נ י ס," האט ער געזאגט. „איך וואלט זיך געוואלט מיט דיר דורכריידען איבער פיעלע זאכען."

„אין אן ערך פון א מאנאט צייט וועל איך זיין צוריק. דו וועסט נאך וואהרשיינליך זיין דארט, ווי ?"

„געוויס. ביז וואנען איך וועל זיך ארומקוקען וועט דער מאנאט אוועקגעהן. נאר זאג מיר, איך בעט דיך, זיינען דארט דא פיעלע וואס טראגען זיך ארום מיט אזעלכע געדאנקען, ווי סאזעפין ? דו ווייסט, ער געפעלט מיר גאר ניט."

עס זיינען ניטא קיין סך פון די, דערפאר זיינען אבער דא אנדערע וועלכע האבען אן אנדער סארט משוגעת. זיי בויען פיעל אויף די גוטסקייט פון די רוסישע בויערן. דזשארדזש איז עם זייער קאפ. דו קענסט דאך זיינע אידעען ?"

„יא ; און זיי געפעלען מיר גאנץ גוט."

„ס'פערשטעהט זיך. פאר אייך, רוסען, טויגען ניט קיין זאכען פון ה י י נ ט, וועלכע איהר זאלט קענען אנטאפען מיט דער האנד. איהר דארפט פאנטאזיען, זיך צו פערדרעהען דעם קאפ. דאס איז שוין אייער נאטור אזוי."

„אה, זיי ניט אזוי גרויזאם געגען אונז, דאויד, האט אנדריי געזאגט שמייכלענדיג. „איך זעה ניט איין, וואס פאר אן אונגליק עס שטעקט דא אין דעם, וואס דזשארדזש גלויבט אזוי שטארק אין רוסלאנד און אין די גוטע נאטור פון אונזערע בויערן. ווידערהאלסט דו ניט פיעל מאל דיזעלבע זאכען איבער דעם דייטשען פאלק און איבער די דייטשע ארבייטער, פון וועלכע דו פאנטאזירסט, פון וועלכע דו רעדסט אימער מיט אזא ליעבע ?"

„אָה, דאָס איז גאָר אַן אַנדער זאַך. דאָס איז ניט אַ גלויבען אַ פֿאַנטאַזיע, זאָנדערן אַן אויסקוק אויף דער צוקונפֿט, בעגרינדעט אויף פֿאַקטען.״

„דיזעלבע זופּ נאָר אַביסעל שיטערער, מיין פֿריינד,״ האָט אַנדריי געזאָגט. „מי מוז ריידען מיט ליעבע פֿון די, צו וועלכע מי איז שטאַרק צוגעבונדען. מיט דיין גאַנצער פֿהילאָזאָפֿיע ביסט דו חלעבען ניט קיין גרעסערער חכם פֿאַר אונז. דו האָסט, נאַטירליך, דיין סימפּאַטהיע אויף אַן אַנדער זייט. מיר זיינען פֿעסט צוגעבונדען צו אונזער פֿאָלק, דו ניט.״

דאויד האָט געשוויגען אַ היבשע ווײלע. אַנדריי האָט אָנגעריהרט אַן אומעטיגע סטרונע ביי איהם אין האַרצען.

„אמת, איך בין ניט צוגעבונדען צו אייער פֿאָלק,״ האָט ער מיט אַ טרויעריגען טאָן געזאָגט. „ווי אַזוי קען איך עס זיין? ווי אַזוי קען איך ליעבען אייערע בויערן, וועלכע האַסען דעם א י ד ע ן, וועלכע בעהאַנדלען איהם אַזוי שלעכט; וועלכע ווען פֿילייכט מאָרגען אונטערצינדען מיין פֿאָטער׳ס הויז, איהם בעפֿאַלען און איהם שלאָגען, פּונקט אַזוי ווי זיי האָבען געטהאָן צו פֿיעלע אַנדערע אָרעמע אידישע אַרבייטער? און וואָס אַנבעלאַנגט די אַריסטאָקראַטיע אין רוסלאַנד, דאָס איז דאָך ניט מעהר ווי אַ באַנדע פֿון פֿייגלינגע. אָה, עס איז גאָר ניטאָ אין אייער רוסלאַנד, אויסער די נ י ה י ל י ס ט ע ן און זייער רעוואָלוציאָנערע טהעטיגקייט, וואָס זאָל מיך צוציהען.״

„אַך, דאויד,״ האָט אַנדריי געזאָגט. „דו קוקסט מיט פֿערשטעלטע אויגען אויף דער זאַך. דו פֿערגעסט, אַז דער אַ נ ט י ס ע מ י ט י ז מ ו ס איז אַ פֿאָלגע פֿון אונוויסענהייט; אַז די רייכע, די הערשענדע קלאַסען בעניצען זיך מיט דעם צו פֿערדרעהען די מוחות פֿון פֿאָלק, ניט נאָר אין רוסלאַנד אַליין, נאָר ביי דיר אין דייטשלאַנד אויך. יאָ, זיי זוכען אָנצוהעצען די מאַסע אויף די אידען, כדי זי זאָל ניט זעהן די ריכטיגע קוועלע פֿון איהרע צרות. און דאָס פֿאָלק, אַך, דאָס אָרעמע פֿאָלק איז בלינד. עס דאַרף האָבען אויפֿקלעהרונג, עס דאַרף האָבען ליכט, עס דאַרף האָבען הילפֿע, פֿהיזישע און גייסטיגע הילפֿע. די רוסישע

בויערן זיינען ניט ערגער ווי די אַנדערע. עס איז אמת, אַז מיר זיינען הינטערשטעליג. אונזערע בויערן זיינען אונוויסענדער ווי די דייטשע אַרבייטער. דאַרפֿען זיי אָבער דערפֿאַר ווייניגער געליעבט ווערען? איז עס דען זייער שולד, דאויד?"

ער האָט געוואָלט ריידען נאָך און נאָך. ער האָט געהאַט אַ האַרץ פֿול. ער וואָלט עס אויסגעגאָסען פֿאַר זיין פֿריינד. ער וואָלט איהם בערוהיגט, איהם איבערצייגט, אַז ער האָט פֿאָראורטהיילע. ער איז אָבער איבערגעשלאָגען געוואָרען אין מיטען. דער קליינער האַנז האָט זיך אומגעקעהרט צו זיי און האָט געזאָגט:

„גוטע נאַכט, מיינע העררען!"

„אַה, האַנז!" האָט דאויד געזאָגט. „דו געהסט שוין אַהיים אַזוי גיך?"

„יאַ, מיין העררר," האָט ער געענטפֿערט. „מאַמאַ וועט זיין אונרוהיג. איך מוז געהן שנעל."

דאויד האָט ארויסגענומען אַ זילבערנע מטבעה פֿון טאַש און האָט עס דערלאַנגט דעם אינגעל, איהם געבענדיג אַ גלעט אין בעקעל. ער איז באַלד פֿערשוואונדען געוואָרען.

„און די גרענעץ?" האָט אַנדריי געפֿרעגט. „וועלען מיר דאַרפֿען אַריבערגעהן אַליין?"

„די גרענעץ! מיר זיינען שוין אַריבער."

„ווען?"

„מיט אַ האַלבע שטונדע צוריק."

„מערקווירדיג! איך האָב דאָך גאָר ניט געזעהן. אפילו קיין סאָלדאַט ניט."

„דער סאָלדאַט איז וואַהרשיינליך געשטאַנען אונטער'ן בערגעל אָדער ערגעץ אַנדערש, וואו מי קען איהם ניט זעהן און ער קען אונז ניט זעהן."

„וואָס פֿאַר אַ גוטער ער איז!" האָט אַנדריי מיט אַ שמייכעל געזאָגט.

„דאָס איז אַ געוועהנליכער איינפֿאַל, פֿערשטעהסט דו מיך," האָט דאויד געענטפֿערט. „קיינער קען צו איהם גאָר ניט האָבען דערפֿאַר,

וואָס ער פֿערקוקט זיך אויף אַ ווילע. פֿאַר עטליכע קאָפּיקעס איז ער אימער צופֿרידען אוועקצוגעהן אין אַ זייט אויף בעשטימטע עטליכע מינוטען און זיך מאַכען ניט זעהענדיג."

„און ווי וואָלט אַשטייגער געווען, ווען מיר פֿערשפּעטיגען און דער סאָלדאַט וואָלט אונז דערזעהן אַרויסקומענדיג?"

„וואָלט ער גאָר פשוט געהאַפּט די פּיס אויף די פּלייצעס און צוריקגעלאָפּען אויף דעם פּלאַץ ביז וואַנען מיר וואָלטען אַריבער און אַלעס וואָלט געווען כשר. אָבער, לאָמיר שטעלען פּיס, אַנדריי. אַ זשאַנדאַרם קען אונז נאָך דערזעהן און דאַן וועט ניט זיין זעהר אַנגענעהם. מיר זיינען אין'ם צאַר'ס לאַפּעס יעצט."

אין עטליכע מינוט אַרום זיינען זיי געווען ביי פּאָמאַ'ן, וואו אַנדריי האָט געפֿונען זיין טשאַמעדאַן, וועלכען סמיטה האָט צוגעבראַכט אַהין. זיי האָבען זיך דאָרט ניט פֿערזאַמט לאַנג און זיינען גלייך אַוועק צום באַהנהאָף. אין פֿינף מינוטען אַרום איז דער אויסלענדישער צוג אָנגעקומען. עס איז געווען אַ שנעל-צוג און אַנדריי איז געווען זעהר צופֿרידען מיט דעם, ווייל די פּאַסאַזשירען פֿון אַזעלכע ציגע זיינען ניט אַזוי פֿ ע ר ד ע כ ט י ג ט און ציהען ניט אויף זיך אַזוי פֿיעל אויפֿמערקזאַמקייט.

אַנדריי האָט זיך אויסגעקליבען אַ וואַגאָן, וואו איין פּאַסאַזשיר, אַ יונגער מאַן, האָט געדרעמעלט אין אַ ווינקעל. אַ זשאַנדאַרם, וועלכער האָט דאָרט אַרומגעשפּאַצירט אַרויף און אַראָב, האָט איהם אונטערגעהויבען זיין טשאַמעדאַן. דאוויד האָט צוגעשיקט אַ לעצטען פֿריינדליכען בליק צו זיין פֿריינד, האָט איהם בעגריסט, ווען דער צוג האָט זיך געריהרט און אַנדריי האָט געפֿיהלט, אַז ער איז ווירקליך אין רוסלאַנד.

V.

די צוויי פריינדע.

סאָפּענדיג און פּייפּענדיג איז דער אויסלענדישער צוג צוגעגאַנגען צו דעם ניקאָלאַיעווסקען וואַקזאַל אין פּעטערבורג. מיט זיין טשאַמעדאַן אין די הענד איז אַנדריי אַרויס פון וואַגאָן. זיך אַרומקוקענדיג אויף אַלע זייטען, אַזוי ווי ער וואָלט געזוכט איימעצען, האָט ער שוין געוואָלט אַרויסגעהן אין גאַס. אין דיזען אויגענבליק, אָבער, איז צוגעקומען צו איהם א יונגער מאַן מיט אַ שיינעם בלאָנדען באָרד.

„דזשאָרדזש!" האָט אַנדריי אויסגעשריגען, צופאַלענדיג צו איהם און איהם אַרומנעהמענדיג.

אין דער שטיל, אָהן געררודער, זיינען די צוויי פריינדע אַרויס פון'ם וואַגזאַל. זיי האָבען גלייך גענומען אַ דראָשקע צוצופאָהרען צו דזשאָרדזש'ס וואוינונג.

ווען זיי זיינען געזעסען אינעווייניג און די דראָשקע האָט זיך גענומען ריהרען, האָט אַנדריי געפרעגט:

„ווי זשע געהט עס אייך דאָ? אַלע געזונד?"

„יאָ, מיר זיינען אַלע געזונד," האָט דזשאָרדזש געענטפערט.

דאָס האָט בעדייטעט, אַז קיינער פון זייערע פריינדע איז לעצטענס ניט אַרעסטירט געוואָרען. פראַגען וועגען איינפאַכען געזונד שפּיעלען ניט אַזאַ גרויסע ראָלע ביי רעוואָלוציאָנערן.

„הייסט עס, אַז איך בין אָנגעקומען אין אַ פיינעם וועטער," האָט אַנדריי בעמערקט.

„ניט זעהר פיין," האָט דזשאָרדזש מיט אַ האַלבען מויל געענטפערט. „נאָר וועגען דעם שפּעטער."

ער האָט אַ וואונק געגעבען צו אַנדריי'ן און האָט איהם אָנגעצייגט אויף'ן קוטשער. דאָס האָט געהייסען, אַז דאָ איז ניט דער פּלאַץ פאַר אַזעלכע רייד.

אין א האלבע שטונדע ארום זיינען ביידע פריינדע געזעסען אין דושארדוש'ס צימער, אין יעגארינסקי גאס, און האבען זיך איינע די אנדערע דערציילט די נייעס: דושארדוש האט אנדריי'ן געשילדערט וואס עס טהוט זיך אין רוסלאנד און אנדריי האט איבערגעגעבען דושארדוש'ן אלע איינצעלהייטען פון אויסלאנד און האט איהם דערציילט ווי אזוי זיין רייזע איז צוגעגאנגען.

מעהר פון אלעס האט דושארדוש'ן אינטערעסירט צו וויסען, ווי אזוי אנדריי איז אריבער דעם גרענעץ. אנדריי האט איהם דערציילט ווי אזוי ער האט זיך צונויפגעטראפען מיט דער קאמפאניע, וואס דאויד האט אריבערגעפיהרט איבער'ן גרענעץ, ווי קונציג דאויד האט אלעס אבגעארבייט און ווי די גאנצע צערעמאניע פון אריבערגעהן דעם גרענעץ איז א גאר ניט, אויב מי ווייסט נאר ווי אזוי זיך אויפצופיהרען. ווען אנדריי האט דערציילט, ווי אזוי סאזעפין האט זיך ארויס גע'גנב'עט פון רוסלאנד מיט א פאס פון א פערציג יעהריגע אלמנה, האט זיך דושארדוש געקאטשעט פאר געלעכטער.

„וואס פאר א מאדנער מענש דיזער דאויד איז," האט אנדריי דאבייא בעמערקט. „ער זאגט, דוכט זיך, אז ער האט ניט קיין צובונד צום רוסישען פאלק, אז ער האסט עס זאגאר פאר זיין אונמענשליכקייט צו דעם ארעמען אידען, און פונדעסטוועגען שטעלט ער איין זיין גאנצען לעבען אין סכנה, צו בעפרייען טאקי אט דאס זעלבע פערהאסטע פאלק פון דעם טיראן. ער זאגט, אז ער טהוט עס נאר דערפאר, ווייל ער ליעבט זעהר די ניהיליסטען. יעדענפאלס איז ער א מערקווירדיגער מענש, און עס זיינען דא אזוי ווייניג אזעלכע צווישען אונז. האט איהר עפעס דא אין פעטערבורג אזעלכע קרעפטען?"

„נו, ווי זאל איך דיר זאגען? עס זיינען דא איניגע. דו וועסט זיך וואהרשיינליך מיט זיי זעהן. נאר, עס איז דא איין פערזאן, א מיידעל, מיט וועלכער איך וואלט דיר וועלען באלד בעקאנט מאכען. זי הייסט טאניא ריעפינא. דעם אמת זאגענדיג, האב איך נאך אזא אידעלען און מעכטיגען כאראקטער ניט געטראפען אין מיין גאנצען לעבען. ——"

„אַ מיידעל! ווי אַלט איז זי?" האָט איהם אַנדריי איבערגעשלאָגען.

„ניינצעהן. נאָר וואָס מאַכט עס אויס?"

„שעהן, האַ?"

דזשאָ־דזשו האָט ניט געענטפֿערט. איהם האָט די פֿראַגע עפּעס גאָר ניט געשמעקט.

„אָה, זיי ניט אין כעס, דזשאָרדזש," האָט זיך אַנדריי ענטשולדיגט, אָננעהמענדיג זיין פֿריינד ביי דער האַנד. „איך האָב גאָר ניט געמיינט דערמיט. איך האָב נאָר געפֿרעגט, ווייל דו ווייסט דאָך ווי מ'זאָגט, דער פּנים איז אַ שפּיגעל פֿון'ם האַרצען."

דזשאָרדזש'ס כעס האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטען. ער האָט זיך באַלד איבערגעבעטען און האָט ווייטער געזאָגט:

„דו זאָלסט איהר נאָר זעהן, אַנדריי! איך זאָג דיר, אונזער בעוועגונג מעג מיט איהר שטאָלצירען. אין צוויי יאָהר אַרום וועט זי בעקומען אַ ירושה און וועט ווערען רייך. איהר גאַנצען פֿערמעגען גיט זי אָב פֿאַר אונזער בעוועגונג. אָבער ווען דיזער גאַנצער פֿערמעגען וואָלט געווען צעהן מאָל אַזוי גרויס, וואָלט ער אונז ניט געבראַכט אַזוי פֿיעל נוצען ווי זי אַליין, מיט איהר טהעטיגקייט."

אַנדריי האָט בעמערקט מיט וואָס פֿאַר אַ בעגייסטערונג דזשאָרדזש האָט גערעדט וועגען דיזע מיידעל און האָט אָנגעהויבען צו שמייכלען.

„ווייסט וואָס איך וועל דיר זאָגען, דזשאָרדזש? אויב דיין טאַניאַ האָט נאָר אפילו איין צעהנטעל פֿון דיזע מעלות, דאַן... דאַן איז זי זעהר אַ גוט מיידעל און... און איך וועל זעהר צופֿרידען זיין, ווען דו וועסט מיר איהר פֿאָרשטעלען. וואו וואוינט זי? וואו קען מען איהר טרעפֿען?"

„זי וואוינט ביי איהרע עלטערן. אָפֿיציעל איז זי נאָך ניט אַריין אין אונזער פּאַרטיי. איהר פֿאָטער איז דער בעריהמטער אַדוואָקאַט, ריעפין. ער איז זעהר אַן עהרליכער מאַן און סימפּאַטיזירט מיט אונזער בעוועגונג. ער העלפֿט אונז אָפֿט שטילערהייט אונטער. אונזער זינאַ איז מיט זיי ביידען זעהר בעפֿריינדעט."

VI.

די בעקאַנטשאַפט און אַ שפּיאָן.

עס זיינען אַריבער צוויי וואָכען. ביידע פֿריינדע האָבען מיט אונגעדולד געוואַרט, אַז זינאַ זאָל צוריקקומען פֿון דובראַווניק, וואוהין זי איז אוועקגעפֿאָהרען צו ערפֿאַהרען, אויב מ׳ קען דאָרט ניט מאַכען אַ פֿערזוך, מיט געוואַלד צו בעפֿרייען איהר מאַן פֿון אַסטראָג. ענדליך איז זי געקומען. מ׳ האָט איהר באַלד געבראַכט צו אַנדריי׳ן, וועלכער האָט זיך אַליין געוואָלט אָננעהמען פֿאָרצובערייטען דעם בעפֿאַל אויף דאָס געפֿענגניס. אַנדריי האָט שטאַרק געהאָפֿט, אַז ווען ער וועט זיך נעהמען דערצו, וועט מען דאָס קענען אויספֿיהרען ווייל ער איז זעהר אַ געניטער סאָלדאַט אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרמעע. פֿריהער אָבער, איידער ער וועט פֿערלאָזען פעטערבורג, האָט ער געוואָלט בעקאַנט ווערען מיט דער פֿאַמיליע ריעפין, וועגען וועלכער מ׳ האָט איהם אַזוי פֿיעל דערציילט. זינאַ האָט איהם פֿערשפּראָכען מיט זיי בעקאַנט צו מאַכען.

די פֿאַמיליע ריעפּין, דאָס הייסט דער אַלטער ריעפּין און זיין יונגע טאָכטער, זיינען געווען צו הויז אין זייער פּראַכטפֿאָלער וואוינונג, אין קאָניושנאַיאַ גאַס, ווען דזשאָרדזש, אַנדריי און זינאַ האָבען אָנגעקלונגען. דאָס מיידעל האָט די געסט איינגעלאַדען אין איהר אייגענעם צימער, ווייל דער אַלטער ריעפּין איז געווען בעשעפֿטיגט מיט אַ פּראָפֿעסאָר, וואָס איז ביי איהם געווען צו גאַסט.

ביי טאַניאַ׳ן האָבען זיך געשטעלט טרעהרען אין די אויגען, ווען זי האָט דערזעהן זינאַ׳ן. זי האָט איהר געזעהן צום ערשטען מאָל זייט מ׳ האָט אַרעסטעט באָריס׳ן און זי האָט געוואוסט, וואָס די אונגליקליכע פֿרוי האָט אויסגעשטאַנען זייט דיזער צייט. זינאַ אָבער איז געבליבען דערביי גאַנץ רוהיג. זי האָט צו טיעף געליעבט איהר מאַן, אום דאָס אַרויסצואווייזען ביי די ערשטע געלעגענהייט.

ווען מי האָט טאַניאַ'ן און אַנדריי'ן פאָרגעשטעלט איינע פאַר די אַנדערע, האָבען זיי עפּעס ביידע געגומען פיהלען, אַז זיי איז צוגעקומען פאַרב אין די פּנים'ער. זיי האָבען פערבראַכט צוזאַמען אַ היבשע צייט און דזשאַרדזש האָט זיך געסטאַרעט, אַז אַנדריי און טאַניאַ זאָלען ווער־ען פריינד.

שפּעטער אַ וויילע איז ר י ע פ י ן אַריינגעקומען. ער איז געווען זעהר צופרידען פון זייער בעזוך. בעזאָנדערס האָט אירם געפרייט צו מאַכען בעקאַנטשאַפט מיט אַנדריי'ן, וועגען וועמען ער האָט געהערט אַזוי פיעל ריידען. ער האָט איהם אויסגעפרעגט, ווי אַזוי „עס לעבט זיך" אין אויסלאַנד און ענדליך האָט ער געזאָגט:

„וואָס פאַר אַ שמערצפולער קאָנטראַסט דאָס מוז זיין פאַר אייך נאָכדעם ווי איהר זייט אַזוי לאַנג צוגעוואיינט צו לעבען אין דער פרייהייט, אַריינצופאַלען אין דיזען אונגליקליכען לאַנד, וואו מי קען ניט אויסריידען אַ וואָרט און זיין זיכער, אַז אַ זשאַנדאַרם זאָל אייך ניט אָנכאַפּען ביים גאָרגעל."

„ס'פערשטעהט זיך, אַז דער קאָנטראַסט איז גרויס," האָט אַנדריי געענטפערט. „וואָס מיר אַליין אַנבעלאַנגט געפין איך עס גאָר ניט אַזוי שרעקליך. אדרבה, איך בין צופרידענער צו זיין דאָ ווי דאָרט."

ריעפּין האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. ער האָט זיך עס גאָר ניט געקענט גלויבען. ער האָט איהם געקוקט גלייך אין די אויגען און האָט געזאָגט:

„אָה, זאָגט עס ניט! זיין אומער אין שרעק; ניט האָבען קיין מינוט רוהע און זיכערהייט ביי טאָג; זיך אויפכאַפּען פון יעדען משונה'דיגען קול ביי נאַכט — מיט דעם געדאַנק, אַז דער לעצטער מאָמענט איז געקומען! אָ דאָס מוז זיין שרעקליך!"

„ענטשולדיגט, הערר ריעפּין," האָט זיך אַנדריי אָבגערופען, „אייער בילד איזווירקליך צו שטאַרק."

„מיינט איהר צו זאָגען, אַז איך קימערט גאָר ניט דאָס געפאַהר, וואָס שטעהט אייך הינטערן רוקען און אין וועלכער איהר קענט אַריינפאַ'ען יעדע מינוט?" האָט ריעפּין פערוואונדערט געפרעגט.

אויף דער פראגע, נאטירליך, איז ניט אזוי לייכט געוועזן צו ענטפערן. ריעפין האט ניט געקענט פערשטעהן, אז די רעוואלוציאנערן ווערען צוגעוואוינט צו אזא סארט לעבען און עס קימערט זיי ווירקליך ניט אזוי ווי אנדערע מענשען.

נאך א קורצער פאוזע האט דושארדזש גענומען דאס ווארט. ער האט געזוכט צו בעווייזען, אז די „אונגעזעצליכע" לעבען, אין געוויסע צייטען, אסך זיכערער ווי א געוועהנליכער „בעל הבית" אין רוסלאנד.

„אט נעהמט למשל אייך אליין," האט ער געזאגט צו ריעפין'ן. „זייט איהר זיכער, אז נאך היינט ביינאכט זאל די פאליציי ניט איינברעכען ביי אייך אין הויז? איהר האט אבגעזאגט א בוכהאלטער דערפאר וואס ער האט געשווינדעלט, און איהם קען זיך פערוועלען נעהמען ראַבע פון אייך און אייך אויסגעבען, אז ביי אייך קומען אריין „ניט קיין כשר'ע" מענשען. איהר האט זיך אויסגערעדט א ווארט אויף דער רוסישער רעגירונג און איינער קען עס נאך אוועקטראגען צו דער געהיים פאליציי. איהר האט זיך וואהרשיינליך ניט אויסגעהיט און האט געשריבען איבער אזעלכע זאכען צו א פריינד אייערן, וועלכער איז אפשר ערגעץ וואו ארעסטירט געווארען און אייער בריעף איז אריינגעפאלען צו דער פאליציי אין די הענד. האט איהר ניט געטהאן אט די אלע זאכען?"

ריעפין האט זיך מודה געווען, אז ער האט עס אלעס געטהאן.

„עס איז אלזא ניט מעהר ווי נאבלעסיגקייט פון אייער זייט, אויב איהר שלאפט רוהיג ביינאכט," האט דושארדזש ווייטער געזאגט. „איהר קענט נאך היינט ביינאכט ארעסטירט ווערען און מארגען קענט איהר שוין זיין אויף'ן וועג נאך סיביר. מיר אבער קענען שלאפען רוהיג. אלע אונזערע זינד ווערען אבגעוואשען אזוי גיך ווי מיר ווארפען אריין אונזערע אלטע פעסער אין פייער און מאכען זיך נייע. מיט א נייעם פאס איז מען גאר א פרישער מענש און מי קען זיין פערזיכערט אובער א נייעם אויף א פאר יאהר, נאטירליך, אויב דער פאס איז גוט. איך וועל באלד פייערן דעם פירטען יאהר פון מיין „אונגעזעצליכען" עקזיסטענץ.

אַזוי האָבען זיי זיך אונטערהאַלטען ביז האַלב נאָך עלף. זיי האָבען דאַן גענומען אַבשיעד פֿון דעם פֿאָטער און די טאָכטער און זיינען אַוועק. אויף דרויסען האָט דזשאָרדזש געפֿרעגט אַנדריי'ן, ווי טאַניאַ געפֿעלט איהם. ווי ערשטוינט איז ער אָבער געוואָרען, ווען אַנדריי האָט דערויף גאַנץ קאַלט געענטפֿערט: „ניש'קשה". ער האָט געמיינט, אַז אַנדריי וועט דאַבוי זיין אַזוי בעגייסטערט ווי ער אַליין און איהם האָט זעהר פֿערדראָסען, ווען ער האָט דערזעהן, אַז אַנדריי איז געבליבען גלייכגילטיג. ער האָט איהם שוין געוואָלט בעמערקען, אַז ער האָט בלוט פֿון אַ פֿיש און ניט פֿון קיין מענשען, פּלוצלינג האָט איהם אַנדריי אָנגעחאַפּט ביים האַנד און האָט איהם שטילערהייט געזאָגט, אַז איימעצער געהט זיי, דוכט זיך, נאָך.

זיי זיינען אָבגעגאַנגען עטליכע גאַסען און האָבען זיך גלייך איבערציינגט, אַז מי פֿערפֿאָלגט זיי.

„דער חברה־מאַן איז אַ שפּיאָן," האָט אַנדריי געזאָגט, געהענדיג ווייטער און זיך ניט אומקוקענדיג. „דאָס איז גאָר קיין צווייפֿעל ניט. אָבער עס איז זיך ניטאָ וואָס צו שרעקען. ווי עס שיינט איז ער נאָך גאָר אַ „פֿרישינקער" און פֿערשטעהט ניט זיין געשעפֿט. דאָס דערקען איך אין זיינע טריט. אַלזאָ, מיר דאַרפֿען זיך צושיידען. איך וועל איהם נעהמען אויף זיך. איך וועל פֿון איהם גיכער פּטור ווערען ווי דו. לאָמיר זיך צוגעהן."

ביידע פֿריינדע האָבען זיך אָבגעשטעלט און געבענדיג איינער דעם אַנדערן די האַנד, זיינען זיי אַוועק אין פֿערשידענע זייטען. אַנדריי האָט זיך אָבער באַלד אָבגעשטעלט און האָט אָנגעהויבען צו פֿעררויכערן אַ סיגאַרעט. אין דער צייט האָט ער געהאַט די מעגליכקייט צו בעמערקען דעם פּנים פֿון דעם מאַן, וואָס איז זיי נאָכגעגאַנגען. ער האָט זיך גלייך איבערציינגט, אַז ער האָט קיין טעות ניט געהאַט, דען דאָס איז ווירקליך געווען אַ שפּיאָן. דערווייל איז דער שפּיאָן פֿערביי געגאַנגען פֿערביי איהם און ניט וויסענדיג נאָך וועמען ער זאָל געהן, נאָך אַנדריי'ן אָדער נאָך דזשאָרדזש'ן, האָט ער זיך אויך אויף אַ ווײַלע אָבגעשטעלט. בעמערקענדיג אָבער, אַז אַנדריי קוקט אויף איהם, איז

ער אַוועק ווייטער, אין דער זייט, אין וועלכער דושאָרדזש איז געגאַנגען. דאָס האָט אַביסעל ניט געשטימט מיט אַנדריי'ס פּלאַן און ער האָט דאַרום בעשלאָסען זיך אומצוקעהרען און נאָכצוגעהן נאָך דעם שפּיאָן. דער שפּיאָן אָבער האָט גלייך בעמערקט, אַז אַנדריי געהט איהם נאָך, און וויסענדיג גאַנץ גוט וואָס דאָס הייסט צו זיין צווישען צוויי פֿלאַמען, האָט ער בעשלאָסען זיך אָבצושטעלען, כלומר'שט צו לעזען אַ שילד, אין דער אמת'ן אָבער האָט ער געמיינט דורכצולאָזען אַנדריי'ן אויף פֿריהער. דאָס האָט טאַקי אַנדריי געוואָלט. האָבענדיג דעם שפּיאָן הינטער זיך, האָט ער גענומען געהן זעהר לאַנגזאַם. דער שפּיאָן איז איהם נאָכגעגאַנגען. אָבגעהענדיג אַזוי אַ צעהן מינוטען און זעהענדיג, אַז דושאָרדזש איז שוין לאַנג ניטאָ אויף דיזער גאַס, האָט זיך אנדריי פּלוצלינג פֿערקערעוועט אין אַ שמאָלינקע געסעלע און מערקענדיג, אַז דאָרט איז געשטאַנען אַ דראָשקע, איז ער אַרויפֿגעשפּרונגען אויף איהר, און איידער דער שפּיאָן האָט נאָך צייט געהאַט צו פֿערקערעווען זיך, איז די דראָשקע שוין ניט געווען.

קומענדיג אַהיים, האָט אַנדריי פֿעסט פֿערשפּאַרט די טהיר און האָט אַרויסגענומען אַ רעוואָלווער און אַ שפּיעז, וועלכע ער האָט אַוועקגעלייגט אויף אַ טישעל לעבען בעט, וואו ער האָט זיך געלייגט שלאָפֿען.

VII.

טאניא'ס ראלע.

דושאָרדזש'ס רייד צו ריעפּין'ן, זיינען אַפּנים געווען אַזוי ווי אַ שטיקעל נבואה. עס זיינען ניט אַריבער קיין פֿינף מינוטען, זייט אַנדריי און דושאָרדזש האָבען פֿערלאָזען ריעפּין'ס הויז, ווי מיט אַ מאָל האָט איימעצער פֿון דרויסען גענומען רייסען דעם גלאָק. אין עטליכע סעקונדען אַרום איז די גאַנצע דווז געוואָרען געפּאַקט מיט זשאַנדאַרמען און פּאָליציסטען.

ריעפין איז ניט געווען קיין פֿייגלינג. דיזען מאָל אָבער האָט ער זיך זעהר דערשראָקען. ער האָט געמיינט, אַז די פּאָליציי איז געקומען, ווייל זי האָט ערפֿאַהרען עפּעס איבער אַנדריי'ס און דזשאָרדזש'ס בעזוך צו טאַניאַ'ן. ריעפין האָט גאַנץ גוט געוואוסט וואָס מי טהוט אין רוסלאַנד מיט פּערזאָנען, וואָס נעהמען אויף אַזעלכע „אונגעזעצליכע" געסט, ווי אנדריי און דזשאָרדזש.

ער האָט זיך אָבער באַלד בערוהיגט. פֿון אייניגע ווערטער וואָס דער זשאַנדאַרען־אָפֿעציער האָט איהם געזאָגט, האָט ער גלייך געקענט פֿערשטעהן, אַז זיי ווייסען גאָר ניט וועגען די געפֿעהרליכע פּערזאָנען, וועלכע האָבען נאָר וואָס פֿערלאָזען זיין הויז. דער אָפֿעציער האָט ערקלעהרט, אַז זיי זיינען געקומען מאַכען אַן אָביסק אין הויז, אַזוי ווי איימעצער האָט גע'מסר'ט, אַז דער בעל הבית פֿון הויז לעזט פֿערבאָטענע ביכלאַך.

דער אָביסק האָט געדויערט אַ פּאָר שטונדען. די פּאָליציי האָט גאָר ניט געפֿונען, און אַזוי ווי ריעפין איז געווען זעהר אַ בעקאַנטע פּערזאָן, האָט מען איהם ניט אַרעסטירט, ווי די מאָדע איז אין רוסלאַנד, ווען מי מאַכט אויף איימעצען אַ דאָנאָס, זאָנדערן מי האָט נאָר פֿון איהם גענומען אַן אונטערשריפֿט, אַז ער וועט פֿרייוויליג קומען צום פּאָליציי־מייסטער דאָרט אָבצוגעבען זיין „ערקלעהרונג".

ווען די פּאָליציי איז אַוועק, האָבען ריעפין און טאַניאַ אָבגעחאַפּט דעם אָטהעם. יעצט האָבען זיי פֿערשטאַנען אין וואָס פֿאַר אַ געפֿאַהר זיי זיינען. וואָלט די פּאָליציי געקומען מיט פֿינף מינוטען פֿריהער, וואָלטען אַלע פֿיער געווען קאַפּוט. אָבער פֿון וואַנען ווייסען מיר, האָט זיך טאַניאַ געטראַכט, אַז די געפֿאַהר איז שוין פֿאַריבער? די פּאָליציי האָט געווים געלאָזען אַ פּאָר שפּיאָנען, צו היטען אונזער הויז און אָבצוגעבען צו געבען אויף די וואָס קומען אַריין. מאָרגען אָדער איבערמאָרגען וועט דזשאָרדזש און אנדריי דאָ ווידער זיין, און דאַן זיינען אַלע פֿערלאָרען. יעדענפֿאַלס וועלען זיי ביידע זיין קאַפּוט; די פּאָליציי שאַרפֿט שוין אויף זיי לאַנג די ציין. אָבער וואָס טהוט מען? ווי גיט מען זיי צו וויסען, זיי זאָלען זיין פֿאָרזיכטיג?

די אָרעמע טאַניאַ, וועלכע איז געוועזן צום ערשטען מאָל אין אַזאַ פערלעגענהייט, האָט די גאַנצע נאַכט געקלעהרט, וואָס זי זאָל טהאָן אום צו רעטען איהרע פריינד. ביז אַהער האָט זי קיין אַנטהייל ניט גענומען אין דער גרויסער ניהיליסטען בעוועגונג. אַלעס, וואָס זי האָט געוואוסט, זיינען געוועזן די ערצעהלונגען פון דזשאָרדזש און פון זינאַ, וועלכע זי האָט זעהר געליעבט. זי אַליין אָבער האָט ניט געהאַט קיין ערפאַהרונג. יעצט, ווען איהר איז אויסגעקומען אָנצופאַנגען עטוואָס וויכטיגעס, האָט זי ניט געוואוסט, ווי זי זאָל זיך נעהמען דערצו. זי האָט זיך אָבער ענטשלאָסען צו פערהיטען איהרע פריינדע פון אַן אונגליק, עס מעג דערפון אַרויסקומען זוער ווייסט וואָס פאַר אַ געפאַהר פאַר איהר אַליין.

אויף מאָרגען האָט זי זיך אויפגעהאַפט גאַנץ פריה און האָט זיך גלייך גענומען אָנטהאָן. זי האָט אָנגעטהאָן די איינפאַכסטע קלייד, וואָס זי האָט נאָר געהאַט, און אַ פאָר אַלטע שיך. אין דיזען קאָסטיום איז זי מעהר געוועזן עהנליך אויף אַ דינסט-מיידעל, ווי אויף אַ פריילין פון אַ רייכער פאַמיליע. דאַן איז זי אַרויס אויף'ן גאַס. זי האָט געוואָלט געהן צו דזשאָרדזשען, זי האָט זיך אָבער דערמאָנט, אַז די שפּיאָנען, וואָס געפינען זיך אַרום זייער הויז, וועלען איהר געוויס נאָכגעהן, און דאַרום האָט זי געמאַכט אַן אומוועג: און איז אַוועק גאָר אין אַן אַנדער געגענד.

ווי מיר האָבען בעמערקט, איז טאַניאַ געוועזן גאַנץ אונערפאַהרען אין אַזעלכע אַנגעלעגענהייטען און דאָס געפיהל, אַז זי קען פּיליכט מאַכען אַ פעהלער, וואָס קען שאַדען איהרע פריינד, האָט איהר געמאַכט נאָך אונרוהיגער. איהר האַרץ האָט איהר שטאַרק געקלאַפּט יעדעס מאָל, ווען זי פלעגט דערהערען טריט הינטער זיך. ווער ווייס, האָט זי זיך געטראַכט, אויב דיזע רויטע און פעטע פרוי, וואָס געהט איהר יעצט נאָך, איז ניט איינע פון איהרע שפּיאָנען? אָט האָט זי זיך אפילו פערקערעוועט אין אַן אַנדער גאַס. אָבער דזשאָרדזש האָט איהר אַמאָל געזאָגט, אַז אויף דעם קען מען זיך ניט פערלאָזען; אַז אָפט מהוען זיי עס מיט אַ כיוון, כדי מ׳ זאָל ניט זעהן, אַז מ׳ ווערט

פערפאָלגט; אין דער צייט, ווען זיי געהען אַוועק אין אַן אַנדער גאַס, גיבען זיי אַ וואונק צו אַנדערע שפּיאָנען, וואָס שטעהען דוצענט-ווייז אויף יעדען ווינקעל, און אַן אַנדערער געהט ווייטער נאָך.

אַזוי האָט זיך טאַניאַ געדרעהט פון איין גאַס אין דער צווייטער, פון איין מאַגאַזין אין אַנדערן. ענדליך איז זי אַריין אין אַ שטילע געסעלע און האָט זיך אָבגעשטעלט אָבצוכאַפּען דעם אָטהעם. אַזוי ווי אין געסעלע איז קיינער ניט געווען, איז זי אַרויס און האָט גלייך גענומען אַ דראָשקע. יעצט האָט זי זיך אין גאַנצען בערוהיגט. זי האָט געזעהן, אַז קיינער פאָהרט איהר ניט נאָך.

אַנדריי, דזשאָרדזש און לינאַ, וועלכע איז נאָר וואָס געהאַט אָנגעקומען פון דער שוויין, זיינען געזעסען און גערעדט ביי דזשאָרדזש'ן אין צימער, ווען טאַניאַ איז מיט אימפּעט אַריינגעלאָפען. זיי זיינען אַלע אויפגעשפּרונגען איהר דערזעהענדיג. עס האָט נאָך קיין מאָל ניט געטראָפען, אַז טאַניאַ אַליין זאָל זיי בעזוכען.

טאַניאַ האָט זיי דערצעהלט אַלעס, וואָס האָט ביי זיי געטראָפען ווען זיי זיינען אַוועק. זי האָט זיי אויך דערציילט, וואָס זי האָט געטהאָן און ווי אַזוי זי האָט זיך אויפגעפיהרט געהענדיג אַהער. זי ווייס ניט, האָט זי בעמערקט אונרוהיג, אויב איהר איז געלונגען זיך אָבצוגנב'ענען פון די שפּיאָנען, אָבער זי האָט געטהאָן אַלעס מעגליכע צו עררייכען דיזען צוועק.

„וואָס רעדט איהר?" האָט לינאַ אויסגערופען, נאָכדעם ווי טאַניאַ האָט דערציילט איהר גאַנצע געשיכטע. „קיינער פון אונז וואָלט אין דיזער אַנגעלעגענהייט ניט געקענט בעסער האַנדלען ווי איהר, טאַניאַ!"

„איך גראַטולירע אייך, טאַניאַ," האָט דזשאָרדזש לאַבענדיג געזאָגט. „אייער אָנפאַנג איז אויסגעצייכענט."

טאַניאַ, וועלכע האָט גאָר ניט ערוואַרטעט דיזע קאָמפּלימענטען, איז געוואָרען רויטה פון פערגניגען. אין דיזען צושטאַנד האָט זי אויסגעזעהן נאָך שעהנער, נאָך רייצענדער, ווי פריהער. אַנדריי האָט אַ היבשע ווײַלע ניט אַראָבגענומען קיין אויג פון איהר.

טאַניאַ האָט זיך געפֿיהלט זעהר גוט אין דער קאָמפּאַניע, זי האָט אָבער געדיינקט, אַז זי האָט איהרע פֿריינדע געשטערט פֿון דער אַרבייט און האָט דאַרום געוואָלט געהן. דושאָרדוש האָט איהר געבעטען, זי זאָל נאָך בלייבען אַ ווײלע. אַנדריי האָט אויך צוגעלייגט אַ פּאָר ווערטער, און זי איז פֿערבליבען.

אַנדריי האָט גערעדט מיט לינאַ'ן איבער זייערע פֿערבליבענע פֿריינדע אין דער שווייץ און האָט זיך ניט אומגעקוקט צו טאַניאַ'ן מיט דושאָרדוש'ן וועלכע זיינען געזעסען אויף אַן אַנדער זייט און גערעדט. אין אמת'ן אָבער איז ער געווען זעהר צופֿרידען וואָס טאַניאַ געפֿינט זיך לעבען איהם.

ענדליך האָט זיך טאַניאַ אויפֿגעהויבען צו געהן. איהר פֿאָטער, האָט זי געזאָגט, וועט זיין אונרוהיג. זי האָט גענומען אַבשיעד פֿון זיי און איז אַרויס. אַנדריי'ן האָט זיך אויסגעדוכט, אַזוי ווי אין צימער וואָלט געוואָרען דונקלער, דורך דיזער ענדערונג.

„וואָס פֿאַר אַ רייצענדעס געזיכט זי האָט!" האָט לינאַ, באַלד ווי טאַניאַ איז אַרויסגעגאַנגען, אויסגערופֿען.

אַנדריי האָט געשמייכעלט.

„איך ווייס ניט," האָט ער געזאָגט. „פֿרעג ביי דושאָרדוש'ן, וואָס ער דיינקט איבער איהר. איך בין ניט קיין גרויסער מבין אויף אַזעלכע זאַכען."

דושאָרדוש, וועלכער האָט בעגלייטעט טאַניאַ'ן אַראָב די טרעפּ, איז באַלד צוריקגעקומען און זיי האָבען גענומען פֿאָרטזעצען ווייטער זייער איבערגעשלאָגענעם שמועה.

אַרום צוועלף אַזייגער זיינען אַריינגעקומען זינאַ און וואַסילי ווערביטצקי, וועלכער איז צוזאַמען מיט לינאַ'ן צוריקגעקומען פֿון דער שווייץ. זינאַ איז געווען זעהר אויפֿגערעגט. זאָגאַר אויף וואַסילי'ס פּנים איז היינט אויך געווען אויסגעצויגען אַ גאַנצער וואָלקען פֿון אונרוהע.

„וואָס איז געשעהן?" האָט דושאָרדוש געפֿרעגט.

די זאַך האָט זיך באַלד ערקלעהרט.

זינאַ האָט זיי פֿאָרגעלעזען אַ בריעף פֿון דובראַוויניק, וועלכער האָט ענטהאַלטען איינצעלהייטען איבער די שרעקליכע בעהאַנדלונג, מיט וועלכער מי בעהאַנדעלט דאָרט די פּאָליטישע געפֿאַנגענע. שרעקליכער פֿון אַלעס איז געווען די אונערהערטע טהאַט, וואָס איז אָבגעטהאָן געוואָרען אין געפֿענגניס דאָרט. פֿאַר די וועכטער און די זשאַנדאַרמען אין די אויגען, האָט מען געצוואונגען אַ יונגע מיידעל, וועלכע איז אַרעסטירט געוואָרען, זיך אויסצוטהאָן נאַקעט, מיט דעם אויסרייד, אַז מי דאַרף אַראָבנעהמען אַ גענויע בעשרייבונג, ווי אַזוי זי זעהט אויס, איהרע ריכטיגע פרידמעטען.

ביי דיזע נייעס איז געוואָרען שטיל אין צימער. די פֿריילִיכקייט פֿון פֿריהער איז פֿערשוואונדען. דער פֿינסטערער גייסט פֿון ראַכע האָט זיי אַלעמען געמאַטערט.

„דאָס קען ניט פֿערשוויגען ווערען!" האָבען כמעט אַלע אין איין קול אַרויסגעפלאַצט.

זינאַ האָט יעצט דערצעהלט, אַז די פֿריינדע פֿון דובראַוויניק פערלאַנגען, אַז צוויי פערזאָן, אַ מאַן און אַ פֿרוי זאָלען אַריבערקומען פֿון פעטערבורג, אַז זי איז ענטשלאָסען צו פֿאָהרען און אַז וואַסילי, דיינקט זי, איז דער פאַסענדער מאַן דערצו.

אַנדריי האָט אין אָנהויב געהאַט חשק צו פֿאָהרען. ווען זינאַ האָט אָבער ערקלעהרט, אַז וואַסילי איז גראַדע אַזוי ווי צוגעפּאַסט צו דער אַרבייט, האָט אַנדריי געזאָגט:

„גוט, זאָל זיין אַזוי; אָבער אַזוי גיך ווי איהר וועט זיך דאָרט נייטיגען אין נאָך איינעם, בין איך בערייט צו קומען."

זיי זיינען דאַן אַרויפֿגעקומען אויף דעם נעכטיגען אָביסק פֿון דער פאָליציי ביי ריעפין'ן. זינאַ האָט געזאָגט, אַז זי מיינט, דיזער פֿאַל איז פֿערבונדען מיט די אַרעסטען פֿון דובראַוויניק. אַ יונגער אַדוואָקאַט וועלכער פֿלעגט זיך קאָרעספּאָנדירען מיט ריעפין'ן, איז דאָרט אויך אַרעסטירט געוואָרען. יעדענפֿאַלס מיינט זי, אַז די זאַך איז נאָך ניט פֿאָראיבער און מי האָט, אויף יעדען פֿאַל, געדאַרפֿט אָנזאָגען ריעפין'ן. ער זאָל זיין פֿאָרזיכטיג.

אַזוי ווי פֿון זיי האָט קיינער ניט געקענט צוקומען צו ריעפין'ן, איז געבליעבען צוצושיקען צו איהם אַ פאָר ווערטער דורך אַ זייטיגע פערזאָן, מיט וועמען ער זעהט זיך אָפֿט.

VIII.

פ ע ר ל י ע ב ט ?

זינאַ און וואַסילי זיינען אַוועקגעפֿאָהרען נאָך דובראַווניק. זיי האָבען דאָרט אויסגעאַרבייט אַ פלאַן צו בעפֿרייען באָריס'ן און זיינע צוויי פֿריינדע ל ע וו ש י ן און ק ל י י ן. פֿון פעטערבורג האָט מען פֿערשפראָכען זיי צו העלפֿען מיט געלד און אויך מיט מענשען, אויב עס וועט נייטיג זיין, צו דיזען צוועק.

אַנדריי האָט יעדען טאָג ערוואַרטעט, מי זאָל איהם רופען נאָך דובראַווניק. איהם איז געוואָרען אַביסעל לאַנגווייליג אין פעטערבורג, אָבוואָהל ער האָט דאָרט געהאַט אַ שטיקעל אַרבייט, וועלכע האָט איהם פֿעראינטערעסירט. ער פֿלעגט האַלטען פֿאָרלעזונגען פֿאַר פֿאַבריק־אַרבייטער, וועלכע פֿלעגען זיך צוזאַמענקלייבען איהם הערען. דאָס איז אָבער ניט גענוג געווען פֿאַר איהם. ער האָט געוואָלט האָבען עטוואָס מעהר טהעטיגקייט, מעהר לעבען.

צו טאַניאַ'ן איז ער ביסלאַכווייז געוואָרען צוגעבונדען. ער האָט אָנגעהויבען עפֿטער אַריינצוקומען צו ריעפין'ן. דערצו האָט זיך געמאַכט, אַז ל י נ אַ האָט גענומען אַ קוואַטיר ניט ווייט פֿון ריעפין'ס וואוינונג און טאַניאַ פֿלעגט קומען אַהין זעהר אָפֿט. אַנדריי האָט אַלזאָ געהאַט אַ געלעגענהייט זיך מיט איהר אימער צו בעגעגענען, און וואָס אַמאָל ווייטער האָט זי איהם אַלץ מעהר צוגעצויגען, אָבוואָהל ער האָט עס געזוכט צו בעהאַלטען און האָט עס ניט געוואָלט אַרויסצייגען פֿאַר קיינעם, זאָגאַר פֿאַר דזשאָרדזש'ן אויך ניט.

איינמאָל האָט זיך געמאַכט עטוואָס, וואָס האָט זיין האַרץ אַזוי צוגעצויגען צו טאַניאַ'ן, אַז ער האָט זיך געמוזט פֿרעגען, אויב ער איז ווירקליך ניט פֿערליעבט אין איהר?

עס איז געוועזן אבענד.

אַנדריי איז געגאַנגען צוריק פֿון אַ שפּאַציר, וואָס ער האָט געמאַכט איבער'ן שטאָט, און האָט זיך ענטשלאָסען אַריינצוגעהן אַ ווײלע צו לינאַ'ן. ער האָט דאָרט געטראָפֿען דזשאָרדזש'ן און טאַניאַ'ן. זיי האָבען צוזאַמען געטרונקען טהעע און גערעדט איבער פֿערשיעדענע זאַכען. לינאַ האָט געפֿרעגט אַנדריי'ן, אויב ער וואָלט געקענט אָבגעבען אַן אבענד אָדער צוויי אין דער וואָך, איהר צוצוהעלפֿען אין איהר אַרבייט.

„וואָס פֿאַר אַן אַרבייט?" האָט אַנדריי געפֿרעגט.

„אין דעם יוגענד-קלוב," האָט לינאַ געענטפֿערט. „מיר דאַרפֿען האָבען איינעם, וואָס זאָל קומען ריידען איבער געוויסע טהעמאַס. דו וואָלסט גאַנץ גוט געטויגט דערצו, האַ?"

„איך מיין, אַז ניט. דזשאָרדזש, דיינק איך, וואָלט געוועזן בעסער פֿאַר מיר."

„איך ווייס," האָט לינאַ געענטפֿערט גאַנץ אויפֿריכטיג. „ער זאָגט אָבער, אַז ער האָט גאָר קיין צייט ניט. ער איז זעהר בעשעפֿטיגט."

„איך האָב אויך זעהר ווייניג צייט. איך בין פֿערנומען מיט מיינע פֿאָרלעזונגען פֿאַר די אַרבייטער, דו ווייסט דאָך. נאָר זאָג מיר, ווי קומט עס, וואָס עס פֿעהלט אייך גראַדע יעצט אויס אַ רעדנער?"

„מיר האָבען פֿערלאָרען אַ קראַפֿט אין מירטאָוו'ן, וועלכער איז אַרעסטירט געוואָרען."

„אָה, מירטאָוו!" האָט אַנדריי אויסגערופֿען. „איך האָב געהערט ווי אַזוי ער איז אַרעסטירט געוואָרען. ער מוז זיין אַ וואַזשנער יונג. ווייסט דו פֿילייכט וואָס מיט איהם קען ווערען?"

„מי קען גאָר ניט וויסען," האָט לינאַ געענטפֿערט. „עס הייגגט אָב, אין וואָס פֿאַר אַ לוינע די זשאַנדאַרמען וועלען זיין. ער איז ביי זיי אין די הענד."

זי האָט זיך אומגעקעהרט צו דזשאַרדזש'ן, וועלכער איז געווען פּערטיעפּט אין אַ שמועות מיט טאַניאַ'ן, און האָט איהם געפּרעגט, אויב ער האָט עפּעס געהערט וועגען מירטאָוו'ן.

„מיר האָבען ערהאַלטען עטליכע ווערטער פון איהם. ער האָט זעהר קליינע אויסזיכטען. די פּאָליציי האָט געפונען אויף זיין שרייב-טיש דעם מאַנוסקריפּט פון אַן אַרטיקעל, וועלכער האָט געזאָלט געדרוקט ווערען אין אונזער צייטונג, און אויך אַ פּעקעל פון אונזערע בלעטלאַך צום צוטהיילען. איך האָב מורא, ער איז אַזוי גוט ווי פערלאָרען."

„ווער איז דיזער מירטאָוו?" האָט זיך טאַניאַ אַריינגעמישט אין געשפּרעך. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז זי האָט אַמאָל געזעהן אַ סטודענט מיט אַזאַ נאָמען, וואָס האָט אויף איהר געמאַכט זעהר אַ גוטען און אַנגענעהמען איינדרוק.

„דיזער מירטאָוו איז איינער פון די מערקווירדיגסטע פּערזאָנען אין אונזער בעוועגונג," האָט דזשאַרדזש געענטפערט. „ער האָט געוואוינט אין איין האָטעל מיט טאַראַס'ן. — איהר האָט דאָך מן הסתם געהערט וועגען דיזען טאַראַס. ער איז יעצט די וויכטיגסטע פּערזאָן ביי אונז. נון, מירטאָוו האָט געוואוינט אַ טרעפּ נידעריגער פון טאַראַס'ן. די פּאָליציי איז געקומען אַרעסטירען טאַראַס'ן, אָבער אָנשטאָט אַרויפצוגעהן גלייך צו איהם, האָבען די זשאַנדאַרען אַ טעות געהאַט און האָבען אָנגעקלאַפּט אין מירטאָוו'ס טהיר. ווען מירטאָוו האָט געעפענט האָבען זיי איהם געפרעגט, אויב ער איז ניט טאַראַס קאָסטראָוו. מירטאָוו האָט גלייך פערשטאַנען צו וואָס די פּאָליציי קען דאַרפען טאַראַס'ן, און ווייסענדיג וואָס די בעוועגונג וועט פערלירען, ווען מי וועט צונעהמען אַזאַ פּערזאָן, האָט ער בעשלאָסען זיך זעלבסט אויפצואָפּפערן, כדי איהם צו רעטען. ער האָט ערקלעהרט די פּאָליציי, אַז ער איז דאָס טאַראַס. די פּאָליציי האָט איהם אַרעסטירט צוזאַמען מיט די פּאַפּירען, וואָס זיינען ביי איהם געלעגען. נאָר אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט זי ערפאַהרען, אַז די פּערזאָן, וואָס איז פערהאַפּטעט, איז ניט די, וואָס זי האָט געזוכט."

„און טאַראַס איז געראַטעט?" האָט טאַניאַ אין אויפרעגונג געפרעגט.

„יאָ. אויף אין דער פריה איז דאָס הויז געווען פול מיט דעם עס פערשטעהט זיך, אַז טאראס האָט ניט געוואַרט, אַז די פאָליציי זאָל פערריכטען איהר פעהלער."

„אָבער וואָס איז געווען מיט מירטאָוו'ן?" האָט טאַניאַ ווידער געפרעגט. „האָבען זיי אויסגעפונען דעם ריכטיגען נאָמען זיינעם?"

„געוויס, און טאַקי באַלד. דורכקוקענדיג די ביכער, וועלכע זיי האָבען געפונען ביי איהם אין צימער, האָבען זיי געפונען זיין נאָמען אויף איינעם פון זיי. זיי האָבען יעצט אויסגעפונען זייער טעות."

„נו? וואָס זשע האָבען זיי געטהאָן?" האָט זיך טאַניאַ ניט געקענט איינהאַלטען.

„וואָס האָבען זיי געוואָלט טהאָן, אויב ניט אויסלאָזען זייער כעס צו דעם, וועלכען זיי האָבען אין זייערע הענד? מירטאָוו האָט אָהנע צווייפעל געוואוסט וואָס איהם ערוואַרטעט און ער האָט עס טראָץ דעם געטהאָן."

„זיינען זיי געווען אינטימע פריינדע?" האָט טאַניאַ געפרעגט.

„ווער?"

„מירטאָוו און טאַראַס."

„ניט בעזאָנדערס. זיי זיינען געווען פון דער ווייטען איינע פון די אַנדערע. אדרבה, טאַראַס איז מירטאָוו'ן ניט זעהר שטאַרק געפעלען. זיין טהאַט איז ניט געווען אוים פערזענליכע פריינדשאַפט, נאָר פאַר דער אַלגעמיינער זאַכע. דאַרום איז זי אַזוי נאָבעל!"

טאַניאַ האָט אויסגעהערט דיזע ערצעהלונג מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטהעם. זי האָט פיעל געהערט וועגען דעם העלדענמוטה און די זעלבסט-אויפאָפּפערונג פון די ניהיליסטען; וועגען אַזאַ העלדענטהאַט אָבער האָט זי נאָך קיין מאָל ניט געהערט. ווען דושאָרדוש האָט געענדיגט זיין ערצעהלונג, האָבען ביי איהר די אויגען געבליטשטשעט פון בעגייסטערונג. אַ היבשע ווײלע זיינען אַלע געבליבען שטיל, געריהרט פון דיזער ערצעהלונג. ענדליך האָט טאַניאַ בעמערקט:

„איך גלויב, אַז מירטאָוו האָט נאָר געטהאָן זיין פפליכט, און אַז יעדער איינציגער פון אייך וואָלט געטהאָן דאָסזעלבע."

„וואָלט איהר, טאַניאַ, אויך געטהאָן דאָזועלבע?" האָט דושאָרדוש מיט אַן ערנסטע שטימע געפֿרעגט.

טאַניאַ איז געוואָרען רויט, און אויפֿהייבענדיג איהרע שיינע אויגען האָט זי רוהיג געענטפֿערט:

„יאָ, דושאָרדוש, איך וואָלט געטהאָן דאָס זעלבע."

אַנדריי איז שיעור ניט אויפֿגעשפּרונגען. ער האָט געפֿיהלט, אַז אין זיין האַרצען קומט פֿאָר עפּעס אונגעוועהנליכעס.

„וואָס איז מיט מיר?" האָט ער זיך אַליין געפֿרעגט. „בין איך אין איהר פֿערליעבט?"

„עס איז אַן אומזין!" האָט ער זיך ווייטער געטראַכט און האָט געזוכט צו פֿערטרייבען דיזען געדאַנק פֿון זיך.

אויף מאָרגען איז אַנדריי געזעסען אין זיין צימערל און האָט געטראַכט וועגען טאַניאַ'ן און זיין אונגליקליכע ליעבע צו איהר. אין דיזער צייט איז אַריין לינאַ. זי האָט געהאַט אין האַנד אַ בריעף פֿון זינאַ'ן, אין וועלכען עס איז געשטאַנען, אַז אַלע פֿאָרבערייטונגען צו בעפֿרייען באָריס'ן, זיינען שוין געמאַכט געוואָרען, און אַז אַנדריי מוז גלייך קומען זיי העלפֿען אויסצופֿיהרען די אַלע פּלענער. אַנדריי האָט זיך זעהר דערפֿרייט מיט דעם בריעף. ער איז געווען צופֿרידען, וואָס ער האָט אַ גוטע אורזאַכע צו פֿערלאָזען פּעטערבורג.

„נו, וואָס? איהר פֿאָהרט טאַקי?" האָט לינאַ געפֿרעגט.

אַנדריי האָט אויף איהר אַ קוק געגעבען. איהר פֿראַגע האָט איהם שטאַרק פֿערוואונדערט.

„געוויס פֿאָהר איך," האָט ער געזאָגט. „ווען זינאַ שרייבט, אַז זי דאַרף מיר דאָרט האָבען, בין איך מן הסתם נייטיג און עס איז גאָר ניטאָ וואָס צו ריידען וועגען דעם."

אויף מאָרגען איז ער געוועזן פֿערטיג צו פֿאָהרען.

IX.

אין דובראווניק.

אין פעטערבורג האט קיינער ניט געוואוסט זינא'ס אדרעס. אנדריי האט אלזא, קומענדיג נאך דובראווניק, זיך געדארפט ווענדען צו צוויי יונגע מיידלאך, די שוועסטער דאראָוו. ביי זיי האט ער עס געדארפט ערפאהרען, וואו מ׳ קען געפינען זינא׳ן.

נאך אביסעל מיה האט אנדריי אויסגעפונען דאס פינסטערע געסעל, וואו זיי האבען געוואוינט. ער האט אנגעקלונגען. א מיידעל, ארעם געקליידעט און מיט א קראנקעס אויסזעהן, האט איהם געעפענט די טהיר.

„וואס האט איהר געדארפט?" האט זי געפרעגט גאנץ געלאסען.

„וואוינען דא די שוועסטער דוראָראָוו?" האט אנדריי געפרעגט.

„קומט אריין," האט דאס מיידעל געזאגט.

אנדריי איז אריין. זי האט צוגעמאכט די טהיר און האט איהם ארויפגעפיהרט אין א קליינעם, זעהר ארעמען צימער.

„וואס האט איהר געדארפט?" האט זי ווידער אמאל געפרעגט, כמעט אין דעם זעלבען טאן וואס פריהער.

„איך דארף זעהן פרוילין דוראָראָוו," האט ער געענטפערט.

„מיך אדער מאשא׳ן?" האט זי געפרעגט.

„איהר זייט אלזא קאטהערינא דוראָראָוו," האט אנדריי געזאגט. איך האב א גרוס צו אייך ביידען פון לינא זובאָווא. און מיין נאמען איז קאזשובאָוו."

דאס בלייכע, קראנקע געזיכט פון דעם מיידעל האט אין דעם מאמענט אבגעלעבט.

„אה, עס פרייט מיך זעהר אייך צו זעהן, קאזשובאָוו," האט זי אויסגערופען. „זעצט זיך צו א ווייל. איך וועל געהן אריינרופען מיין שוועסטער."

זי איז אַרויס. אַנדריי איז געבּליבּען זיצען בּיי אַ טיש, וואו עס זיינען געלעגען אָנגעוואָרפען פּאַפּירען פון פערשידענער גרויס און מיט פערשידענע האַנדשריפטען. די צוויי שוועסטער האָבּען געאַרבּייט בּיים קאָפּירען און האָבּען דערפון געמאַכט אַ קלעגליכען לעבּען.

פון לינאַ'ן האָט אַנדריי געהערט, ווער די צוויי מיידלאַך זיינען געווען. זיי האָבּען געהאַט אַ שטיקעל ירושה פון זייער פאָטער, אַ קליינעם פערמעגען, וועלכען זיי האָבּען אין גאַנצען אַוועקגעגעבּען פאַר דער בּעוועגונג און האָבּען אַליין געדאַרפט אַרבּייטען שווער צו פערדינען זייער שטיקעל בּרויט.

בּאַלד איז מאַשאַ אַריינגעלאָפען אין צימער.

„מיר האָבּען אייך ניט ערוואַרטעט אַזוי גיך," האָט זי געזאָגט. „זינאַ האָט אונז געזאָגט, איהר וועט ניט זיין בּעפאָר דריי טעג. איהר ווילט איהר אַודאי זעהן בּאַלד, האַ?"

„יאָ, אויבּ עס וועט אייך ניט זיין שווער מיך צוצופיהרען."

„גוט. אין אַ פּאָר מינוטען אַרום וועל איך זיין פערטיג. עס איז ניט ווייט פון דאַנען."

זי איז אַריין אין דער צווייטער אַבּטהיילונג פון'ם צימער, וועלכע איז געווען אָבּגעצאַמט מיט אַ ליילאַך און וועלכע האָט געדינט פאַר אַ שלאָף־צימער. זי האָט זיך אויף דער גיך אָנגעטהאָן.

„איהר ווייסט, קאָזשובּאָוו?" האָט זי פון אינעווייניג אַרויסגערעדט. „איך ווייס אויך, וואו דאוויד וואוינט. איך קען אייך צופיהרען צו איהם, אויבּ איהר ווילט."

דאוויד אין דובּראַוונִיק!" האָט אַנדריי אויסגערופען. „איך האָבּ עס גאָר ניט געוואוסט. יעדענפאַלס, עס מאַכט מיר ניט אויס. לאָמיר צוגעהן, וואו עס איז נעהענטער."

זיי זיינען געגאַנגען צו דאַויד'ן. די צוויי פריינדע האָבּען זיך דערפרייט ווידער אַמאָל זיך צוזאַמענצוטרעפען.

נאָך אַ קורצע אונטערהאַלטונג זיינען זיי אַוועק צו זינאַ'ס קוואַרטיר, דאָרט האָבּען זיי געטראָפען אַננאַ וואָוליטש, וועלכע איז צוריקגעקומען פון דער שווייץ און האָט יעצט געוואוינט צוזאַמען מיט זינאַ'ן.

אַנדריי האָט דערצעהלט, וואָס עס הערט זיך אין פעטערבורג און באַלד נאָך דעם איז מען אַריבער זיך דורכצורייידען איבער אַ פּלאַן, וואָס זיי האָבען געהאַט, צו בעפרייען באָרים'ן און די אַנדערע, וואָס שמאַכטען אין אַסטראָג.

זינאַ האָט גענומען אַ בויגען פּאַפּיר, אויף וועלכען עס איז געווען אָנגעצייכענט דער פּלאַן פון געפענגניס און פון די אַרומיגע גאַסען און האָט עס דערלאַנגט אַנדריי'ן, מיט דער פראַגע, וואָס ער דיינקט וועגען זייער גאַנצען פּלאַן. אַלע זיינען געבליבען שטיל אין דער צייט, ווען אַנדריי האָט בעטראַכט דאָס פּאַפּיר.

„אייער פּלאַן געפעלט מיר ניט," האָט ער געזאָגט, נאָכדעם ווי זינאַ האָט איהם ערקלעהרט די בעדייטונג פון די פערשידענע פינטעלאַך און פּאַסקעלאַך אויף דעם פּאַפּיר. „דאָ איז דאָ צופיעל דרעהעניס. דער קלענסטער פעהלער, די קלענסטע אונפינקטליכקייט וועט אין גאַנצען בעגראָבען אונזער פּראָיעקט. צו בעפרייען מענשען פון קערקער מוז מען האָבען אַ גאַנץ איינפאַכען און פּראָסטען פּלאַן. אויסער דעם זיינען אין אייער פּלאַן אַריינגעמישט זעהר פיעל פרעמדע און זייטיגע מענשען. פון וואַנען ווייסט איהר, אַז איינער פון זיי וועט אייך ניט פערראַטהען?"

„ווען ריזיקירט מען ניט?" האָט זיך זינאַ אָבגערופען. „דאָס איז אָבער דאָס איינציגע וואָס מיר קענען טהאָן פאַר די געפאַנגענע."

אַנדריי האָט ווידער גענומען טראַכטען וועגען די פערשידענע איינצעלהייטען, און דאַן האָט ער מיט אַ זיפץ בעמערקט, אַז עס איז ווירקליך דאָס איינציגע, וואָס מי קען פאָרלויפיג טהאָן.

„איבעריגענס," האָט ער נאָכהער בעמערקט מיט אַ פריילוכערע שטימע. „עס איז נאָך ניט אַזוי געפעהרליך. דער פּלאַן האָט דאָך אויך זיינע גוטע זייטען."

די עטליכע פריינדע האָבען דאַן אָבגערעדט זיך צוזאַמענצוקומען אויף מאָרגען אין ראַבאַלסקי'ס וואוינונג, וועלכע מי האָט געהאַלטען פאַר'ן זיכערסטען פּלאַץ, אום דאָרט אויסצואַרבייטען די וויטערע איינצעלהייטען פון זייער בעפרייאונגס-פּלאַן.

ווען די פֿערזאַמלונג איז געווען צו ענדע, האָט אַנדריי געפֿרעגט זינאַ'ן, וואוהין ער זאָל געהן שלאָפֿען. זינאַ האָט איהם פֿאָרגעשלאָגען ער זאָל נעבטיגען ביי איהר. אַנדריי האָט ערקלעהרט, אַז דאָס איז ניט גוט, ווייל די שבנים קענען נאָך בעמערקען, אַז ביי איהר האָט געשלאָפֿען אַ פֿרעמדער מאַן, און דאָס קען דערגעהן ביז דער פּאָליציי.

זינאַ האָט דאַן פֿאָרגעשלאָגען, ער זאָל געהן מיט איהר צו ראַבאַלסקי'ן. דאָרט קען ער שלאָפֿען גאַנץ רוהיג. ראַבאַלסקי האָט זעהר אַ שיינע און רייבע וואוינונג, און דער פּאָליציי וועט קיין מאָל ניט איינפֿאַלען אין קאָפּ צו געהן אַהין זוכען ניהיליסטען.

צוגעהענדיג צום רייכען קוואַרטאַל, וואו עס זיינען געשטאַנען די פֿיינע, פֿיעל שטאָקיגע הייזער פֿון די דובראַוונִיק'ער גבירים, האָט זינאַ אָנגעוויזען אויף אַ הויז, וועלבע איז געווען העל בעלייכטעט, און האָט בעמערקט, אַז דאָס איז ראַבאַלסקי'ס הויז.

„מיר וועלען איהם זיכער טרעפֿען אין דערהיים,“ האָט זי געזאָגט. „ביי איהם מוז יעצט זיין אַ באַל.“

„אַ באַל?“ האָט אַנדריי אויסגערופֿען, „פֿאַר וואָס זשע זעהט מען ניט קיין קאַרעטען אונטען?“

אין דער זעלבער צייט האָט אַנדריי בעמערקט צוויי אַלטע פֿרויען, שטעהענדיג פֿון דער אַנדערער זייט גאַס, נעגען ראַבאַלסקי'ס הויז און ריידענדיג עפּעס צווישען זיך, ווי עס האָט אויסגעוויזען, זעהר וויכטיגעס און געהיימעס. די פֿרויען זיינען געווען זעהר אויפֿגערעגט און האָבען אָפֿט אָנגעוויזען אויף דאָס גרויסע הויז, וואָס איז געווען בעלייכטעט.

„איך האָב מורא, אַז ביי ראַבאַלסקי'ן איז עפּעס ניט אַלעס אין אָרדנונג היינט,“ האָט אַנדריי בעמערקט. „איבער אַ געוועהנליכען באַל וואָלטען זיך דיזע פֿרויען ניט אַזוי געהיצט. איהר ווייסט וואָס, זינאַ? וואַרט איהר דאָ אַ ווײַלע און איך וועל אַליין אַריינגעהן אין הויז. איך ווייס ניט פֿאַר וואָס, אָבער מיר שרעקט זעהר דאָס האַרץ. די לעבעדיגקייט אויבען אין הויז געפֿעלט מיר ניט. מיר שיינט, אַז דאָרט איז ניט גאַנץ גלאַט.“

„אָה, אַנדריי!" האָט זיך זינאַ אָבגערופען לאַבענדיג. „איהר זייט שוין צופּיעל פאַרזיכטיג. ראַבאַלסקי׳ס הויז איז די זיכערסטע אין דער גאַנצער שטאָט און ער זעלבסט איז מיט דער פּאָליציי זעהר בעפריינדעט."

אַזוי ריידענדיג זיינען זיי שוין צוגעקומען צום טהיר און זינאַ האָט געוואָלט אַריינגעהן.

ביידע טהירען זיינען געווען אָפען און דער קאָרידאָר איז געווען פיין בעלייכטעט. אויף די טרעפ אָבער האָט אַנדריי דערזעהן אַסך צייכענס פון גרויסע פיס. קיין לעבעדיגע נשמה האָט זיך ניט געלאָזט זעהן. ווען זינאַ האָט זיך שוין פערקערעוועט אַריין צוגעהן, האָט איהר אַנדריי געכאַפּט אונטער׳ן אָרים און האָט איהר צוריקגעהאַלטען.

„עס קען זעהר זיין, אַז עס איז ניטאָ קיין געפאַהר," האָט ער געזאָגט. „איך גלויב אייך גאַנץ גוט, ווען איהר זאָגט מיר, אַז ראַבאַלסקי׳ס וואוינונג איז אַ זיכערע. דאָך וויל איך זיך פריהער אַליין איבערצייגען אין דעם. איך וועל אַליין אַריינגעהן, און אויב דאָרט איז אַלעס אין אָרדנונג, וועל איך אייך אַריינרופען."

אַנדריי איז געווען אַן אַלטער רעוואָלוציאָנער און זיין לאַנגע און ביטערע ערפאַהרונג האָט איהם אָנגעלערנט, ווי אַזוי מ׳ דאַרף זיין פאָרזיכטיג אין אַזעלכע אַנגעלעגענהייטען. זינאַ אָבער האָט פון גאָר ניט געוואָלט הערען.

„אומזין!" האָט זי זיך אָבגערופען, זוכענדיג אַרויסצושלעפען איהר האַנד פון אַנדריי׳ס אָרעם.

„ווען איהר ווילט מיר ניט פאָלגען," האָט זיך אָבגערופען אַנדריי, „דאַן וויל איך גאָר ניט געהן צו אייער ראַבאַלסקי׳ן, איך וועל געהן ערגעץ זוכען אַן אַנדער נאַכט-לעגער."

זינאַ האָט דאַן פאָרגעשלאָגען, אַז זיי זאָלען אָבגעהן אַ פּאָר גאַסען און פון דאָרט היטען דאָס הויז, ווייל עס איז זעהר וויכטיג געווען פאַר זיי צו דערגעהן וואָס דאָרט טהוט זיך, ווייל אויף מאָרגען האָבען זיך דאָ געדאַרפט צונויפקומען זייערע פריינדע. אַנדריי האָט זיך

אָבער איינגע'עקשן'ט. ער האָט ערקלעהרט, אַז מען וועט גאָר ניט אויסגעפינען, שפּאַצירענדיג אַרום און אַרום, און מי מוז זיך באַלד איבערצייגען אין דעם, ווייל זיי דאַרפען האָבען צייט אַלעמען צו געבען צו וויסען ביז מאָרגען אין דער פריה.

„וואַרט איהר אויף מיר דאָ, אין דיזען ווינקעל,” האָט ער זיך געווענדעט צו זינאַ'ן, „איך וועל באַלד קומען צוריק.”

אַנדריי איז אַריין אין פאָרהויז. דאָרט איז אַלעס געווען גאַנץ שטיל. ער איז אַרויף אויף אַ טרעפּ — דיזעלבע טויטענשטילקייט. יעצט האָט ער זיך כמעט איבערצייגט, אַז די זאַך איז ניט גלאַט. ער האָט אָבער ניט געוואָלט געהן צוריק, איידער ער וועט אויף ריכטיג וויסען וואָס דאָס בעדייטעט. ער האָט אַרויסגענומען זיין רעוואָלווער און זיין שפּיעז, וואָס ער פלעגט אימער טראָגען מיט זיך; און אַריינלייגענדיג זיי אין די קעשענעס פון זיין אויבערראָק, כדי ער זאָל זיי קענען האָבען יעדען אויגענבליק, האָט ער גענומען געהן ווייטער. ער האָט געוואָלט צוגעהן צו ראַכאַלסקי'ס טהיר און אָנקלינגען. ער האָט מיט זיך אַליין אָבגעמאַכט, טאָמער וועט ער דאָרט געפינען די פּאָליציי, וועט ער פרעגען אויף אַ נאָמען פון אַן אַנדער איינוואוינער, זאָ דאָס די פּאָליציי וועט מיינען אַז ער איז אריין על פי טעות.

אָבער אין דעם זעלבען אויגענבליק, ווען ער האָט געוואָלט אַ ציה טהאָן דעם גלעקעל, האָט ער דערהערט אַ גערויש פון שווערדען און פון שפּאָרען, און די טהיר האָט זיך אַליין געעפענט. פיער זשאַנדאַרען, וואָס זיינען געווען אין ראַבאַלסקי'ס וואוינונג מיט אַ בעפעהל צו אַרעסטירען יעדען איינציגען, וואָס וועט אַריינגעהן, האָבען דערהערט לאַנגזאַמע טריט פון אַ מענשען. דיינקענדיג, אַז דאָס וויל זיך איינער אָב'גנב'ענען, האָבען זיי בעשלאָסען אויפצועפענען די טהיר און חאַפּען איהם איידער ער וועט האָבען צייט צו אַנטלויפען. דערהערענדיג דעם גערויש פון די שווערדען, האָט אַנדריי שוין אין גאַנצען אויפגעהערט צו צווייפלען, אַז די פּאָליציי האָט געמאַכט אַ פּאַסטקע, און איידער די זשאַנדאַרען האָבען נאָך געעפענט די טהיר, האָט ער שוין אָנגעהויבען מיט איבּפּעט צו לויפען פון די טרעפּ. די זשאַנדאַרען האָבען זיך אַ

לאַז געטהאָן נאָך איהם, און עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ שרעקליכער יאַגד. די קרעפּטען זיינען אָבער ניט געווען קיין גלייכע. אנדריי איז געווען זעהר לייכט אָנגעטהאָן. די זשאַנדאַרען, פּערקעהרט, זיינען געווען אין שווערע שטיוועל מיט שפּאָרען. זייערע שווערדען האָבען זיך געפּלאָנטערט אונטער די פּיס און זיי האָבען זיך קוים געקענט בעוועגען אויף די ווייכע, מיט קאַרפּעט בעדעקטע טרעפּ. אַראָבלויפענדיג פון איין טרעפּ האָט אַנדריי אויף גיך אויסגעלאָשען דעם גאַז. דאָס זעלבע האָט ער אויך געטהאָן אויף'ן אַנדערן טרעפּ און אין פּאָרהויז, זאָ דאָס עס איז איבעראַל געוואָרען פינסטער. דאַן האָט ער געחאַפּט אַ באַנק, וואָס איז געשטאַנען ביים וואַנד און האָט איהר אַ וואָרף געטהאָן אויף די טרעפּ. ווען ער האָט עררייכט די טהיר פון גאַס, האָט ער מיט פערגניגען דערהערט, ווי איינער פון די זשאַנדאַרען האָט זיך איבערגעקוליעט איבער'ן באַנק און די איבעריגע האָבען זיך אויף אַ ווײלע אָבגעשטעלט, כדי די זעלבע סבה זאָל אויך ניט טרעפען מיט זיי.

מיט איםפּעט איז אַנדריי צוגעלאָפען צו זינאַ'ן און האָט איהר שטילערהייט אַריינגערעדט אין די אויערן דאָס שרעקליכע וואָרט: „זשאַנדאַרען!" ער האָט איהר דאַן גענומען אונטערן אָרעם און האָט גענומען מיט איהר געהן אַנטקעגען ראַבאַלסקי'ס הויז.

זיי זיינען נאָך ניט אָבגעגאַנגען קיין צעהן טריט, ווען די טהיר האָט זיך מיט אַ גערויש געעפענט און די פיער זשאַנדאַרען זיינען מיט איםפּעט אַרויסגעלאָפען. איינער פון זיי האָט זיך צוגעהאַלטען זיין פערבלוטיגטע נאָז מיט אַ טיכעל. זיי האָבען זיך אומגעקוקט און ניט זעהענדיג קיין אַנדערן אין גאַס, אויסער אַ פיין געקליידעטען יונגען מאַן, געאַרמט מיט אַ פרוי, זיינען זיי צוגעלאָפען צו זיי. זיי איז גאָר ניט איינגעפאַלען, אַז דער יונגער מאַן, אָנשטאָט צו אַנטלויפען, וועט זיי געהן אַנטקעגען.

„אייער עהרע!" האָט איינער פון די זשאַנדאַרען אָבגעשטעלט אַנדריי'ן, „האָט איהר ניט געזעהן אַ מאַן, אַרויסלויפענדיג פון דאַנען?"

„אָט פון דער טהיר?" האָט אַנדריי געפרעגט, אָנצייגענדיג אויף ראַבאַלסקי'ס הויז.

„יאָ, יאָ!"

„מיט אַ רויטע באָרד און א גרויען הוט?"

„יאָ, ניין. . . אָבער דאָס מאַכט גאָר ניט אויס. אין וואָס פֿאַר אַ וועג איז ער געלאָפֿען?"

„אָט דאָרט," האָט אַנדריי אָנגעוויזען אויף דער גאַס הינטער זיי. „ער איז גראַדע דורכגעלאָפֿען דורך אונז און איז אַפּנים אַריין אין יענער גאַס, רעכטס. איהר קענט איהם נאָך פּאַקען. . . אָבער איהר מוזט לויפֿען גיך. . ."

די זשאַנדאַרען האָבען גענומען לויפֿען און באַלד זיינען זיי פֿערשוואונדען געוואָרען.

זינאַ און אַנדריי, געאַטמעט, האָבען זיך רוהיג אַוועקגעשפּאַצירט ווייטער. זיי האָבען זיך פֿערנומען אין דער ערסטער גאַס ביי דער זייט. דאָרט האָבען זיי גענומען אַ קאַרעטע. זינאַ האָט דעם קוטשער געגעבען אַן אַדרעס, וועלכער איז איהר גראַדע אויפֿגעקומען אויף'ן געדאַנק. עס איז געוועזען אַלץ איינס, וואו זיי זאָלען ניט פֿאָהרען, אַבי צו אַנטלויפֿען פֿון אַ געפֿעהרליכען פּלאַץ.

„אַן אונערוואַרטעטער פֿאַל," האָט אַנדריי געזאָגט, ווען זיי זיינען געווען אין זיכערהייט.

„יאָ," האָט זינאַ געענטפֿערט. „דאָס איז אַ שטראָפֿע, דערפֿאַר וואָס איהר האָט ניט געוואָלט בלייבען ביי אונז די נאַכט."

„אַ שטראָפֿע! וואָס רעדט איהר זינאַ?" האָט אַנדריי אויסגעשריגען, „אדרבה, עס איז אַ בעלוינונג פֿאַר מיין גוטע אויפֿפיהרונג. שטעלט איך נאָר פֿאָר, וואָס וואָלט געשעהן מאָרגען, אום צעהן אוהר, פּונקט אויף דעם זעלבען פּלאַץ, ווען איך געה ניט אַוועק. מיר וואָלטען דאָך אַלע אַריינגעפֿאַלען."

„אָה ריכטיג!" האָט זינאַ געזאָגט. „איך האָב גאָר פֿערגעסען וועגען מאָרגען. איך ווייס ניט וואָס מיט מיר איז די לעצטע צייט."

זיי זיינען אַזוי אָבגעפֿאָהרען אַ היבשע ווייל. ענדליך האָט זינאַ געהייסען דעם קוטשער זיך אָבשטעלען. זיי זיינען ביידע אַרויס און האָבען גענומען געהן צו פֿוס.

אַנדריי האָט יעצט דערצעהלט זינאַ'ן וואָס עס איז פֿאָרגעקומען צווישען איהם און די זשאַנדאַרען. די יונגע פֿרוי האָט אַנגעקוואָלען פֿאַר פֿרייד.

„מי מוז שיקען דאַויד'ן אָדער איימעצען אַנדערס אָנזואָגען אונזערע לייט, זיי זאָלען אויסווייכען ראַכאַלסקי'ס הויז," האָט זי געזאָגט. „מיר זיינען ניט ווייט פֿון דאַויד'ס האָטעל. איך וועל אַריינגעהן צו איהם."

דאָס זאָגענדיג האָט זי אָבגעלאָזט זיין אָרעם, האָט זיך אָבגעקעהרט אין אַ זייט, האָט אויסגעטהאָן איהר פֿיינעם הוט און עס איינגעוויקעלט אין אַ ווייסע טאַשענטיכעל. זי האָט איבערגעגעבען אַנדריי'ן איהר שירעם, האָט זיך אויסגעטהאָן די הענטשיקעס און האָט זיך איינגעהילט אין איהר שאַל, פונקט ווי אַ רוסישע בויערן־פֿרוי.

„וואַרט אויף מיר דאָ," האָט זי געזאָגט צו אנדריי'ן. „אין אַ פֿערטעל שטונדע וועל איך זיין צוריק."

ריכטיג אין אַ פֿערטעל שטונדע אַרום איז זי צוריקגעקומען מיט דאַויד'ן. זיי האָבען אָבגערעדט, אַז דאַויד זאָל טאַקי באַלד מאַכען זיין טור איבער'ן שטאָט און געבען צו וויסען אַלעמען וואָס עס איז געשעהן. דאַויד האָט גענומען אַבשיעד פֿון זיי און איז אַוועק.

יעצט איז ווידער געווען אַ פֿראַגע, וואו אַנדריי זאָל נעכטיגען. זינאַ האָט איהם שוין ניט געוואָלט לאָזען געהן אין ערגעץ.

„דאַויד האָט מיר יעצט דערצעהלט פֿון נאָך אַן אונערוואַרטעטען אַרעסט," האָט זי געזאָגט. „ניין, איך וועל אייך יעצט ניט פֿערטרויען אויף קיינעם. איהר וועט געהן צו אונז איבערנעכטיגען."

„גוט אַלזאָ, לאָמיר געהן אַהיים."

„נאָך ניט. איך וואָלט וועלען מיר זאָלען אַריינגעהן נאָך צעהן, כדי מי זאָל אייך ניט בעמערקען."

זיי האָבען נאָך געהאַט גאַנציע צוויי שטונדען ביז צעהן. אַנדריי האָט פֿאָרגעשלאָגען צו מאַכען אַ שפּאַציר צום טייך. זינאַ האָט אָבער געזאָגט, אַז עס איז כדאי צו פֿערווענדען די פּאָר שטונדען אויף אַ זויכטיגע זאַך, און זי האָט דאַרום פֿאָרגעשלאָגען צו געהן בעטראַכטען דאָס געפֿענגניס.

זיי זיינען צוגעגאַנגען גלייך צום אָסטראָג. אַנדריי האָט גוט בעטראַכט די גאַנצע פּאָזיציאָן. איהם איז געפעלען דער פּלאַן.

„איין זאַך איז ניט גוט,“ האָט זיך זינאַ אָבגערופען, „וואָס דער שענק דאָ שטעהט אַזוי נאָהענט צום געפענגניס. אין פאַל פון אַ געררויש, וואָס קען זיך מאַכען, קענען נאָך די משרתים אָדער אַנדערע וועלכע געפינען זיך דאָרט, אַרויסקומען און פּילייכט צושטערן אונזער גאַנצען פּלאַן.“

„אָה, איבער דעם דאַרפסט איהר זיך ניט בעאונרוהיגען,“ האָט אַנדריי געזאָגט. „לאָזט עס איבער פאַר מיר. איך וועל עס שוין איינאָרדנען. אדרבה, איך וואָלט געזאָגט, אַז וואַסילי זאָל שטעהן מיט דעם וואָגען ניט ווייט פון שענק. דאָס וועט ניט ציהען אויף זיך אַזוי פיעל אויפמערקזאַמקייט. איך וועל שטעהן פון דער אַנדערער זייט און ווען די געפאַנגענע וועלען זיין אין דרויסען וועל איך געבען וואַסילי'ן אַ צייכען, ער זאָל צוקומען נעהענטער.“

אַ היבשע צייט האָבען זיי אַזוי גערעדט איבער זייער פּלאַן, אַרומשפּאַצירענדיג אַרום דאָס געפענגניס. די צוויי שטונדען זיינען דערוויל אַריבער און זיי זיינען אַוועק צו זינאַ'ס וואוינונג.

אין'ם עסס-צימער זיינען זיי געזעסען ביז שפּעט אין דער נאַכט, ריידענדיג איבער פערשיעדענע זאַכען. זינאַ האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף דזשאָרדזש'ן, טאַניאַ'ן און ריעפין'ן. בעמערקענדיג, אַז זיינע אַנטוואָרטען איבער טאַניאַ'ן זיינען עפּעס געווען מיט אַ האַלבען מויל, האָט זי איהם געפרעגט, אויב צווישען איהם און טאַניאַ'ן איז עפּעס פאָרגעקומען. ער האָט גאָר ניט געענטפערט. ער האָט בעהאַלטען זיין ליעבע ביי זיך אין האַרצען און האָט זי ניט געוואָלט ענטדעקען פאַר קיינעם.

X.

א היימליכער אבענד.

אנדריי און וואסילי האבען זיך איינגעארדענט אין א האטעל, וואו זיי האבען געהאט א פיינע וואוינונג. וואסילי האט געשפיעלט די ראלע פון אנדריי'ס דיענער און פורמאן. אנדריי אליין האט זיך אנגעגעבען פאר א רייכען סוחר, וועלכער דארף דא פערברייניגען א פאר מאנאט אויסצופיהרען א געוויסען געשעפט.

א גאנצער מאנאט איז פאראיבער און זייער בעפרייאונגס־פלאן איז נאך ניט געווען אויסגעפיהרט. די געפאנגענע האבען געדארפט אויסגראבען אן אונטעראירדישען וועג, ארויסצוגעהן פון געפענגניס, און זיינען איבערגעשלאגען געווארען אין מיטען דער ארבייט. א נייער ארעסטאנט איז צוגעקומען אין איינעם פון די קעמערלאך נאהענט צו זייערע. אט דעם נייעם גאסט האבען זיי חושד געווען פאר א שפיאן, וועלכער איז אריינגעשיקט געווארען פון דער פאליציי, נאכצושפירען וואס זיי טהוען. זיי האבען אלזא ניט געקענט פארטזעצען זייער ארבייט, ביז וואנען זיי זיינען פטור געווארען פון זייער „צרה", פון דעם ארעסטאנט, וועלכען זיי האבען אנגעטהאן געברענטע ליידען און האבען איהם געצוואונגען צו בעטען ביי די פיהרער פון געפענגניס, איהם צו געבען אן אנדער דירה, ווייט פון זיי.

דאס האט זיך דערוויל אוועקגעצויגען גאנצע דריי וואכען. עס איז לייכט צו בעגרייפען, ווי לאנגווייליג די צייט איז געווען פאר אנדריי'ן און פאר די אנדערע, וועלכע האבען זיך אויפגעהאלטען אין דובראוווניק נאר אויסצופיהרען דעם פלאן פון בעפרייאונג און זיינען געזעסען און געווארט אויף דעם, ניט טהוענדיג קיין אנדער זאך.

מעהר פון אלעמען האט זיך אנדריי געלאנגווײלט. א גרויסען טהייל פון טאג פלעגט איהם אויסקומען צו בלייבען אין דער היים. דארט פלעגט ער זיצען און לייענען און טראכטען איבער זייער פלאן,

וואַסילי פֿלעגט יעדען טאָג ערפֿילען זיין פֿליכט אַלס פֿורמאַן, פֿלעגט אָנקאָרמענען דעם פֿערד, אויסשמירען די רעדער פֿון'ם וואָגען און נאָכהער אַריינגעהן צו זיין „בעל הבית", צו אַנדריי'ן אין צימער, מיט איהם פֿערברייגגען.

עס איז געווען א נאָכמיטאָג. די זון האָט געהאַלטען ביים אונטערגעהן. אַנדריי און וואַסילי זיינען געווען, אַזוי ווי געוועהנליך, אין דער היים, בידע אין דעם גרויסען צימער. אַנדריי איז געלעגען אויסגעצויגען אויף אַ זאָפֿאַ און געהאַלטען אַ בוך, אין וועלכען ער האָט געקוקט אָבער נים געלעזען. וואַסילי איז געזעסען מיט זיין ליולקע אין מויל און אַרויסגעקוקט פֿון פֿענסטער.

פּלוצלינג האָט מען אָנגעקלאַפּט אין טהיר.

וואַסילי האָט זיך באַלד אַריינגעכאַפּט אין פֿאָדער־צימער, האָט אַריינגעשטעקט זיין ליולקע האַנט אין איינעם פֿון זיין „בעל הבית" שיך, און האָט גענומען פּוצען, מיט אַזאַ אונשולדיגע מינע, פּונקט ווי אַ געבוירענער משרת.

„הערייך," האָט אנדריי אויסגערופֿען פֿון אינעווייניג.

די טהיר האָט זיך געעפֿענט און אַננאַ וואַוליטש איז אַריינגעגאַנגען. וואַסילי'ס אָנשטעל איז אַלזאָ נים געווען נייטיג דיזעס מאָל. ער האָט אַ וואָרף געטהאָן דעם שוך און דאָס בערשטעל און איז אַריין מיט דעם מיידעל אין'ם אינעווייניגסטען צימער.

„יאַוליטש פֿלעגט צייטענווייז קומען צו זיי אין האָטעל. זי פֿלעגט זיך אימער נאָכפֿרעגען אויף וואַסילי'ן, דעם קוטשער, און אַזוי ווי זי איז געגאַנגען אָנגעטהאָן ווי אַ דיענסט־מיידעל האָט מען איהר בעטראַכט פֿאַר דעם קוטשער'ס געליעבטע.

„ווילט איהר מיטקומען אויף אַ קליינעם אונטערהאַלט, וועלכער וועט שטאַטפֿינדען אין אַ וועלדעל, נים ווייט?" האָט זי געפֿרעגט. „מאַשאַ דוראָראָוו איז דורכגעגאַנגען איהר עקזאַמען און צוליעב איהר ווערט עס געמאַכט. עס וועט נים זיין קיין גאַנץ גרויסער עולם, עס וועט אָבער זיין א פֿריילינע קאָמפּאַניע."

בידע, אַנדריי און וואַסילי, האָבען אָנגענומען די איינלאַדונג.

„וועט זינא אויך זיין דאָרט?“ האָט אַנדריי געפֿרעגט.

„ניין; זיי וועלען ניט זיין, אָבער זיי האָבען מיר געגעבען די ערלויבניס צו געהן,“ האָט זי געענטפֿערט. מיט דעם וואָרט „זיי“ האָט זי געמיינט זינאַ'ן, וועלכע איז אויגענשיינליך, פֿאַר דער וועלט, געווען איהר „בעל־הבית'טע“. אַ דיענסט־מיידעל אין רוסלאַנד איז געוואוינט צו רעדען פֿון איהר בעל־הבית'טע אין דער מעהר־צאַהל.

זי איז צוגעגאַנגען צו דער זאָפֿאַ, פֿון וואַנען אַנדריי איז נאָר וואָס אויפֿגעשטאַנען, אויפֿהויבענדיג איהר קלייר אַביסעל, אַזוי ווי פֿרויען זיינען געוואוינט צו טראָן, ווען זיי געהן דורך די גאַס אין אַ בלאָטע. ווען זי האָט זיך אַנידערגעזעצט, האָט זי אַכטונג געגעבען, איהר קלייד זאָל ניט אָנריהר'ען די פּאָדלאָגע.

די צימערן, אין וועלכע די צוויי פֿריינדע האָבען געוואוינט, זיינען ווירקליך ניט געווען ריין. דער פֿיער־עקיגער טיש, וועלכער האָט געהאַט דאָס גליק אָבגעווישט צו ווערען, אַזוי אָפֿט ווי די אַרבעל פֿון אַנדריי'ס און וואַסילי'ס רעק פֿלעגען אויף איהם אַרויפֿקומען, איז אפילו געווען ריינלאַך אין מיטען; נאָר ביי די ברעגעס האָט זיך דער שטויב צונויפֿגעקליבען און האָט זיך פֿערמישט מיט די ברעקלאַך פֿון ברויט. דאָס איז אַבער געווען אַ גאָרניט אַנטקעגען דעם אויסזעהן פֿון דער פּאָדלאָגע. אַ גרויער ליילאַך פֿון שטויב איז געווען אויסגעשפּרייט אויף דער ערד. שטיקלאַך פּאַפּיר פֿון אלערליי קאָליערען, אויסגעמישט מיט אייער שאָלאַכץ, שטיקלאַך סיגאַרעטען און פֿערטריקענטע שטיקלאַך ברויט, האָבען זיך דאָרט געפֿונען. דאָס אַלעס האָט געגעבען די וואוינונג אַ העסליכעס אויסזעהן.

אַנדריי האָט געהאַלטען די וואוינונג אָהן בעדיענונג. די גאַנצע הויז־אַרבייט האָט געדאַרפֿט געטהאָן ווערן פֿון זיין „משרת“ וואַסילי'ן, און ער האָט ערפֿילט איינינע זאַכען גאַנץ פּינקטליך. ער פֿלעגט, צום ביישפּיעל, אַבפּוצען אַנדריי'ס שיך, מאַכען דעם סאַמאָוואַר און צוגרייטען עטוואָס צום עסען, מיט דער גרעסטער פּינקטליכקייט און מיט צופֿרידענהייט. אָבער אויסקעהר'ען די צימערן, דאָס האָט ער בעטראַכטעט פֿאַר אַן אַרויסגעוואָרפֿענע אַרבייט. פֿון אַ פֿילאָזאָפֿישען

שטאנדפונקט האט ער ניט געקענט פערשטעהן, פאר װאס מי זאל ניט קענען לײדען דעם שטיב אינעװײניג אין צימער, װען מי טרעט אויף דעם אין דרויסען, אין גאס. . . און אזױ װי אנדריי איז ניט געװען קײן גרױסער מקפיד אויף אזעלכע זאכען, פלעגט דער בעזים בעניצט װערען ניט מעהר װי אײן מאל אין מאנאט.

דער אונטערהאלט האט געזאלט שטאטפינדען אין א װעלדעל, א מײל די װײט פון שטאט. דארט איז אפילו צוגעגרײט געװארען א מאהלצײט, אבער דאס װעט דאך װאהרשײנליך ערסט אויסקומען שפעט אין אבענד. װאסילי האט אלזא געדײנקט, אז עס איז ניט מעהר װי רעכט „זיך אונטערצושפארען דאס הארץ" און נעהמען עפעס אין מויל, אײדער זײ געהען. אזױ װי ער האט געהאט במעט אלעס בײ זיך — ברויט, טהעע, צוקער און מילך, דאט ניט מעהר געפעלט װי עפעס צום ברויט. ער איז א־אבגעלאפען אין גאס און איז באלד צוריקגעקומען מיט א שטיק קעז און עטליכע הײסע װורשטלאך, אײנגעװיקעלט אין א פאפיר.

דער סאמאװאר איז דערװײל פערטיג געװארען. װאסילי האט איהם ארויפגעשטעלט אויף'ן טיש און האט געמאכט טהעע. זײער עסס־צײג איז אין גאנצען בעשטאנען פון צװײ טעלערלאך און צװײ גאפלען. װאוליטש איז געװען א גאסט און איהר האט געקומט א טעלער מיט א גאפעל. אנדריי װידער, אלס בעל הבית דאט געהאט א װעכט אויף די צװײטע פאר. װאסילי, זײענדיג יעצט ניט מעהר װי אן אײנפאכער „משרת", האט זיך בענוגעט מיט אן אונטערשטע שאל אנשטאט א טעלער, און זײן טאשען־מעסערל, װעלכער איז געװען צוגעבונדען צו זײן גארטעל, האט איהם געדיענט במקום גאפעל.

„װאס פאר א טיש איהר האט עס דא!" האט װאוליטש מיט א לאבענדיגען קול אויסגערופען. „מי קען דאך פערזעען קארטאפעל אויף איהם. . . אה, איך קען ניט עסען אויף אזא טיש."

און דאס זאגענדיג האט זי, מיט אײנעם פון איהרע פינגער, געמאכט פערשידענע פיגורען אין דעם שטיב, װאס איז געלעגען אויף'ן טיש.

„שאַ, שרייט ניט אַזוי!" האָט זיך וואַסילי אָנגערופֿען. „עס וועט באַלד רעכט ווערען."

ער האָט זיך אומגעקוקט און האָט געזוכט עפּעס אַ שמאַטע אָבצואווישען דעם טיש. ניט האָבענדיג קיין אַנדער זאַך פֿאַר די אויגען ווי אַ פּאָר אַלטע הויזען זיינע, וועלכע ער האָט אַ צייט ניט געטראָגען און וועלכע זיינען געהאַנגען אויף דער וואַנט, האָט ער זיי אַראָבגעכאַפּט, האָט אויסגעריסען אַ שטיק פֿון זיי און האָט אויף גיך אָבגעווישט דעם טיש. נאָך איידער דאָס לאַבענדיגע מיידעל האָט צייט געהאַט אויסצוריידען אַ וואָרט.

„איהר זייט דאָך טאַקי גאָר אַ ווילדע בריאה, וואַסילי!" האָט זי נאָכהער אויסגערופֿען.

„וואַרום?" האָט וואַסילי תּמ'עוואַטע געפֿרעגט. „מיט אַ וואָלענע זאַך ווישט זיך בעסער אָב ווי מיט אַ שטיק לייוואַנד."

„מעגליך, אָבער איהר ניצט אַפּנים ניט קיין וואָלענס, ניט קיין לייווענט, איהר נעהמט איבערהויפּט קיין בעזים ניט אין דער האַנד, ווי איך זעה," האָט זי געזאָגט, צייגענדיג אויף דער פּאָדלאָגע. „איהר מעגט זיך ווירקליך שעמען צו האַלטען אייער „בעל הבית'ס" צימער אין אַזאַ צושטאַנד."

וואַסילי האָט אַ ציה געגעבען מיט די פּלייצעס.

„אָה, דאָס צימער?" האָט זיך אַנדריי אַריינגעמישט. „דאָס איז אַ קלייניגקייט. פֿרעגט אונז בעסער, אויב מיר ווערען אַליין ניט פֿערווילדעט פֿון טאָג צו טאָג."

און ער האָט דערציילט, ווי אַזוי וואַסילי, זייט ער איז געוואָרען אַ פֿוהרמאַן, וואַשט זיך דעם פּנים איינמאָל אין וואָך, זונטאַג, און אַז ער האָט זיך געמאַכט אַ מנהג אויסצוקומען אָהן אַ האַנד־טוך, זיך אָבווישענדיג דעם פּנים אין קישען און לאָזענדיג די הענד זאָלען זיך אָבטריקענען פֿון זיך אַליין.

„די הענד און דער פּנים קריגען דורך דעם אַ גרעבערן אויסזעהן, פֿערשטעהט איהר מיך," האָט וואַסילי גאַנץ פּראָסט געענטפֿערט, און האָט דערביי אפילו קיין שמייכעל ניט געטהאָן.

אין אַ האַלבע שטונדע אַרום זיינען זיי געווען פֿערטיג. וואַסילי מיט וואוליטש'ן זייען אַוועק פֿריהער. אַנדריי האָט געזאָגט, ער וועט אונטערקומען. עס וואָלט געווען אויפֿפֿאַלענד זיי צו זעהן אַלע דריי שפּאַצירענדיג צוזאַמען.

ווען זיי זיינען צוגעקומען צום וועלדעל האָט שוין אָנגעהויבען פֿינסטער צו ווערען. זיי האָבען דאָרט געפֿונען איניגע, וועלכע זיינען נאָך ניט געוועזען פערזענליך בעקאַנט מיט אַנדריי'ן. וואוליטש האָט איהם פֿאָרגעשטעלט פֿאַר זיי און זיי האָבען גענומען ריידען איבער פֿערשיעדענע זאַכען.

איינער פֿון די געסט איז געווען אַ געוויסער באָטשאַראָוו, אַ מיטגליעד פֿון דער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי אין דובראַווניק. ער איז געווען אַ גרויסער, אַ „בשר'ער" מאַן, מיט אַ פּאַס אויף זיין אייגענעם נאָמען, אָבער די לעצטע צייט האָט ער אָנגעהויבען צו האָבען אַביסעל צרות פֿון דער פּאָליציי.

אַנדריי האָט זיך געוואונדערט, ווי אַזוי באָטשאַראָוו קען זיך אַזוי פֿריי בעוועגען. ווי ער האָט געהערט ווערט ער נאָכגעשפּירט שטאַרק פֿון דער פּאָליציי.

„דאָס איז אמת," האָט באָטשאַראָוו געזאָגט. „אָבער איך האָב אָבגעמאַכט מיט דעם שפּיאָן, וועלכען מ'האָט בעשטעלט צו היטען מיין נשמה, און מיר קומען גאַנץ פֿיין אויס. ער בעזוכט מיר איין מאָל אין וואָך, ביי מיר אין דערהיים. איך גיב איהם אָן די פּלעצער, וועלכע געפֿעלען מיר צו זאָגען, אַז איך בין דאָרט געווען און איך ווער פֿון איהם פּטור אויף דער גאַנצער וואָך."

„דאָס מוז אייך דאָך אַודאי קאָסטען אַ היבש ביסעל געלד," האָט וואוליטש געזאָגט.

„אָה, ניין!" האָט באָטשאַראָוו אויסגערופֿען. „איך בין גאָר ניט אַזאַ שוטה. עס קאָסט מיר אפילו קיין איין קאָפּיקע ניט. איך האָב געצוואונגען מיין חברה־מאַן זיך אונטערצוגעבען. הערט ווי אַזוי: מיט אַ צוויי וואָכען צוריק, ווען מיר איז נמאס געוואָרען איהם צו האָבען אימער הינטער מיין רוקען, בין איך אַרויס גאַנץ פֿריה, אַ שטיק ברויט

און וואורשט אין קעשענע, און האָב גענומען געהן פֿון איין אָרט צום אַנדערן, ניט אָבשטעלענדיג זיך אפילו אויף איין סעקונדע ניט. אַזוי בין איך געגאַנגען און געגאַנגען, ביז וואַנען עס איז געוואָרען נאַכט, און מיין שפּיאָן האָט זיך אַלץ נאָכגעשלעפּט נאָך מיר. איך בין געוואָרען שרעקליך מיעד, איך האָב אָבער געוואוסט, אז ער דאַרף נאָך זיין אסך מיעדער פֿון מיר, ווייל ער האָט גאָר ניט געהאַט אין מויל, זייט אין דער פֿריה. פֿון צייט צו צייט האָב איך מיך צו איהם געווענדעט מיט די ווערטער: „אַה דו שורקע, דו ווערסט ביי מיר אויסשפייען די נשמה! איך וועל דיך אַרומשלעפּען מיט מיר ביז'ן גרויסען טאָג, און דו טהאָרסט מיר ניט אָבלאָזען פֿון אויג, הערסט? איך בין דיר מתרה, אַז איך וועל זיין ביי אַ גרויסען רעוואָלוציאָנער." מיין בחור איז מיר נאָכגעגאַנגען שטיל, האָט ניט געענטפֿערט אַ וואָרט אויף דעם וואָס איך האָב געזאָגט, און ענדליך, ווען ער האָט שוין מעהר ניט געקענט אויסהאַלטען האָט ער ארויסגעפּלאַצט מיט די פֿאָלגענדע פֿאָרווירפֿע: „איך בין אויך אַ מענש, מיין העררע, און ניט קיין הונד. איהר האָט זיך געדאַרפֿט שעמען מיך אַזוי צו בעהאַנדלען. איך האָב אַ ווייב מיט קינדער צו ערנעהרען, מיין העררע." ווער האָט געקענט דיינקען, אַז דיזע שורקען האָבען ווייבער מיט קינדער? נון, איך האָב מיך געווענדעט צו איהם מיט מיין פֿאָרשלאַג, וועלכען ער האָט באַלד אָנגענומען און מיר זיינען יעצט ביידע אזוי גוט ווי פֿריי איינער פֿון'ם אַנדערן."

מי האָט דאַן צוזאַמענגערופֿען דעם עולם צום עסען. אַ מאָהלצייט איז צוגעגרייט געוואָרען אין וואַלד. וואַסילי האָט געהאָלפֿען קאָכען און האָט דאַביי געמאַכט אַלעמען לאַכענדיג מיט זיינע קאָמישע שטיק. נאָך'ן עסען האָט מען זיך געפֿיהלט אויפֿגעלעגט צו הערען זינגען.

וואָוליטש האָט געהאַט זעהר אַן אַנגענעהמע שטימע. דאָס האָבען במעט אַלע געוואוסט און מי האָט זיך צוגעטשעפּעט צו איהר, זי זאָל עפּעס זינגען. זי האָט זיך ווירקליך געפֿיהלט אויפֿגעלעגט דערצו. איהר איז געווען בימער אויף'ן האַרצען. אַ טיעפֿער, פֿערבאָרגענער שמערץ האָט איהר געדריקט די ברוסט און זי האָט עס געוואָלט

אַרויסגעבעען אין זינגען, זי האָט זיך אויסגעקליבען אַן אומעטיג לידעלע, איינע פֿון יענע זיסע און אַנגענעהמע מאַלאַנכאָלישע מעלאָדיען. און זי האָט עס געזונגען מיט אַזוי פֿיעל האַרץ, מיט אַזוי פֿיעל געפֿיהל, אַז דער גאַנצער עולם איז ענטציקט געוואָרען דערפֿון.

מעהר פֿון אַלעמען איז אַנדריי גערירט געוואָרען פֿון דיזען ליעד. ער האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטען און האָט געזאָגט וואָליטש'ן, אַז איהם איז זעהר געפֿעלען איהר זינגען.

„אָה, אייך איז געפֿעלען מיין זינגען, האַ? יאָ, ווייסט איהר, אַז איך האָב עס געזונגען אויסשליסליך פֿאַר אייך, אַנדריי?" האָט זי איהם שטילערהייט געזאָגט.

און אין די עטליכע ווערטער איז געלעגען אַזוי פֿיעל האַרץ, נאָך מעהר אפשר, ווי אין דער מעלאָדיע אַליין. אַנדריי האָט איהר גוט פֿערשטאַנען. ער האָט גאָר ניט געצווייפֿעלט, אַז זי ליעבט איהם. און ער? וואָס האָט ער איהר געקענט געבען אין אויסטויש פֿאַר דיזען אוצר פֿון אַלע אוצרות — אַ פֿרויען-האַרץ? ניט מעהר ווי איינפֿאַכע דאַנקבאַרקייט און פֿריינדשאַפֿט, מיט וועלכע זי וואָלט ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן.

ער איז געווען זעהר טרויעריג. עס האָט איהם פֿערדראָסען די געשיכטע. וואָס האָט ער אָבער געקענט טהאָן? ער האָט געשוויגען. וואָליטש האָט אויך מעהר גאָר ניט גערעדט. איהר איז שוין מעהר ניט איינגעגאַנגען דאָס שטיפֿען און פֿערברייננגען.

ווען אַנדריי מיט וואַסילי'ן זיינען געקומען צוריק פֿון וואַלד, האָבען זיי געפֿונען אַ קליינעם בריוועלע, וועלכער האָט געלויטעט, אַז אַנדריי זאָל מאָרגען מיט אַ שטונדע פֿריהער, ווי אַלעמאָל, קומען אין „קאָנטאָר", וואו ער פֿלעגט אַלע טאָג געהן. אַנדריי האָט דערקענט זינאַ'ס האַנד-שריפֿט. ער האָט פֿערשטאַנען, אַז עס האָט געמוזט טרעפֿען עטוואָס אויסערגעוועהנליכעס.

XI.

א נייער פלאן.

אויף מאָרגען אין דער פריה איז אַנדריי געקומען אָבוואַרטען זינאַ'ן אין דעם פאָלקס-גאַרטען. אַזוי איז עס געוועזן אָבגערעדט. ער איז געקומען אַ האַלבע שטונדע פריהער. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ באַנק און האָט געוואַרט אויף איהר מיט אונגעדולד.

ענדליך האָט ער פון צווישען די ביימער דערזעהן זינאַ'ן אָנקומענדיג. ער איז איהר געגאַנגען אַנטקעגען.

„וואָס איז געשעהן?" האָט ער געפרעגט.

זי האָט ניט געענטפערט אויף'ן שטעל. אַ פרעמדער מאַן איז גראַדע פערבייגעגאַנגען לעבען זיי. זינאַ איז געוועזן בלייך. אַנדריי האָט געקענט פערשטעהן, אַז עטוואָס טרויעריגעס האָט געטראָפען.

„נו?" האָט ער ווייטער געפרעגט, ווען קיינער האָט זיי מעהר ניט געקענט הערען.

„אַלעס איז ווידער צושטערט," האָט זי געענטפערט, קוקענדיג איהם גלייך אין געזיכט. „אונזער גאַנצער פלאַן איז קאַפוט. די וועכטער האָבען אויסגעפונען דעם דורכגאַנג, וועלכען די געפאַנגענע האָבען דורכגעגראָבען."

„אויסגעפונען?" האָט אַנדריי אויסגערופען. „ווען? ווי אַזוי?"

„נעכטען ביינאַכט, און דורך אַן איינפאַכען צופאַל."

און זי האָט איהם אין קורצען דערציילט, ווי אַזוי דאָס איז געשעהן. איינער פון די געפאַנגענע האָט גראַדע געהאַלטען אין אויסגראָבען דאָס לעצטע ביסעל ערד און דער דורכגאַנג וואָלט שוין געוועזן פערטיג, ווען אין געפענגניס איז פּלוצלינג געוואָרען אַ גערודער. אייניגע פון די פערהאַפטעטע האָבען געשפּיעלט אין קאָרטען. אַ קריג האָט אויסגעבראָכען צווישען זיי. אויף'ן געשריי זיינען אַריינגעלאָפען די וועכטער. דער, וואָס האָט געגראָבען דעם דורכגאַנג האָט צייט געהאַט

זיך אַרויפֿצוחאַפּען אויף זיין געלעגער, אָבער ער האָט ניט פּאַספּייעט אַרויפֿצולעגען צוריק דעם ברעט און פֿערשטעלען די אָפֿענע גרוב. די וועכטער האָבען עס בעמערקט און די גאַנצע אַרבייט פֿון אַזאַ לאַנגע צייט איז געוואָרען צו גאָר ניט.

אַנדריי האָט אויסגעהערט אָט די טרויעריגע נאַכריכט און האָט זיך פֿערטראַכט.

„איך גלויב, אַז אַזאַ אונגליק פּאַסירט אונז שוין דאָ צום דריטען מאָל,“ האָט ער געזאָגט. „אָט, אָט דוכט זיך, איז אַלעס פֿערטיג און דער שוואַרץ יאָהר דרעהט זיך אַריין אין מיטען און צושטערט אַלעס, ניט אמת?“

„ניט צום דריטען, זאָנדערן צום פֿינפֿטען מאָל,“ האָט זינאַ געענטפֿערט. „פֿאַר דעם פּלאַן זיינען פֿיער אַנדערע צו גרונדע געגאַנגען.“

„וואָס זשע איז יעצט צו טהאָן?“ האָט אנדריי געפֿרעגט.

„וואָס קען מען טהאָן?“ האָט זי געענטפֿערט. „מי מוז אָנפֿאַנגען איבער אַ נייעס. וואָס מיר שרעקט אָבער איז, דאָס אין קורצען וועט זיין אַ פֿערהער און דאַן קען מען זיי נאָך ערגער איבערשיקען. ווען דאָס זאָל געשעהן, האָבען מיר מעהר קיין האָפֿנונג ניט, זיי ווען עס איז צו בעפֿרייען.“

„אַ פֿערהער?“ האָט אַנדריי אויסגעשריגען. „וואו וועט עס זיין? אין שטאָט?“

„יאָ.“

„ווייסט איהר אפשר מיט וויפֿיעל זשאַנדאַרען זיי וועלען פֿאָהרען צום פֿערהער?“

„פֿיער; מעהר געווים ניט.“

„זעהר גוט! איך האָב אַ טהייערן פּלאַן. דריי פֿון אונז וועלען בעפֿאַלען די זשאַנדאַרען, ווען זיי וועלען פֿיהרען די געפֿאַנגענע צום פֿערהער. די געפֿאַנגענע אַליין וועלען אונז אויך מיטהעלפֿען און מיר וועלען זיי בעפֿרייען. דאָס איינציגע וואָס מי דאַרף, אויסער דעם פֿערד און וואָגען, וועלכען מיר האָבען און וועלכען מיר וועלען

זיי מוזען אַריינזעצען, נאָכדעם ווי מיר וועלען זיי אַרויסרייסען פֿון די זשאנדאַרען, איז נאָר אַ פֿערד, אויף וועלכען איך זאָל קענען רייטען און זיי פֿערשטעלען, אין פֿאַל, ווען די זשאַנדאַרען וועלען זיך וועלען שלאָגען און שיסען אויף אונז."

„אָבער דיזער פלאַן איז דאָך נאָך געפֿעהרליכער ווי דער ערשטער," האָט זיך זי. אַ אָבגערופֿען.

„דאָס איז וואהר," האָט אַנדריי געענטפֿערט. „ער איז אָבער לייכטער און בילינער. אויסער דעם, האָבען מיר קיין אַנדער ברירה ניט. עס איז דאָס איינציגע, וואָס קען יעצט אונטערנומען ווערען.

„שאַ," האָט זיך זינאַ פלוצלינג אָבגערופֿען. ווי וואָלט אַשטייגער געווען, ווען מי זאָל אַריינשיקען רעוואָלווערס פֿאַר די געפֿאַנגענע, זיי זאָלען האָבען מיט וואָס זיך צו פֿערטהיידיגען?"

„אַה, דאָס וואָלט געווען אויסגעצייכענט!" האָט אַנדריי מיט בעגייסטערונג אויסגערופֿען. „וואָלט איהר עס געקענט בעזאָרגען, זינאַ?"

„יאָ. איך קען איבערשיקען אַלעס מיט'ן וועכטער. ווער וועט זיך אָבער וועלען איינשטעלען אין געפֿאַהר אין מיטען טאָג און אין מיטען שטאָט צו בעפֿאלען אויף בעוואָפֿענטע זשאַנדאַרען?"

„דאָס לאָזט איבער פֿאַר מיר, זינאַ. איך קען קריגען אַזוי פֿיעל מענשען, וויפֿיעל מי וועט נאָר דאַרפֿען. איבעריגענס, וועלען מיר גאָר ניט ברויכען אַזוי פֿיעל."

די ביידע פֿריינדע האָבען זיך געשיידעט, אָבריירענדיג צו קומען דעם זעלבען אָבענד אויף דער פֿערזאַמלונג פֿון דער פאַרטיי. דאָרט האָט מען דיסקוטירט איבער אַנדריי'ס פלאַן, וועלכער איז ענדליך אויפֿגענומען געוואָרען מיט גרויס בעגייסטערונג.

אויף מאָרגען איז אַנדריי מיט וואַסילי'ן אַרויס אין גאַס, אום איינצוקויפֿען אַלעס, וואָס זיי האָבען געברויכט. נאָך אביסעל מיה, האָבען זיי געפֿונען אַ רייט-פֿערד פֿאַר אַנדריי'ן.

מיט דיזען פֿערד האָט זיך אַנדריי געמוזט אַליין אָבגעבען, ווייל ער האָט געדאַרפֿט פֿאָהרען אויף איהם. ער האָט איהם געוואָלט צוגעוואוינען צו זיך און דאָס האָט ביי איהם געדויערט אַ פּאָר טעג.

די הויפּטזאַכע, וואָס ער האָט געוואָלט עררייכען, איז געוועזן, אַז דער פּערד זאָל זיך ניט שרעקען פאַר אַ שיסעריי. דאָס איז געוועזן זעהר שווער צו עררייכען. ווען אַנדריי האָט דעם ערשטען מאָל אויסגעשאָסען לעבען דעם פערד'ס אויער, האָט ער זיך דערשראָקען און האָט ניט געוואָלט געהן. אָבער ענדליך האָט אַנדריי דאָך צוגעוואוינט דעם פערד זיך ניט צו שרעקען זיך פאַר אַ קלאַפּ און ער האָט נאָכדעם מיטגעטהיילט זינאַ'ן, אַז אַלעס איז פערטיג צום קאַמפּף.

פאַר דעם געפּענגנים איז געשטאַנען אַ רייכע הויז; דאָרט האָט די פאַרטיי געדונגען אַ צימערל אַקוראַט אנטקעגען באָרים פענסטער, און צוויי מיטגלידער פון דער פאַרטיי האָבען אַריינגעצויגען אין דיזען צימערל, כדי צו בעאָבאַכטען, ווען מי וועט די געפאַנגענע נעהמען פיהרען. דורך אַ וועכטער פון געפּענגנים האָט מען באָרים'ן געשיקט אַנזאָגען, אַז ער זאָל אַרויסהיינגען אַ בלויען פאַפּירעל, איידער מי וועט זיי נעהמען פיהרען אויף'ן פערהער. אויף דיזען פענסטער האָבען די צוויי מיטגלידער געקוקט גאַנצענע טעג.

איינינע טעג פאַר דעם בעשטימטען קאַמפּף האָט אַנדריי בעשלאָסען צו מאַכען אַ גענעראַל-פּראָבע, אום צו זעהן, אויב אַלעס איז אין אָרדנונג. ער האָט געהאַט דעם פערגנינגען צו זעהן, אַז זיין סמיעלער פלאַן קען דורכגעפיהרט ווערן.

דער לאַנג ערוואַרטעטער בלויער פאַפּירעל האָט זיך מיט אַמאָל בעוויזען אויף באָרים'ס פענסטער. אין דעם זעלבען אויגענבליק איז איינער פון די שומרים אין צימערל אַרויסגעלאָפען אין גאַס און האָט זיך אַריינגעחאַפּט אין אַ שיינק, וואו פאַר אַ טיש זיינען געזעסען צוויי מענשען, אָנגעטהאָן ווי פּויערים. גלייך ווי ער איז אַריינגעקומען, האָבען זיך די פּויערים אויפגעהויבען און האָבען זיך אַ לאָז געטהאָן אין צוויי פערשידענע געגענדען: איינער איז אַוועק געלאָפען אין האָטעל, וואו אַנדריי און וואַסילי זיינען געשטאַנען, און דער צווייטער אין דעם האָטעל, וואו עס איז געוועזן וואַטיאושקאַ מיט דעם צווייטען פערד און וואָגען. אין אַ האַלבע שטונדע אַרום האָבען זיך אַלע געפונען אין אַ שמאָלע און שטילע געסעל, וואו עס איז געוועזן

בעשלאָסען צו בעפֿאָלען די זשאַ דאָרען. זינאַ איז אויך געווען דאָרט. איהר פֿליכט איז געווען צו געבען דעם סיגנאַל און איבערהויפּט צו פֿיהרען דעם גאַנצען אָנפֿאַל.

ווען אַלע זיינען געווען פֿערזאַמעלט, האָט זיי אַנדריי ערקלעהרט, אַז דאָס איז נאָר געווען אַ פּראָבע, און אַז ער איז זעהר צופֿרידען, וואָס אַלעס איז אין אָרדנונג. ער האָט זיי געבעטען, אַז זיי זאָלען זיך ווידער געפֿינען אויף זייערע פּלעצער, מיטוואָך, ווען דער פֿערהער וועט געווים שטאַטפֿינדען.

מיטוואָך איז וואַסילי אויפֿגעשטאַנען גאַנץ פֿריה, אום 6 אוהר, און איז גלייך אַראָב אין שטאַל. ער האָט נאָך אַמאָל בעטראַכט דעם וואָגען, אויב עס פֿעהלט ניט עפּעס, זיך צוקוקענדיג צו יעדען נאָגעל, צו יעדען שרייפֿעל, זאָגאַר צו די פּאָרקאָוועס, אויב זיי זיצען שטאַרק. דאַן איז ער צוריק אַרויף און האָט אויפֿגעוועקט אַנדריי'ן.

וואַסילי האָט באַלד געמאַכט דעם סאַמאָוואַר און אין אַ האַלבע שטונדע אַרום זיינען זיי געזעסען און געטרונקען טהעע. פּלוצלינג האָט זיך די טהיר געעפֿענט און זינאַ איז אַריין.

זי איז געווען פֿערוויקעלט מיט איהר שאַל איבער'ן קאָפּ און אין דער האַנד האָט זי געהאַט אַ קערבעל, פּונקט אַזוי ווי זי וואָלט נאָר וואָס געקומען פֿון מאַרק.

אַנדריי האָט געדיינקט, אַז זי איז גראַדע אַריינגעקומען זיי צו דערמאָנען עטוואָס וועגען זייער היינטיגער אַרבייט. אָפֿט דערמאָנט מען זיך אין דער לעצטער מינוט אין עטוואָס זעהר וויכטיגעס. ווען זינאַ האָט אָבער אַראָבגענומען איהר שאַל און אַנדריי האָט בעמערקט איהר זעהר בלאַסען פּנים, האָט ער זיך דערשראָקען.

„ווידער אַן אונגליק!" האָט ער אויסגערופֿען.

„ניין. אָבער נאַט, לעזט," האָט זינאַ געזאָגט, איהם דערלאַנגענדיג אַ טעלעגראַמע, וועלכע ער האָט מיט איין בליק דורכגעלעזען.

אין דיזער טעלעגראַמע האָט דאָס קאָמיטע פֿון דער פּאַרטיי אין פּעטערבורג זיי אויפֿגעפֿאָדערט אָבצוהאַלטען דעם אָנפֿאַל ביז פֿרייטאָג, ווייל דאָס קען שאַדען אַן אַנדערע, פֿיעל וויכטיגערע אונטערנעהמונג.

אַנדריי איז געווען זעהר אונצופֿרידען מיט דעם. ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז אָבליגען דעם אָנפֿאַל אויף די זשאַנדאַרען איז אַ גרויסע ריזיקע און ווער ווייס, אויב עס וועט זיך גאָר מאַכען נאָך אַ מאָל אַזאַ געלעגענהייט? מיט אַ פֿערביטערטע האַרץ האָט ער דערלאַנגט וואַסילי'ן די טעלעגראַמע מיט די ווערטער:

„ווי געפֿעלט עס דיר?"

אַנשטאָט אַן אַנטוואָרט האָט וואַסילי צוזאַמענגעפּרעסט די טעלעגראַמע אין זיין האַנד און האָט איהר אַ וואַרף געטהאָן אויפ'ן טיש, געבענדיג דערביי אַ לאַנגען פֿייף.

„און איך האָב עס אויסגעשמירט דעם וואָגען, אַנגעריינינט די פֿערד און צוגעגרייט אַלעס אויף פֿיין פֿאַר היינט," האָט זיך וואַסילי געטראַכט און האָט זיך זעהר געערגערט, וואָס די טעלעגראַמע איז גראַדע יעצט אָנגעקומען.

אַנדריי האָט געוואָלט מאַכען אַן ענדע צו דער טרויעריגער לאַגע.

„עס איז שוין צו שפּעט. מיר קענען עס ניט אָבליגען," האָט ער געזאָגט.

„אָה, עס איז גאָר ניט צו שפּעט, אַנדריי," האָט זינאַ געענטפֿערט. „אַזוי לאַנג ווי עס איז נאָך ניט אָנגעפֿאַנגען קען מען דאָך עס נאָך אָבליגען אויף אַ צווייטען מאָל."

„אָבער דאָס הייסט, אַז מיר זאָלען עס אין גאַנצען אויפֿגעבען. עס קען זיין, אַז דאָס איז אונזער לעצטע געלעגענהייט."

„מעגליך," האָט זינאַ געזאָגט.

„נו," האָט אַנדריי געזאָגט, ווערענדיג אויפֿגערעגט. „איך ווייס ניט, אויב זיי האָבען אַ רעכט צו פֿערלאַנגען פֿון אונז אַזאַ זאַך. וואָס דענקען זיי דאָרט! מיר וועלען דאָ אַרבייטען און זיך קוועלען, און אַם ענדע, ווען אַלעס איז שוין נאָהענט צו אַ גליקליכען סוף, קומען זיי מיט זייער פֿערלאַנג. ניין, דאָס איז צופֿיעל! עס האַנדעלט זיך דאָ אום דעם לעבען פֿון פֿיער פּערזאָנען. ווען מיר בעפֿרייען זיי ניט היינט, וועלען מיר זיי קיינמאָל ניט קענען בעפֿרייען. מיר מוזען אויספֿיהרען אונזער פּלאַן היינט."

„רעדט ניט קיין אומזין, אַנדריי!" האָט איהם זינא אונטערבראָכען. „דיינקט איהר, אַז דאָס קאָמיטע וויים ניט אום וואָס עס האַנדעלט זיך דאָ? מיינט איהר, אַז אין פעטערבורג נעהמען זיי ווייניגער אינטערעסע אין דער בעפרייאונג פון אונזערע קאַמעראַדען? ווען זיי שרייבען אַלזאָ, אַז מיר זאָלען אָבהאַלטען דעם אָנפאַל, הייסט עס איינפאַך, אַז דאָס איז נייטיג פאַר דער פארטיי, און מיר האָבען קיין רעכט ניט צו געהן אַנטקעגען."

אַנדריי האָט אַראָבגעלאָזען דעם קאָפּ און איז געבליבען שטיל. ער האָט זיך בעדיינקט, אַז מי מוז נאָכגעבען.

„ווייסען די געפאַנגענע, אַז עס וועט היינט גאָר ניט פאָרקומען?" האָט ער געפרעגט.

„ניין," האָט זינאַ געענטפערט. „איך האָב קיין צייט ניט געהאַט עס צו טהאָן. די טעלעגראַמע איז געקומען נעכטען שפעט ביינאַכט, נאָכדעם ווי איך האָב מיך שוין געהאַט געזעהן מיט דעם וועכטער. אָבער עס מאַכט ניט; זיי וועלען קיינעם ניט זעהן אין גאַס און זיי וועלען פערשטעהען, אַז מי קען גאָר ניט טהאָן."

„דאָס טויג ניט," האָט אַנדריי געזאָגט. „זיי וועלען גאָר ניט קענען וויסען דערפון. זיי וועלען דיינקען, אַז מיר האָבען קיין צייט ניט געהאַט צו קומען אַהין־צו־וועגס און זיי וועלען אונז ערוואַרטען, ווען זיי וועלען פאָהרען צוריק. מי מוז זיי באַלד געבען צו וויסען, פיליייכט וועלען זיי זיין אים שטאַנדע צו מאַכען אַז מי זאָל זיי נאָך אַמאָל נעהמען אויף אַ פערהער."

„גאַנץ ריכטיג. אָבער ווי אַזוי לאָזט מען זיי דאָס וויסען?"

„לאָמיר ביידע שפאַצירען דורך דער גאַס, דורך וועלכער מי וועט זיי דורכפיהרען," האָט זיך אַנדריי אָבגערופען. „ווען זיי וועלען אונז זעהן שפאַצירענדיג, וועלען זיי וויסען, אַז זיי האָבען היינט גאָר ניט צו ערוואַרטען."

זינאַ'ן איז דער פלאַן אפילו געפעלען, נאָר זי האָט מורא געהאַט די זשאַנדאַרען זאָלען זיך ניט איינקוקען און אַנדריי'ן און דאָס קען נאָך שאַדען צום אָנפאַל. אַנדריי האָט זיך דערפון אויסגעלאַכט.

וואַסילי, ווי געוועהנליך, האָט צוגעשטימט צו אַנדריי'ס פלאַן. זיי זיינען באַלד אַדוים אין גאַס.

אויף'ן וועג האָבען זיי בעגעגענט אַ וואָגען, וועלכער איז זיי אַנטקעגען געקומען אין פולען גאַלאָפּ. אַנדריי האָט דערקענט דעם מאַן, וועלכער איז געזעסען אין'ם וואָגען. עס איז געוועזן וואַטאַזשקאָ, וועלכער איז געלאָפען אָנזאָגען אַנדריי'ן און וואַסילי'ן, אַז מי וועט באַלד אַרויספיהרען די געפאַנגענע.

„האַלט!" האָט אַנדריי אויסגערופען.

וואַטאַזשקאָ איז אַרויסגעשפרונגען פון וואגען. ער האָט זיי ערציילט, אַז דער צייכען אויף באָרים פענסטער האָט זיך געוויזען, און אַז פון זייער זייט איז אַלעס אין אָרדנונג; אַלע שטעהען אויף זייערע ריכטיגע פלעצער.

„לויפט געשווינד צוריק און הייסט זיי, זיי זאָלען געהן אַהיים," האָט זינא געזאָגט. „זיי דאַרפען זיך ניט ווייזען אין גאַס. מי קען היינט גאָר ניט טהאָן."

און זעהענדיג, ווי דערשראָקען ער איז געוואָרען פון דיזע נייעס, האָט זי איהם בערוהיגט:

„עס איז גאָר ניט בעזאָנדערעס, נאָר איינפאַך אָבגעלייגט אויף דריי טעג.

וואַטאַזשקאָ איז געלאָפען צוריק ערפילען זיין שליחות. אַנדריי און זינאַ האָבען שנעל גענומען געהן צו דעם געסעלע, וואו זיי האָבען געוואָלט טרעפען די געפאַנגענע. ווען זיי האָבען זיך פערקירעוועט אין דיזען געסעל, האָבען זיי פון דער וויטען דערזעהן די געפאַנגענע, אָנקומענדיג אַנטקעגען זיי. זיי האָבען זיך ניט געמאַכט זעהענדיג און זיינען זיך געגאַנגען רוהיג. די געפאַנגענע'ז האָבען זיך אויך געמאַכט ניט זעהענדיג ווער עס געהט זיי פערביי.

ווען זיי זיינען צוגעגאַנגען גאַנץ נאָהענט, איז זינאַ געפאַלען אויף אַ גלענצענדען איינפאַל. מיט אַנדריי'ן אונטער'ן אָרעם, איז זי צוגעגאַנגען צו אַ טהיר און האָט דאָרט גענומען קלאַפען מיט איהר רעגען=שירעם, אַזוי ווי זי וואָלט געוועז די בעל=הבית'טע פון הויז און האָט פערלאַנגט,

אַז מי זאָל איהר עפֿענען. דער קלאַפּען אָבער האָט געהאַט אַ גאַנץ אַנדערע בעדייטונג. דאָס איז געווען דאָס קלאַפּען כמעט אַזוי ווי פֿון אַ טעלעגראַפֿען־אַפּאַראַט, און די ניהיליסטען קלאַפּען אַזוי, ווען זיי זיינען אין געפֿענגניס, כדי איבערצורײדען זיך איינער מיט דעם אַנדערן. באָריס, וועלכער האָט גוט געקענט דיזע שפּראַך, האָט גלייך פֿערשטאַנען וואָס זיין פֿרוי האָט געמיינט. ער האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ, כדי צו בעווייזען, אַז ער וועט טהאָן, וואָס זי האָט פֿון איהם פֿערלאַנגט.

דערוויל האָט זיך די טהיר געעפֿענט און אַ דינסטמיידעל האָט געפֿרעגט זינאַ'ן, וואָס זי וויל. זינאַ האָט געפֿרעגט, אויב דאָ, אין הויז, וואוינט ניט אַ מאַן מיט דעם נאָמען ק ר ו ט י ק אָ ו. דאָס מיידעל האָט געענטפֿערט, אַז דאָ וואוינט ניט דער מאַן, אויף וועמען זי פֿרעגט זיך נאָך, און האָט פֿערמאַכט די טהיר.

געהענדיג צוריק האָט זינאַ דערציילט אַנדריי'ן, אַז זי האָט טעלעגראַפֿירט באָריס'ן, ער זאָל פֿערציהען דעם פֿערהער ביז פֿרייטאָג און אַז ער האָט דאָס פֿערשפּראָכען.

XII.

דער קאמפף.

דעם אָבענד נאָך דעם פֿערהער האָט באָריס געלאָזט וויסען זיין פֿרוי, אַז ער האָט אַזוי געענטפֿערט, דאָס אַ נייער פֿערהער וועט געוויס פֿאָרקומען אויף דער נעכסטער זיצונג פֿון דער קאָמיסיאָן, און פֿילייכט נאָך אין צוויי טעג אַרום.

אויף מאָרגען האָט זינאַ בעקומען אַ נייע טעלעגראַמע פֿון פעטערבורג, אַז די זאַך, וואָס האָט געמאַכט, מי זאָל אָבלייגען די בעפֿרייאונג פֿון די געפֿאַנגענע איז שוין צו ענדע. אַנדריי און וואַסיל

זיינען דאַן אויך צופרידען געווען, וואָס זיי האָבען געטהאָן אַזוי ווי דאָס פעטערבורגער קאָמיטע האָט פערלאַנגט. אָבער ריידענדיג מיט זינאַ'ן איבער דעם, האָט אַנדריי צו איהר געזאָגט:

„אויב איהר וועט היינט בעקומען נאָך אַ טעלעגראַמע אַזוי ווי די ערשטע, זאָלט איהר זי גאָר ניט בריינגען צו מיר. איך וועל שוין יעצט אויף קיין פאַל ניט אויפגעבען אונזער זאַך, און דאָס וועט מיר נאָר אַנמאַכען ערגערנים."

זינאַ האָט איהם בערוהיגט. אַזעלכע צופעלע, האָט זי געזאָגט, טרעפען זיך ניט יעדען טאָג.

ביידע זיינען געבליבען זיצען שטיל. זיי זיינען געווען פערטיפט אין זייערע געדאַנקען איבער דעם אָנפאַל אויף די זשאַנדאַרען. אַלע פאָרבערייטונגען זיינען געווען פיקס און פערטיג. עס איז יעצט נאָר געבליבען רוהיג אָבצוואַרטען דעם טאָג, ווען מי וועט ווידער פיהרען די געפאַנגענע אויף'ן פערהער, און צו זיין דערווייל זעהר פאָרזיכטיג, אַז קיין מענש, אויסער די עטליכע וואָס האָבען געזאָלט אַנטהייל נעהמען אין דער פערשווערונג, זאָל פון דער גאַנצער זאַך גאָר קיין חשד ניט האָבען.

עטליכע מינוט זיינען זיי אַזוי געזעסען אָהנע אויסצורעדען אַ וואָרט. ענדליך איז זינאַ אויפגעשטאַנען, האָט אַ קוק געטהאָן אויף איהר זייגער און האָט גענומען אָבשיעד פון אַנדריי'ן, וועלכער האָט מיט מעהר וואַרימקייט ווי אַלע מאָל געדריקט איהר האַנד.

אין דעם טאָג, ווען דער אָנפאַל האָט בעדאַרפט פאָרקומען, האָט וואַסילי אַלעס צורעכט געמאַכט אין שטאַל נאָך גאַנץ פריה און האָט זיך נאָכדעם אַנידערגעזעצט ביים טויער פון האָטעל, קוקענדיג מיט אַנגסט אויף דעם ווינקעל פון גאַס, וואו וואַטאַזשקאָ האָט געזאָלט פערבייפאָהרען און געבען דעם בעשטימטען סיגנאַל. וואַסילי איז געווען אָנגעטהאָן און האָט ווירקליך אויסגעזעהן ווי אַ קוטשער. קיינעם וואָלט גאָר ניט איינגעפאַלען איהם חושד צו זיין, אַז ער איז גאָר אַ ניהיליסט און קוקט נאָר אוים אויף אַ סיגנאַל, אום דערנאָך צו מאַכען אַן אָנפאַל אויף זשאַנדאַרען.

האַלב עלף אַזייגער איז וואַטאַזשקאַ פֿערבייגעפֿאָהרען, אָהנע זיך אָבצושטעלען. אין דער האַנד האָט ער געהאַלטען אַ ווייסע טיכעל, מיט וועלכער ער האָט געפֿאָכעט אין דער הויך.

וואַסילי איז גלייך אַרויפֿגעלאָפֿען אָנזאָגען די בשורה אַנדריי'ן, וועמען ער האָט שוין געטראָפֿען אויף די טרעפ. אַנדריי האָט דערזעהן דעם צייכען דורך'ן פֿענסטער און מיט אַ מאָדנער קאַלטבלוטיגקייט איז ער אַראָב נעהמען זיין רייט־פֿערד, וועלכער איז שוין געשטאַנען אָנגעזאָטעלט אין הויף.

אין אַ מינוט אַרום זיינען שוין ביידע געווען אין גאַס: וואַסילי אויף זיין דראָזשקע און אַנדריי אויף'ן פֿערד. מיט אַ שנעלען שאָקעל מיט'ן קאָפּ האָבען זיי גענומען אַבשיעד איינע פֿון די אַנדערע און זיינען אַוועק אין פֿערשידענע זייטען, ניט וויסענדיג, אויב זיי וועלען זיך שוין זוען עס איז זעהן. ביידע פֿריינדע זיינען געווען צופֿיעל פֿערנומען מיט זייער אַרבייט און האָבען ניט געקענט דיינקען וועגען אַנדערע זאַכען אין דער מינוט.

ווען אַנדריי איז אין אַ מינוט צעהן אַרום געקומען אויף דעם בעשטימטען פלאַץ, האָט ער שוין געפֿונען וואַטאַזשקאַ'ן שטעהענדיג אויף דער וואַך און געבענדיג איהם אַ צייכען, אַז די געפֿאַנגענע זיינען נאָך ניט אַרויס פֿון געפֿענגניס. אַנדריי איז גלייך אַראָב פֿון פֿערד, דען אַ רייטער אין אַזאַ פלאַץ און אין אַזאַ צייט איז געווען אַ גאַנץ אונגעוועהנליכע זאַך. אָבער באַלד האָט וואָטאַזשקאָ אַראָבגענומען זיין הוט, וואָס איז געווען אַ צייכען, אַז מי פֿיהרט שוין די געפֿאַנגענע.

אַנדריי'ס האַ־ץ האָט אָנגעפֿאַנגענען שטאַרק צו קלאַפּען. ער איז אָבער געבליבען רוהיג שטעהן לעבען זיין פֿערד, דען ער האָט געוואַ־ט אויף נאָך אַ וויכטיגערען סיגנאַל, אום צו קענען אָנפֿאַנגען זיין אַטאַקע.

ער האָט געוואַרט אויף א צייכען, אויב די געפֿאַנגענע זיינען בעוואַפֿענט אָדער ניט. זינאַ האָט אונטערגעקויפֿט אַ וועכטער און האָט מיט איהם אָבגעמאַכט, אַז ער זאָל אַריינלייגען רעוואָלווערס אין די קעשענעס פֿון די אויבער־רעק, וואָס זי האָט געהאַט אַריינגעשיקט

פֿאַר די געפֿאַנגענע, און ווען מי וועט זיי גוט אַרומקוקען און טאַפּען זייערע קליידער, ווי עס פֿיהרט זיך אין רוסישע געפֿענגניסע בשעת מי לאָזט אַרויס אַרעסטאַנטען, זאָל ער אַרויפֿוואַרפֿען די אויבער־רעק אויף זיי. דער גאַנצער פּלאַן האָט אָבגעהאַנגען פֿון דיזען דריידעל. מי האָט גאָר ניט געקענט דייגקען צו בעפֿרייען די געפֿאַנגענע, ווען זיי וואָלטען ניט געווען בעוואָפֿענט.

אַנדריי האָט אַלזאָ געוואַרט אויף דיזען צייכען מיט אונגעדולד. אָבער אַ זייטיגער מענש וואָלט דאָס גאָר ניט געקענט בעמערקען אויף זיין רוהיגעס געזיכט. ער איז זיך עטליכע מאָל אַרומגעגאַנגען איבער דעם פּלאַץ, וואו ער האָט געוואַרט, האַלטענדיג דעם פֿערד פֿאַר די לייצעס. ענדליך איז וואַטאַזשקאָ צוגעלאָפֿען צו איהם אין דער גרעסטער אויפֿרעגונג און האָט איהם אָנגעזאָגט, אַז וואַסילי איז שנעל אָבגעפֿאָהרען אויף זיין בעשטימטען פּלאַץ. דאָס האָט בעדייטעט, אַז די געפֿאַנגענע זיינען בעוואָפֿענט.

אַנדריי האָט קוים געקענט איינהאַלטען זיין פֿריידע.

„ענדליך וועלען מיר דאָך בעוויזען, וועד מיר זיינען!" האָט ער ביי זיך געטראַכט.

ער האָט נאָך געהאַט צו וואַרטען איניגע מינוט, איידער די זשאַנדאַרען וועלען צוקומען פֿון געפֿענגיס, און דיזע קורצע צייט האָט ער בענוצט, אום צו זאָגען וואַטאַזשקאָ'ן, וואו ער זאָל בלייבען אין דער צייט פֿון אָנפֿאַל און נאָכדעם.

„יעצט קומט די צייט צו האַנדלען!" האָט אַנדריי אויסגעשריגען און האָט זיך פֿלינק אַרויפֿגעכאַפּט אויף זיין פֿערד.

„מיט גליק!" האָט וואַטאַזשקאָ אויסגערופֿען. "אַלעס הייננט אָב פֿון אייך."

„און פֿון מיין פֿערד," האָט אַנדריי מיט אַ שמייכעל געענטפֿערט.

דאָס זאָגענדיג האָט ער זיך אַ לאָז געטהאָן צום אָרט, וואו עס איז בעשטימט געווען צו בעפֿאַלען די זשאַנדאַרען. פֿון וויטען האָט ער דערזעהן זיינע דריי געפֿאַנגענע קאַמעראַדען, און ער האָט אָנגעהויבען צו רייטען לאַנגזאַם. באָרים איז געווען אָהן אַן אויבער־ראָק, און

אַנדריי האָט פֿערשטאַנען, אַז ער איז ניט בעוואָפֿענט. אָבער לעווישין און קליין האָבען געטראָגען ווייערע מאַנטלען. אָהן באָריס'עס הילפֿע איז אפילו זעהר שווער געווען דורכצופֿיהרען דעם פּלאַן; אָבער עס איז קיין אַנדער ברירה ניט געבליבען. אַנדריי האָט פֿעסט בעשלאָסען צו שלאָגען זיך — מעג זיין וואָס עס וועט זיין.

אָהן אַ זייט איז געשטאַנען וואַסילי מיט זיין דראָשקע און האָט רוהיג געוואַרט אויפֿצונעהמען די געפֿאַנגענע, אַקוראַט ווי אַ געוויינליכער איזוואָשטשיק וואַרט אויף אַ פּאַסאַזשיר. קיין אַנדער דראָשקע האָט מען ניט געקענט זעהן אַרום און אַרום, דען די ניהיליסטען, וועלכע זיינען געשטאַנען אויף דער וואַך אין די זייטיגע גאַסען, האָבען יעצט געהאַט די אויפֿגאַבע צו דינגען יעדע ליידיגע דראָשקע, וואָס וועט זיך אָבשטעלען אין דער נאָהענט, כדי די זשאַנדאַרען זאָלען ניט קענען געפֿינען קיין איין דראָשקע, ווען זיי וועלען זיך האַפּען נאָכיאָגען נאָך די געפֿאַנגענע.

ווען אַנדריי איז צוגעקומען אַ צוואַנציג טריט הינטער וואַסילי'ס דראָשקע, איז ער געבליבען שטעהן און האָט געוואָרפֿען אַ בליק אַרום זיך, פּונקט אַזוי ווי אַ גענעראַל אויף'ן שלאַכט-פֿעלד. די גאַס איז געווען פּוסט. ניט ווייט האָבען זיך געשפּיעלט צוויי קינדערלאַך. אַן אַלטע פֿרוי האָט געשלעפּט אַ וועגעלע און האָט, מיט אַ קלינגענדע שטימע, געלויבט איהר אָרעמע סחורה. די פֿענסטער פֿון די הייזער זיינען געווען אָפֿען, און די זון האָט העל אין זיי אַריינגעשיינט און האָט דערפֿרייט די איינוואוינער. פֿון איין הויז האָט זיך אַרויסגעהערט אַ לוסטיגעס געלעכטער. קיין זאַך האָט ניט אָנגעצייגט, אַז דאָ וועט באַלד פֿאָרקומען אַ בלוטיגער געשלעג, אַ ריכטיגע מלחמה צווישען ניהיליסטען און זשאַנדאַרען.

אַנדריי איז דערווייל אַזוי געריטען, אַז עס זאָל איהם אויסקומען צו בלייבען צווישען די זשאַנדאַרען און וואַסילי'ס דראָזשקע, ווען די געפֿאַנגענע וועלען אָנפֿאַנגען די אַטאַקע. ער האָט זיך געמאַכט ניט זעהענדיג זיינע חברים און זיי האָבען כלומר'שט אויך ניט געקוקט אויף איהם, אָבער זיי האָבען זיך אַלע גאַנץ גוט בעמערקט.

לעווישן איז געווען נעהענטער צו אנדריי'ן ווי די אנדערע צוויי. אנדריי האט זיך ניט געקענט איינהאלטען און האט בעגריסט זיין פריינד מיט א לייכטען שאקעל מיט'ן קאפ. לעווישן, ווייסענדיג פון דעם אבמאך, אז די געפאנגענע זאלען אנפאנגען צו שיסען, האט עס אנגענומען פאר א סיגנאל. ער האט ארויסגעכאפט א רעוואלווער פון קעשענע, האט זיך אומגעקעהרט צו דעם זשאנדאר, וואס איז געזעסען הינטער איהם, און האט אויף איהם אויסגעשאסען. במעט אין דער זעלבער מינוט האבען זיך געהערט אנדערע קנאקערייען פון רעוואלווערס און קללות פון די זשאנדארען. די אטאקע האט זיך ערנסט אנגעפאנגען.

ווען דער רויך איז אביסעל פאנאנדערגעבלאזען געווארען, האט אנדריי בעמערקט, ווי אזוי א זשאנדאר האט זיך א ווארף געטהאן אויף לעווישן'ן און האט איהם אנגעכאפט ביים גארגעל. אבער באלד נאכדעם איז דער זשאנדאר מיט א קרעכץ אנידערגעפאלען, געטראפען פון אנדריי'ס קויל, און לעווישן האט זיך א לאז געטהאן צו דער דראשקע. וואו וואסילי איז געזעסען מיט א רעוואלווער אין האנד, ווארפענדיג זיינע קליינע אויגען ארום זיך, און האט זיין קאמעראד אויפגענומען בכבוד גדול.

דאס שיסען האט דערווייל אנגעמאכט א שרעקליכען גערודער ארום. קינדער האבען געוויינט, פרויען האבען געשריגען פון שרעק און די פענסטער האבען זיך אנגעהויבען שנעל צו פערמאכען. אבער די שיסער האבען דאס אלעס ניט געקענט הערען אין'ם פערצווייפעלטען קאמפף זייערן.

קליין, דער צווייטער געפאנגענער, וועלכער איז געווען בעוואפענט, האט זיך אויך א לאז געטהאן צו דער דראשקע. אבער א הויכער און געזונטער זשאנדאר האט איהם דעריאגט און האט ארויסגעריסען דעם רעוואלווער פון זיינע הענד. זיי האבען זיך אנגעפאנגען צו ראנגלען, און אנדריי האט זיך א לאז געטהאן אויף דעם שונא. דער זשאנדאר האט דאן אויסגעשאסען אין איהם, ער האט אבער ניט געטראפען און קליין האט זיך דערווייל ארויסגעריסען פון זיינע געזונדע

הענד און איז אַנטלאָפֿען צו דער דראָשקע. דער זשאַנדאַר איז אָבגעשפרונגען אין אַ זייט, אום אויסצומיידען אַנדריי'ס פֿערד און ווידער צו דעריאָגען דעם געפֿאַנגענעם. אָבער אַנדריי האָט שנעל און געשיקט אַ דרעה געטהאָן זיין פֿערד און איז געבליבען שטעהן צווישען זיי.

„איהר איילט זיך עפעס צופֿיעל, מיין פֿריינד!" האָט ער געזאָגט, ציעלענדיג מיט זיין רעוואָלווער אויף דעם זשאַנדאַר.

ביידע האָבען גלייך אויסגעשאָסען. אַנדריי האָט געטראָפֿען דעם זשאַנדאַר אין דער האַנד; דעם זשאַנדאַר'ס קויל האָט נאָר אָנגעריהרט אַנדריי'ס קליידער. אָבער דיזער קויל האָט געטראָפֿען וואַסילי'ס פֿערד, וועלכער האָט אַ שפּרונג געטהאָן און איז אַוועקגעפֿלויגען ווי אַ פֿייל פֿון בויגען. וואַסילי'ס מיה, איינצוהאַלטען די דערשראָקענע חיה, איז געוועזען אומזיסט.

צוויי פֿון די געפֿאַנגענע זיינען געווען געראַטעוועט. באָרים אָבער איז געבליבען אין די הענד פֿון די צוויי זשאַנדאַרען, וועלכע זיינען נאָך ניט געוועזען פֿערוואונדעט. עס זיינען אַלזאָ געבליבען צוויי געגען צוויי. באָרים איז אפילו ניט געווען בעוואַפֿענט, אָבער דערפֿאַר איז אַנדריי געוועזען אויף אַ פֿערד.

„נאָך איין אָנשטרענגונג און מיר בלייבען זיגער אויף יעדען פֿונקט!" האָט ער צו זיך אַליין געזאָגט און האָט זיך אַ לאָז געטהאָן מיט פֿערצווייפֿלונג צו באָרים'ן, וועמען די צוויי זשאַנדאַרען האָבען אָנגעפֿאַנגען צו בינדען מיט די שנירלאַך פֿון זייערע מונדירען.

„האַלט זיך פֿעסט, באָרים! איך קום דיר צו הילפֿע!" האָט אַנדריי אויסגערופֿען.

אָבער דאָ האָט ער בעגאַנגען אַ גרויסען פֿעהלער, וועלכען ער האָט זיך אַ לאַנגע צייט נאָכדעם ניט געקענט פֿערצייהען.

ער איז געוועזען אַ גוטער שיסער און האָט דאַרום בעדאַרפֿט בענוצען זיין גוטען רעוואָלווער. אַזוי גיך ווי ער האָט אָבער דערזעהן, אַז מי בינדט באָרים'ן, האָט ער פֿערלאָרען זיין קאָפּ און האָט געוואָלט אַרויפֿלויפֿען אויף זיי מיט זיין פֿערד. דערווייל האָט זיך דער זשאַנדאַר,

וועמען ער האָט געראַניעט אין האַנד, אויפגעהויבען און איז צוגעלאָפּען העלפען זיינע צוויי חברים. אַנדריי האָט איהם אַ שטאַרקען שטויס געטהאָן מיט זיין פערד און האָט איהם אַנידערגעשליידערט ווי אַ שטיין. פאַלענדיג האָט דער זשאַנדאַר פערטשעפעט באָרים'ן, וועלכער איז אויך געפאַלען, און אַנדריי'ס פערד איז אַוועקגעשפּרונגען ווייט פאָראויס. אַנדריי האָט זיך אפילו שנעל אומגעקעהרט צוריק, אָבער די צייט, וואָס ער האָט דערביי פערלאָרען, האָבען די זשאַנדאַרען דערווייל אויסגעניצט געגען באָרים, וועלכער האָט זיך ניט געוועהרט, זעהענדיג, אַז דאָס וועט זיין אַן אַרויסגעוואָרפענע אַרבייט. די צוויי משחיתים האָבען איהם אָנגעהאַלטען מיט זייער גאַנצער קראַפט. זיין געזיכט האָט געפלאַמט פאַר כעס. זיינע ליפּען האָבען געציטערט, און זיינע אויגען, וועלכע ער האָט אויסגעשטאַרצט אויף עטוואָס אין דער ווייטענס, האָבען אויסגעדריקט האַס און אַנגסט.

„רעטעט אייך אַליין! די פאָליציי!" האָט אַנדריי איהם גלייך דערהערט, שרייענדיג מיט אַ שטימע, וועלכע ער האָט זיין גאַנצען לעבען ניט געקענט פערגעסען.

אַנדריי האָט זיך אומגעקוקט און אַ פערצווייפלונגס-געשריי האָט זיך אַרויסגעריסען פון זיין האַרצען. צוויי פאָליציייסקע, וועלכע האָבען דערהערט די שיסעריי, זיינען געלאָפען ווי פער'סם'טע, און אַ דרישער האָט זיך בעוויזען פון אַ זייטיגער גאַס.

באָרים'ן האָט מען שוין ניט געקענט בעפרייען! אָבער די פאָליציסטען זיינען נאָך געווען ווייט און אַ פראָבע האָט מען נאָך געקענט מאַכען. ווען אַנדריי'ן וואָלט געלונגען צו דערשיסען די זשאַנדאַרען, וואָלט ער געקענט אַוועקשלעפען באָרים'ן אויף זיין פערד. ער האָט דאַרום אָנגעפאַנגען צו שיסען איין קויל נאָך דעם אַנדערן. עס איז אָבער געווען אַן אַרויסגעוואָרפענע אַרבייט, דען ער איז געווען זעהר אויפגערעגט און האָט גאַר ניט געצילעוועט.

אין זיין אויפרעגונג האָט ער אפילו ניט געדיינקט, אַז ער קען נאָך דערביי דערשיסען זיין חבר. נאַר וואָס מאַכט עס אויס? בעסער צו שטאַרבען פון אַ פריינד'ס האַנד, איידער פון'ם צאַר'ס תליון!

קיין איין קויל זיינע האָט אפילו ניט אָנגעריהרט די זשאַנדאַרען. ער אַליין איז פערוואונדעט געוואָרען אין פוס פון אַ זשאַנדאַ׳ס קויל. פונדעסטוועגען האָט ער ניט געוואָלט איפגעבען דעם פערצווייפעלטען קאַמפף. מיט אַ ווילדען כעס האָט ער אַ שליידער געטהאָן דעם פוסטען רעוואָלווער און האָט גלייך אַרויסגעכאַפט אַ צווייטען, וואָס ער האָט געהאַלטען אָנגעגרייט. באַלד האָט ער ווידער דערהערט באָרים׳ן, שרייענדיג נאָך מיט מעהר קראַפט:

„לויפט! לויפט! אום הימעל׳ס ווילען! זיי וועלען אייך האַפּען! לויפט! רעטעט אייך!"

די צוויי פאָליציסטען זיינען שוין אָנגעפאַלען אויף אַנדריי׳ן. איינער האָט איהם שוין אָנגעכאַפּט ביי דער פאָלע און האָט איהם געוואָלט אַראָבשלעפען. אָבער אנדריי האָט איהם דערלאַנגט אַזאַ קלאַפּ איבער׳ן קאָפּ מיט׳ן הענטעל פון זיין רעוואָלווער, אַז ער האָט זיך איבערגעקוליעט. אַנדריי האָט ערשט דאַן דערזעהן, אַז עס איז שוין גאָר קיין האָפנונג ניטאָ צו רעטען באָרים׳ן.

ער האָט נאָר געטהאָן אַ טרויעריגען מאַך מיט׳ן האַנד צו זיין פריינד און האָט געלאָזען לויפען זיין גוטען פערד, וועלכער האָט באַלד געלאָזען וועיט הינטער זיך די זשאַנדארען און די פאָליציסטען, וועלכע האָבען געשאָסען און געשריגען מיט משונה׳דיגע קולות.

אַנדריי איז געוועזען אַן אויסגעצייכענטער רייטער און זיין פלינקער פערד האָט אַזוי ווי פערשטאַנען, אַז מען מוז זיך יאָגען וואָס גיכער. אין אַ גאַנץ קורצע צייט איז אַנדריי געוועזען אויסער דער שטאָט.

אַנדריי האָט אַבזיכטליך געזוכט ווייניג בעוואוינטע גאַסען און האָט זעהר אָפט געביטען זיין וועג, אום צו פערטומלען די פאָליציי, ווען זי וועט זיך אַ לאָז טהאָן איהם צו פאַקען.

צוקומענדיג צו אַ פאָליציי סטאַציאָן דאָט ער בעמערקט אַ פאָליציייסקען, שטעהענדיג רוהיג אויף זיין בעשטימטען אָרט. ער האָט לאַנג ניט געטראַכט און האָט זיך אַ דרעה געגעבען צוריק אין שטאָט, כדי דער פאָליציסט זאָל דאָס איבערגעבען, ווען מ׳וועט ביי איהם פרעגען, און מיט עטליכע גאַסען ווייטער איז ער ווידער אַרויס פון שטאָט.

ער האָט זיך דאַן אַלזאָ געטהאָן מיט גרויס אימפעט, ביז ער איז צוגעקומען צו אַ בית־עולם, דריי מייל הינטער'ן שטאָט. דאָרט איז ער געבליבען שטעהן און האָט זיך אַרומגעקוקט. קיין לעבעדיגער מענש איז ניט געווען צו זעהן, און אַנדרעי, וועלכער האָט בערעכענט אַז די פּאָליציי וועט פערליהרען וויניגסטענס צוויי שטונדען, איידער זי וועט קענען קומען אויף זיין שפּור, איז זיך רוהיג אַראָבגעגאַנגען פון זיין פערד.

ערשט יעצט האָט ער דערפיהלט, אז ער איז פערוואונדעט. עס איז געוועזען זעהר אַ לייכטע וואונד, בלויז אַ קראַץ, אָבער דאָס בלוט האָט געראָנען און האָט שוין דורכגענעצט זיינע קליידער. ער איז צוגעגאַנגען צו דעם גראָבען, וואָס האָט אַרומגערינגעלט דעם בית עולם, האָט זיך אַנידערגעזעצט און האָט אָנגעפאַנגען צו פערבינדען די וואונד ווי ער האָט געקענט. ווען ער איז פערטיג געוואָרען מיט דיזער אַרבייט, האָט ער אויפגעבונדען אַ זעקעלע, וואָס איז געהאַנגען הינטער'ן זאָטעל, און האָט פון דאָרט אַרויסגענומען אַ לאַנגען מאַנטעל, וואָס אָפיצירען טראָגען, ווען זיי רוהען זיך אָב פון דיענסט. ער האָט אויך אַרויסגענומען א מיליטערישע היטעל. באַלד איז ער געווען אָנגעטהאָן אין די קליידער, און איבערלאָזענדיג מיט אַ טיעפען זיפץ זיין בראַווען פערד פאַר דער פּאָליציי, האָט ער זיך אַ דרעה געטהאָן אין אַ זייט און האָט זיך געלאָזט געהן צוריק אין שטאָט.

פאַר'ן אַוועקגעהן האָט ער געוואָלט צובינדען אַ צעטעלע צום פערד, אום צו מאַכען אביסעל שפּאַס פון דער פּאָליציי, אַז מי זאָל ניט פערפאָלגען דעם פערד פאַר זיין גלענצענדען אנטהייל אין אַ גרויסען פּאָליטישען פערברעכען. ער האָט זיך אָבער דערמאָנט, אַז באָרים איז געבליבען אין די הענד פון זיינע פיינדער און עס איז איהם ביטער געוואָרען אויף'ן האַרץ.

„וואָס פאַר אַן אונגליק! וואָס פאַר אַ שרעקליכער קלאַפּ דאָס איז פאַר זינאַ'ן!" האָט ער עטליכע מאָל ווידערהאָלט צו זיך אַליין, געהענדיג פאָרזיכטיג צוריק אין שטאָט אַריין, גלייך צו דער נייער קוואַרטיר, וואו וואַסילי האָט איהם ערוואַרטעט מיט אונגעדולד.

XIII.

וואסיל'ס פאס.

נאך מיט צוויי וואכען פאר דעם אנפאל אויף די זשאנדארען האט וואסילי געדונגען זיין נייע דירה. ער האט עס געטהאן, כדי די בעל־הבית'טע זאל קענען זאגען, אז ער וואוינט שוין ביי איהר לאנג, אין פאל, אז די פאליציי וועט זיך קומען נאכפרעגען. ער האט אויך געהאט אן אנדער צוועק דערביי: ער האט געוואלט לאנגזאם אריבערטראגען פיעלע זאכען פון דער אלטער קווארטיר, כדי זיי זאלען ניט פערפאלען ווערען ביי דער פאליציי. וואסילי האט אימער זעהר שטארק געזארגט, אז די אויסגאבען פון דער פארטיי זאלען זיין וואס קלענער.

יעדען אבענד פלעגט ער קומען אויף זיין נייער וואוינונג מיט א פעקעל זאכען אונטער'ן ארעם און פלעגט זאגען זיין בעל־הבית'טע, אז ער קומט פון דער ארבייט. שפעט ביינאכט פלעגט ער שטילערהייט ארויסגעהן, נאכדעם ווי ער פלעגט צורעהען די בעטגעוואנד, מ'זאל מיינען, אז ער האט דארט געשלאפען.

אנדריי'ן האט ער אויך פארגעשטעלט מיט עטליכע טעג פריהער, כדי די בעל־הבית'טע זאל גאר קיין חשד ניט האבען, ווען די שטאט וועט קאכען מיט דעם אנפאל. וואסילי האט איהר אנגעזאגט, אז ער האט פערדונגען א טהייל פון זיין צימער צו זיין חבר, א פריקאזשטשיק, וואס דארף אפט בלייבען אין דערהיים און שרייבען. קיינער האט זיך דארום ניט געוואונדערט, וואס אנדריי פלעגט אבזיצען גאנצע טעג אין צימער און ניט ארויסגעהן אין גאס.

וואסילי איז ארומגעגאנגען פראנק און פריי. ער פלעגט געהן איינקויפען אלעס, אזוי ווי אימער, און פלעגט זיך זעהן מיט וועמען ער האט געדארפט. ער האט זיך גענענט ערלויבען דיזע פרייהייט, דען די זשאנדארען האבען איהם גאנץ פערשידען בעשריבען, און די

פאליציי איז ענדליך געקומען צום בעשלוס, אז דער מאן, וואס האט געהאלטען די דראשקע אין האטעל, און דער מאן, וואס האט בענוצט די דראשקע ביים אנפאל, זיינען צוויי בעזונדערע פערזאנען.

ער האט עס געהאט צו פערדאנקען אנדריי'ן, אויף וועמען די זשאנדארען האבען נאטירליך מעהר געקוקט. אנדריי'ן האט מען דערפאר בעשריבען ריכטיג מיט אלע קלייניגקייטען: זיין פיגור, זיינע האר, זיינע אויגען א. ז. וו., און הונדערטע שפיאנען זיינען ארומגעלאפען ווי פער'סם'טע איבער'ן שטאט, איהם זוכענדיג.

דער הייסער וואונש פון דער פאליציי, צו פאקען דיזען העלד, איז נאך געווארען גרעסער דורך דעם, וואס די זשאנדארען האבען זיך, וואהרשיינליך דורך א צופאל, דערוואוסט, ווי זיין ריכטיגער נאמען איז. אנדריי האט געהאט נים ווייניג אלטע רעכנונגען מיט דער פאליציי, און זי האט זיך יעצט דערמאנט אין זיי מיט גרוים ערגערניס און הארץ-קלעמענעס.

אין דער צייט, ווען אלערהאנד שפיאנען זיינען געשפרונגען פון הויט צו געפינען די בראווע קעמפפער, וועלכע האבען מיט געוואלד בעפרייט זייערע געפאנגענע חברים, איז זיך אנדריי געזעסען אין זיין איינזאמען און ארעמען צימער און האט געטראכט וועגען נייע פלענער ווי צו בעפרייען באריס'ן. עס האט איהם שרעקליך געפלאגט דער געדאנק, אז נאך אלע אויפאפפערונגען איז דאך זיין פעהיגער און העלדישער חבר געבליבען אין די הענד פון די רעגירונגס-הינט. זיין גאנצע ארבייט האט ער געהאלטען פאר פערלארען, און ווען ער פלעגט זיך דערמאנען אין זינא'ס שמערצען, פלעגט ער גאר נים קענען אריבערטראגען.

וואס מעהר ער האט וועגען דעם געטראכט, אלץ פעסטער איז געווארען זיין בעשלוס, צו מאכען נאך א פראבע צו בעפרייען זיין פריינד. הונדערטער פלענער האבען זיך איהם געדרעהט אין קאפ, און ער האט זיי אלע געפונען בעסער און פראקטישער פאר דעם, וואס ער האט בענוצט און וועלכער האט זיך נים איינגעגעבען. ער האט דאבֿיי גאר פערגעסען, אז דיזע פלענער וואלטען; אויך געקענט

דורכפֿאַלען, און ער האָט זיך ניט אויפֿגעהערט צו נריזען דאָס האַרץ, פֿאַרוואָס ער האָט זיי פֿריהער ניט אויסגעפֿונען און וואַרום ער האָט געמאַכט צוויי פֿעהלער ביים אָנפֿאַל.

דיזע טרויעריגע געדאַנקען און זיין געצוואונגענע איינזאַמקייט, האָבען איהם זעהר נידערגעשלאָגען. וואסילי, וועלכער האָט ניט געקענט צוזעהן דעם צער פֿון זיין פֿריינד, האָט איהם עטליכע מאָל פּרובירט טרייסטען, אָבער עס האָט זיך איהם ניט איינגעגעבען. וואסילי איז איבערהויפּט ניט געווען פֿון די מענשען, וועלכע קענען ווירקען אויף יענעם מיט זייערע רייד, און ער האָט מורא געהאַט, ער זאָל נאָך מיט זיין טרייסטען ניט ערגער מאַכען. ער האָט דאַרום בעשלאָסען, איהם צו לאָזען צופֿריעדען, מיט דער האָפֿנונג, אַז אזוי גיך ווי ער וועט נאָר אָנהויבען צו קומען צוריק צווישען די פֿריינדע, וועט ער ווערען צוריק דערזעלבער וואָס געווען.

וואָס אַ טאָג ווייטער איז די היץ פֿון דער פּאָליציי אַלץ מעהר אָבגעקיהלט געוואָרען. זעהענדיג, אַז מי קען קיינעם פֿון די אָנגרייפֿערס ניט געפֿינען, איז ביי דער פּאָליציי געבליבען, אַז זיי האָבען שוין אַלע געמוזט פֿערלאָזען די שטאָט. די בעפֿרייטע, לעוושין און קליין, זיינען שוין ווירקליך געווען אויסער געפֿאַהר אין אַנדערע שטעט, און דאָס זעלבע וואָלטען אויך געקענט טהאָן אַנדריי און וואַסילי, ווען זיי וואָלטען נאָר געוואָלט.

נאָך אַ פּאָר טעג זיינען רוהיג פֿערבייגעגאַנגען. וואַסילי האָט געזאָגט אַנדריי'ן, אַז ער קען שוין ריזיקירען און אַרויסגעהן אין גאַס. גראַדע איז דעם אָבענד געווען פֿייער=ווערק און אילומינאַציאָן אין שטאָט צוליעב אַ קייזערליכען יום טוב. וואַסילי האָט געזאָגט אַנדריי'ן, אַז וואָוליטש וועט קומען איהם אַרויסנעהמען אַביסעל אין גאַס. אַנדריי האָט אָבער גאָר קיין חשק ניט געהאַט צו געהן. וואסילי איז דאַרום אַוועקגעגאַנגען און האָט צוגעשיקט וואָוליטש'ן, מיט דער האָפֿנונג, אַז זי וועט גיכער ווירקען אויף איהם, ער זאָל אַרויסגעהן אַביסעל איבער דער שטאָט. וואַסילי האָט געטראָפֿען; וואָוליטש האָט איבערגערעדט אַנדריי'ן און זיי זיינען ביידע אַרויס אין גאַס.

ווען אַנדריי וואָלט וויסען וואָס עס וועט אין אַ האַלבע שטונדע אַרום פּאַסירען אין זיין בעהאַלטונגס־פּלאַץ, וואָלט ער זיך געוויס ניט געלאָזט אַזוי לאַנג בעטען אַרויסצוגעהן. וואַסילי איז צוריקגעקומען באַלד נאָכדעם ווי אַנדריי און וואוליטש זיינען אַוועק. ער האָט געשטעלט דעם סאַמאָוואַר און האָט צוגעגרייט אַלעס נייטיגע, אום ווי געהעריג אויפצונעהמען זיינע פריינדע, ווען זיי וועלען צוריקקומען פון שפּאַציר. ער האָט זיך נאָכדעם אַוועקגעזעצט קוקען דורך'ן פענסטער אויף דער אילומינאַציאָן אַרום.

פּלוצלינג האָט ער דערהערט, ווי מי געהט אויף די טרעפּ צו זיין צימער. ער האָט זיך אויפגעהויבען, האָט געעפענט די טהיר און האָט זיך געטראָפען נאָז צו נאָז מיט אַ „קוואַרטאַלני" (אַ פּאָליציי אויפזעהער). אויף אַזאַ אָנשיקעניס האָט ער זיך וויינינגער ווי אויף אַלץ געריכט, און מי קען ניט זאָגען, אַז דער וויזיט איז איהם געווען זעהר אַנגענעהם. ער האָט זיך אָבער דאָך ניט פערלאָרען.

„דאָס מוז געוויס זיין צוליעב דיזען פערפלוכטען פּאַס!" האָט ער צו זיך געזאָגט, און האָט זיך גענומען קראַצען די פּאַטילניצע, פּונקט ווי אַ רוסישער פויער, ווען ער געפינט זיך אין אַ פערלעגענהייט.

און דער פּאַס איז ווירקליך געווען די אורזאַכע פון'ם קוואַרטאַלני'ס אונגעבעטענעם וויזיט!

וואַסילי האָט אָפט געהאַט זאָנדערבאַרע איינפעלע. ווען ער איז געצוואונגען געווען צו האַנדלען שנעל, ווען עס איז קיין צייט ניט געווען נאָכצודיינקען, פלעגט ער, אונטער די שווערסטע און געפעהרליכסטע אומשטענדען, אַרויסווייזען אַ וואונדערבאַרע פעהיגקייט און געשיקטקייט. ווען ער פלעגט אָבער וועלען זיין צו קלוג און פלעגט זעהר טיעף נאָכדיינקען וועגען עטוואָס, האָט מען כמעט שטענדיג געמעגט זיין זיכער, אַז ער וועט עפּעס אויסטראַכטען אַ גרויסע און לעבערליכע נאַרישקייט.

אָט אַזאַ מין נאַרישען קונץ האָט ער גראַדע געמאַכט מיט דעם פאַלשען פּאַס, וואָס ער האָט געקריגען דאָ, אין דובראַווניק. אין פּאַס איז געווען אָנגעגעבען, אַז דער מאַן, אָסיפּ פּאַווליוק, האָט געענדיגט

אַ גימנאַזיום און קען אַנקומען אין אַ העכערע שולע, אין אוניווערזיטעט. דאָס איז אַלזאָ געווען אַ פּאַס פאַר אַ געבילדעטען מאַן, און וואסילי האָט געהאַלטען, אַז פאַר איהם פּאַסט זיך גיכער צו שפּילען די ראָלע פון אַן אַרבייטער אָדער אַ הויזירער. ער האָט דאַרום בעשלאָסען דעם פּאַס אויסצובעסערן.

אויף אויסקראַצען און איבערמאַכען ווערטער פון דאָקומענטען איז ער געווען אַ קינצלער. ער האָט אין דעם געהאַט אַ גרויסע פּראַקטיק. ער האָט אַלזאָ זיין פּאַס געמאַכט אַזאַ מין אָפּעראַציע: די אונגעווינשטע צוויי ווערטער „העפערע שולע" האָט ער אויסגעקראַצט און האָט אויף זייער פּלאַץ געשטעלט צוויי אַנדערע: „פאָלקס שולע", מיט די זעלבע האַנד-שריפט, וואָס דער פּאַס איז געווען געשריבען. דיזע אָפּעראַציע איז איהם זעהר גוט געלונגען, און ער איז געווען העכסט צופרידען דערפון.

ווען ער האָט דאָס דערציילט אַנדריי'ן, נאָכדעם ווי ער האָט שוין געהאַט אָבגעגעבען דעם פּאַס אין דער פּאָליציי, האָט זיין פריינד געהאַט גענוג צו לאַכען פון איהם. אַנדריי האָט איהם אויפמערקזאָם געמאַכט, אַז עס איז אַ ריינע משוגעת אָנצוגעבען, אַז אַ מאַן, וואָס האָט געענדיגט אַ גימנאַזיום, זאָל בעקומען דאָס רעכט אַריינצוטרעטען אין אַ פאָלקס-שולע. וואסילי האָט ערשט דאַן פערשטאַנען, וואָס פאַר אַן אונזין ער האָט דאָ בעגאַנגען. עס איז שוין אָבער געווען פערפאַלען. די איינציגע האָפנונג איז געווען, אַז מי וועט ניט דורכלעזען דעם פּאַס אין דער פּאָליציי, נאָר מי וועט אַרומקוקען די זיגלען און די אונטערשריפטען, ווי געוועהנליך.

„און ווען זיי זאָלען אפילו צופעליגער ווייזע איבערלעזען," האָט אַנדריי געזאָגט לאַכענדיג, „וועלען זיי די „אויסבעסערונג" אָנגעהמען פאַר אַ פעהלער אין שרייבען, דען קיין מענש מיט אַ קלאָרען קאָפּ וועט האָך אַזאַ זאַך ניט טהאָן אבזיכטליך.

אָבער צו וואסילי'ס אונגליק האָט גראַדע דער קוואַרטאַלני דורכגעלעזען דעם פּאַס פון אָנפאַנג ביז'ן סוף און האָט נאַטירליך בעמערקט דעם ווידערשפּרוך. ער האָט עס אפילו אָנגענומען פאַר אַ

טעות פון דעם שרייבער, פונדעסטוועגען האט ער בעשלאסען צו קומען מיט א וויזיט צום אייגענטהימער און נאכפרעגען, ווי אזוי דער ווידערשפרוך איז ענטשטאנען.

עס איז אלזא געווען פערפאלען. וואסילי האט יעצט געמוזט זעהן וואס גיכער כטור ווערען פון דעם קווארטאלני. ער האט מיט גרויס חשק און ענויות געענטפערט אויף אלע פראגען, וואס יענער האט איהם געשטעלט. ער האט ערקלעהרט, אז ער איז א שלאסער פון דעם פאלטאיזער וואקזאל און איז געקומען גאך דובראווניק זוכען ארבייט. זיין געזיכט, זיינע געזונטע הענד און זיינע קליידער האבען איהם ווירקליך געגעבען דאס אויסזעהן פון אן אמת'ן רוסישען פאבריק ארבייטער. ער האט געשפיעלט זיין ראלע פון א פראסטאק אזוי געשיקט און האט אזוי ריכטיג נאכגעמאכט די שפראך, די מאניערען פון א מוזשיק און די מורא, וואס א פראסטער רוסישער ארבייטער האט, בשעת ער רעדט מיט א נאטשאלניק, — דאס אלעס האט ער אזוי גוט נאכגעמאכט, דאס דער קווארטאלני האט קיין ברעקעל חשד ניט געהאט אויף וואסילי'ן אליין.

דער קווארטאלני וואלט וואהשיינליך אוועקגעגאנגען בשלום, ווען די בעל-הבית'טע וואלט זיך ניט אויסגערעדט, צו וואסילי'ס גרעסטע פערלעגענהייט, אז אין דעם צימער וואוינט נאך איינער, וואס זיין פאס איז נאך ניט געווען איבערגעגעבען צו דער פאליציי. דער קווארטאלני האט נאטירליך באלד אנגעפאנגען פאנאנדער צו פרעגען, וואס פאר א סארט מענש דער קווארטיראנט איז. וואסילי האט באלד געענטפערט, אז ער האט צופעליגער ווייזע געמאכט בעקאנטשאפט מיט א מאן, איוואן זאלופאלאוו (אזוי איז געווען דער נאמען אין אנדריי'ס פאס) און האט איהם פערדונגען א טהייל פון זיין צימער.

„האסט דו ביי איהם געבעטען א פאס?" האט דער קווארטאלני בייזלאך געפרעגט.

„געוויס, וואשע'סקאראדיע!" (אייער עהרע) דאט וואסילי גלייך געענטפערט. „און איך האב עס צוגענומען אלס משכון פאר דירה געלד. מי מוז זיין פארזיכטיג מיט פרעמדע, וואשע'סקאראדיע!"

דאָס זאָגענדיג האָט ער אַרויסגענומען פֿון זיינע כאַליאַווועס דעם פּאַס און האָט איהם מיט הכנעה דערלאַנגט דעם קוואַרטאַלני.

„פֿאַר וואָס זשע האָסט דו איהם ניט געבראַכט אין דער פּאָליציי?" האָט דער קוואַרטאַלני געפֿרעגט.

וואַסילי האָט אָנגעפֿאַנגען אַזוי שטאַרק צו קראַצען זיין פּאַטילניצע, אַז מי וואָלט געקענט מיינען אַז ער קלייבט זיך איהר אין גאַנצען אָבצורייבען. זיך געבענדיג נאָכדעם אַ נייג צום קוואַרטאַלני און אַראָבלאָזענדיג די אויגען, האָט ער אויסגעמייקעט:

„איך האָב אַלץ קיין צייט ניט געהאַט, וואַשע'סקאָראָדיע. . . . איך בין שולדיג, פֿערצייהט מיר, וואַשע'סקאָראָדיע!"

דער קוואַרטאַלני האָט גאָר ניט געענטפֿערט. ער האָט אָבער געקוקט זעהר אונצופֿרידען און שטרענג.

וואַסילי האָט אַ שטאַרקען רייב געגעבען די אונשולדיגע פּאַטילניצע זיינע, און אַריינלייגענדיג די האַנד אין זיין ברייטער קעשענע, האָט ער אַרויסגענומען אַ קליינע זילבערנע מטבעה און האָט עס מיט אַ רחמנות פּנים אַוועקגעלייגט אויף'ן טיש פֿאַר דעם קוואַרטאַלני.

„וואַשע'סקאָראָדיע!" האָט ער געזאָגט, זיך בוקענדיג. „זייט ניט בייז אויף מיר. . . מיין מתנה איז קליין, אָבער איך גיב זי מיט אַ ריין האַרץ."

„נעהם עס צו, דו באַלוואַן!" האָט דער קוואַרטאַלני אויסגערופֿען, אָפּשאַרענדיג פֿון זיך דאָס אָרימע לאַ־יחרץ געלד. אָבער דיזער עכטער צייכען פֿון רוסישער טרייהייט צו די נאַטשאַלסטוואָ, האָט דאָך ווייך געמאַכט דעם קוואַרטאַלני'ס האַרץ.

„ווען וועט דיין חבר קומען צוריק?" האָט ער שוין מיט ווייכערן טאָן געפֿרעגט.

„איך קען אייך ניט זאָגען אויף ריכטיג, וואַשע'סקאָראָדיע," האָט וואַסילי געענטפֿערט. „אָט דער חברה־מאַן האָט אַ גרויסען חשק צו שנאַפּס, אויב עס איז מיר ערלויבט דאָס פֿאַר אייך צו זאָגען. ער הוליעט אַרום, און קומט אָפֿט זעהר שפּעט אַהיים. איין נאַכט אין ער גאָר ניט געקומען."

„גוט, איך וועל יעדענפאַלס וואַרטען אויף איהם," האָט דער קוואַרטאַלני געזאָגט, זיך אַנידער זעצענדיג אויף אַ שטול. „און דו געה אַראָב אונטען און זאָג דעם פּאָליציייסקען, וואָס שטעהט אונטען, ער זאָל אַרויפקומען, און דו קום אויך צוריק אַרויף."

פּאַר וואַסילי'ן זיינען דיזע ווערטער געווען ביטערער ווי גאַל. זיין גאַנצע קונסט, זיך צו פּערשטעלען, האָט איהם ניט געהאָלפען. זיין לאַגע איז געווען זעהר אַ געפּעהרליכע. ער האָט אָבער קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט, ווי נאָר, ווייטער צו שפּילען זיין פריערישע ראָלע, פּיליכט וועט ער געפינען אַ מיטעל, ווי אַזוי אָנצוזאָגען אַנדריי'ן בעצייטענס וועגען דער געפאַהר, וואָס ערוואַרטעט איהם.

אַנדריי און וואוליטש האָבען דערווייל אַרומגעשפּאַצירט איבער די אילומינירטע גאַסען, און עס האָט זיך זיי גאָר ניט געחלום'ט, אַז די פּאָליציי האָט בעזוכט וואַסילי'ס צימער. אַנדריי האָט ניט געהאַט קיין פּערגניגען פון דעם שפּאַציר. יעדע זאַך אַרום האָט ביי איהם אויסגעזעהן מיאוס און נאַריש, און די אילומינאַציאָן און פייער-ווערק האָבען איהם נאָר אויפגערעגט און איהם געפיהרט אויף טרויעריגע געדאַנקען. זיי האָבען זיך דאַרום פריה אומגעקעהרט אַהיים.

אַנדריי האָט געוואָלט בעגלייטען וואוליטש'ן ביז איהר צימער, אָבער זי האָט זיך ענטזאָגט און איז געגאַנגען מיט איהם ביז זיין וואוינונג. ביי דער טהיר האָבען זיי זיך אָבגעשטעלט.

„ווילט איהר אַריינגעהן צו אונז?" האָט אַנדריי געפרעגט. „עס איז נאָך גאָר ניט שפּעט."

„ניין, איך מוז געהן גיכער אַהיים. איך האָב פערשפּראָכען צו זיין צוריק אום צעהן אַזייגער."

זיי האָבען זיך געשיידעט מיט אַ פריינדליכען האַנד-דרוק, און אַנדריי איז זיך רוהיג צוגעגאַנגען צו די טרעפּ, וואָס האָבען געפיהרט צו זיין וואוינונג און וועלכע זיינען געווען זעהר ווייניג בעלויכטען. דאָרט האָט ער באַלד דערזעהן וואַסילי'ן, שטעהענדיג באָרוועס, האַלב אויסגעטהאָן און זעהר אויפגערעגט. ער האָט שטאַרק געמאַכט מיט די הענד און געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. אַנדריי האָט דערפון געקענט

אַרייסנעהמען, אַז מי דאַרף קיין גערויש ניט מאַכען און איז געבליבען שטעהן. וואַסילי איז דאַן אַראָבגעגאַנגען זעהר שטיל, איינהאַלטענדיג דעם אָטהעם, און האָט געזאָגט אַנדריי'ן אויף'ן אויער:

„די פּאָליציי איז אין אונזער צימער. טראָגט זיך אָב אַזוי שנעל ווי איהר קענט!"

„די פּאָליציי!" האָט אַנדריי געזאָגט אַזוי שטיל, אַז נאָר וואַסילי האָט געקענט הערען. „לאָמיר זשע ביידע אַוועקגעהן."

אָבער וואַסילי האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ און האָט זיך אָהן ווייטערע טענות אַ לאָז געטהאָן אַרויף. אַנדריי האָט ניט געקענט פֿערשטעהן, וואָס מיט וואַסילי'ן איז. אין זאַך איז ער אָבער געווען זיכער, אַז ער דאַרף מאַכען די פּליטה פֿון דאַנען. ער האָט עס טאַקי גלייך געטהאָן.

ער האָט נאָך צייט געהאַט אָנצוזאָגען וואָוליטש'ן, פֿון וועמען ער האָט נאָר וואָס גענומען אַבשיעד. ווען ער איז צוגעקומען צו איהר, האָט זי געמיינט, אַז ער האָט זיך דערמאָנט עפּעס איהר צו זאָגען. זי האָט אָבער באַלד אויסגעפֿונען, אַז זי האָט אַ טעות געהאַט.

„עס איז מיר אַפּנים באַשערט, איך זאָל מיט אייך געהן אַהיים היינט ביינאַכט. מיין צימער איז פֿערנומען מיט דער פּאָליציי."

דאָס מיידעל האָט אויפֿגעציטערט.

„די פּאָליציי! וואַסילי אַרעסטירט?"

„ער איז געוויס ניט אַרעסטירט. ער וואָלט דאָך ניט געקענט מיך אָבוואָרטען אויף די טרעפּ און מיך וואָרענען. וואָס איך קען אָבער ניט פֿערשטעהן איז, וואָרום ער איז געבליבען אין הויז, ווען ער האָט געקענט אַזוי לייכט אַוועקגעהן."

„עס איז ווירקליך אַ מאָדנע געשיכטע," האָט וואָוליטש געזאָגט.

און די געשיכטע איז ווירקליך געווען אַ מאָדנע, און האָט זיך נאָר געקענט טרעפֿען מיט אַזאַ מענשען ווי וואַסילי.

נאָכדעם ווי ער האָט פּינקטליך אויסגעפֿיהרט דעם קוואַרטאַלני'ס בעפֿעהל און האָט אַריינגעפֿיהרט דעם שונא אין זיין אייגענעם צימער, האָט ער זיך רוהיג אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול אין אַ ווינקעל. ביידע

פאָליצייסקע האָבען זיך געשושקעט, און וואסילי האָט פערשטאַנען פון זייערע מינעס, אַז זיי בעראַטהען זיך, ווי אַזוי איינער זאָל זיך שטעלען הינטער'ן טהיר און דער אַנדערער אָן אַ זייט, זאָ דאָס דער מאַן, אויף וועמען זיי האָבען געוואַרט, זאָל זיי ניט דערזעהען ביים אַריינקומען. זיי האָבען געפּלאַנעוועט אַן אַטאַקע פון פאָרענט און פון הינטען.

וואסילי איז געזעסען ווי אויף גליהענדע קוילען, אָבער ער האָט זיך געמאַכט, אַזוי ווי די גאַנצע זאַך אינטערעסירט איהם גאָר ניט.

ווי אַזוי קען מען לאָזען וויסען אַנדריי'ן, אַז די פּאָליציי וואַרט אויף איהם? אָט די פראַגע איז ניט אַרויס פון וואסילי'ס קליינעם קאָפּ און האָט איהם שטאַרק געפּייניגט. די פענסטער פון צימער זיינען אַרויסגעקומען אין הויף, זאָ דאָס מי האָט ניט געקענט זעהן, ווען אַנדריי וועט צוקומען. וואסילי האָט ניט געקענט העלפען אַנדריי'ן אין אַ געשלעג מיט די פּאָליציסטען, ווייל זיין רעוואָלווער איז גראַדע געלעגען אין דער קעשענע פון ראָק, וואָס איז געהאָנגען לעבען דעם קוואַרטאַלני'ס שטול. ער האָט זיך אַזוי געקלעמט און געבראָכען דעם קאָפּ, ווען דער קלאַנג פון אַ שטיק פייער-ווערק האָט איהם אַרויפגעבראַכט אויף אַ געדאַנק.

„יאַשע'סקאָראַדיע!" האָט וואסילי אויסגערופען מיט אַ העכסט אונשולדיגע שטימע. „מעג איך געהן זעהן די פייער-ווערק פון דעם פענסטער? דאָ איז דאָ אַ קליין צימערל דערביי, פון וואַנען מי קען זעהן דעם שטאָט-גאָרטען."

דעם קוואַרטאַלני האָט זיך גראַדע געוואָלט בלייבען אַליין אין צימער מיט דעם פּאָליצייסקען. ער האָט זיך געוואָלט מיט איהם גוט דורכריידען וועגען זייערע פלענער און האָט ניט געוואָלט וואסילי זאָל עס הערען. ער האָט דאַרום געענטפערט:

„יאָ, דו קענסט געהן, אויב דו ווילסט. געה אָבער ניט אַוועק ווייט. מי וועט דיך באַלד דאַ-פּען האָבען."

אויף אַזאַ אופן האָט זיך וואסילי אַרויסגעהאַפּט אין דעם קליינעם צימערל. דאָרט האָט ער פערבראַכט אַ שרעקליכע פערטעל שטונדע ביים טהיר, ביז וואַנען אַנדריי איז געקומען.

נאָכדעם ווי ער האָט אָנגעזאָגט אַנדריי'ן די צרה, האָט ער זיך אומגעקעהרט העכסט צופֿרידען און האָט זיך נאָך אַמוזירט, קוקענדיג אויף די פּאָליציסטען, וועלכע האָבען געוואַרט אויף אַ פֿויגעל, וואָס איז שוין געוועזען ווייט, ווייט פֿון זיי.

XIV.

ביי זינאַ'ן אין דערהיים.

אין זינאַ'ס הויז, וואו אַנדריי האָט יעצט געמוזט פֿערבלייבען, איז מען דערווייל געוועזען אונרוהיג איבער וואַסילי'ן. אַנדריי האָט זיך משער געוועזען, אַז די פּאָליציי האָט געמוזט קומען וועגען דעם נאַרישען פּאַס. ער האָט אָבער ניט געקענט פֿערשטעהן, פֿאַר וואָס וואַסילי האָט ניט געוואָלט אַנטלויפֿען. זיי האָבען איהם גוט געקענט און האָבען גערעכענט, אַז ער וועט זיך ווי עס איז אַרויסדרעהען פֿון'ם געפֿאַהר און וועט קומען צו זיי.

עס איז אָבער פֿערבייגעגאַנגען אַ גאַנצער טאָג און וואַסילי איז אַלץ ניט געקומען. דאָס האָט זיי שוין שטאַרק צורודערט. זינאַ האָט נאָכגעפֿרעגט דורך איהר וועכטער אין געפֿענגניס, אויב מי האָט דאָרט אַריינגעזעצט וואַסילי'ן, און זי האָט בעקומען אַן אַנטוואָרט, אַז ניין. פֿאַרנאַכט האָט וואָליטש געבראַכט די בערוהיגענדע אָבער זאָנדערבאַרע נייעס, אַז וואַטאַזשקאַ האָט געטראָפֿען וואַסילי'ן אויף'ן גאַס, אָהן די בעגלייטונג פֿון אַ פּאָליציסט. וואַסילי איז געוועזען זעהר צוטראָגען און איז פֿערבייגעלאָפֿען, גיזבענדיג צו וויסען דורך אַ צייכען, אַז מי טאָר ניט צוגעהן צו איהם. יעצט האָבען זיי ניט אַנדערס גערעכענט, אַז וואַסילי האָט געמוזט מאַכען אַן אונאַנגענעהמע בעקאַנטשאַפֿט מיט דער פּאָליציי און פֿיהרט איהר אַביסעל ביים נאָז.

„מיר מעגען יעצט רוהיג זיין וועגען איהם,” האָט אַנדריי מיט בעשטימטהייט געזאָגט. „איך בין זיכער, אַז ער וועט אביסעל חזוק מאַכען פון דער פּאָליציי און וועט און קורצען זיין מיט אונז.”

זיי האָבען דאַן אָנגעהויבען ריידען פון אַנדערע זאַכען. זינאַ האָט געצייגט אַנדריי׳ן א בריעף, וואָס איהר מאַן האָט געשריבען נאָך דעם אָנפאַל. אין דיזען בריעף האָט ער הערצליך גערדאַנקט אַלע פריינדע פאַר זייער ריזיקירען מיט׳ן לעבען צוליעב איהם. וועגען אַנדריי׳ן האָט ער גערעדט מיט אַזאַ פריינדשאַפט און דאַנקבאַרקייט, אַז ווען אַנהריי האָט עס געלעזען האָבען זיך איהם געשטעלט טרערען אין די אויגען.

צולעצט האָט באָרים געזוכט צו בעווייזען, אַז אַלע ווייטערע פּראָבעס איהם צו בעפרייען זיינען אומזיסט און קענען נאָר פיהרען צו נייע אַרעסטען. ער האָט דאַרום פערלאַנגט, אַז אַנדריי זאָל גלייך אַוועקפאָהרען נאָך פּעטערבורג און מי זאָל זיך אין גאַנצען אָבזאָגען פון די פּלענער איהם צו בעפרייען.

„איך האָף,” האָט אַנדריי געזאָגט מיט אַן אויפגערעגטע שטימע, „אַז איהר נעהמט ניט אָן דיזען שלום פון באָרים׳ן פאַר אַ בעפעהל, וואָס מיר מוזען געהאָרכען.”

„אָה, ניין. געוויס ניט,” האָט זינאַ געענטפערט.

„עס פרייט מיך זעהר, וואָס איהר האָט ניט פערלאָרען דעם מוטה. אין אַזעלכע זאַכען מוז מען פאַר אַלעמען זיין מוטהיג און פורכטלאָז. עס האָט געטראָפען, אַז מי איז פיעלע מאָל דורכגעפאַלען און ענדליך האָט מען דאָך געוואונען. מיר וועלען האָבען מעהר גליק דאָס נעכסטע מאָל. איך בין פעסט ענטשלאָסען צו ריזיקירען נאָך אַמאָל און צו מאַכען נאָך אַ פּראָבע.”

חאָטש זינאַ איז געווען איינפערשטאַנדען מיט אַנדריי׳ן, אַז מי מוז מאַכען נאָך אַ פּראָבע צו בעפרייען באָרים׳ן, דאָך האָט זי פערלאַנגט אַז אַנדריי זאָל אַוועקפאָהרען פון דובראַוונִיק און זאָל איבערלאָזען אויף איהר אַליין די אַרבייט. אָנפאַנגס האָט זי אָנגעצייגט אויף׳ן פאַקט, אַז עס איז זעהר געפעהרליך פאַר אַנדריי׳ן צו בלייבען אין דובראַוונִיק, וואו די שפּיאָנען קענען איהם און זוכען איהם מיט ליכט. ווען אַנדריי

האָט איהר אָבער געענטפֿערט, אַז דאָס זעלבע קען מען אויך זאָגען וועגען איהר, האָט זי מיט אַ זיפֿץ געמווזט מודה זיין, אַז זי האָט דאָביי פֿערזענליכע גרינדע; אַז זי קען פשוט ניט רוהען, כל זמן זי וועט ניט בעפֿרייען איהר מאַן.

אַנדריי איז געווען פֿערוואונדערט צו הערען פֿון זינאַ'ן אַזעלכע רייד. אַזוי ווי דאָס רוב פֿון זיינע קאַמעראַדען, פֿלעגט ער ווייניג וואָס דיינקען וועגען זיך, וווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען פּאַרטייזאַכען. אָבער ער האָט דאָך געהאַט מיטלייד מיט איהר און האָט איהר דאַרום פֿאָרגעשלאָגען, אַז ער וועט אַוועקפֿאָהרען אויף אַ פּאָר וואָכען נאָך פּעטערבורג און וועט זעהן, אַז די פּאָליציי זאָל זיך דערוויסען, אַז ער איז דאָרט, און דאַן, ווען זי וועט איהם נאַטירליך אָנהויבען צו זוכען אין פּעטערבורג, וועט ער צוריקקומען אַהער נאָך דובראַוווניק און וועט אַליין דורכפֿיהרען דעם פּלאַן צו בעפֿרייען באָרים'ן. איהר הילפֿע וועט ער דאַן ניט דאַרפֿען. זי וועט קענען פֿערלאָזען דובראַיוניק און זיך ערגעץ אָברוהען, דען איהר אָנשטרענגונג און איהרע זאָרגען וועלען איהר נאָך טויטען.

זינאַ איז געבליבען זיצען עטליכע מינוטען פֿערטראַכטערהייט, ווען זי האָט אויסגעהערט דעם פֿריינדליכען פֿאָרשלאַג פֿון אַנדריי'ן. נאָכהער האָט זי טרויעריג אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ און האָט לאַנגזאַם געזאָגט:

„ניין, איך קען ניט. . . ווען באָרים וואָלט געווען אַ פֿרעמדער צו מיר, וואָלט איך אפשר פֿערלאָזען דובראַווניק. אָבער יעצט. . . ניין, איך קען דאָס ניט טהאָן.

אַנדריי האָט זיך אויפֿגעהויבען פֿון זיין שטול, האָט אָנגעהייבען אַרומשפּאַנען איבער'ן צימער און מיט אַמאָל האָט ער אויסגערופֿען מיט אַ דעקלאַמאַטאָרישען טאָן, די ערשטע צייל פֿון אַ געדיכט:

„האָב ניט חתונה, יונגער מאַן, פֿאָלג מיין ראַטה. . . ."

דיזע ווערטער האָט ער מעהר צו זיך געזאָגט ווי צו זינאַ'ן; אָבער זי האָט זיי אונטערגעכאַפּט, דען זי האָט איבער דעם פֿיעל נאָכגעדיינקט די לעצטע צייט און זי האָט געוואָלט וויסען געגוי אַנדריי'ס מיינונג.

„אַלזאָ, דאָס איז דער שלום, וואָס איהר ציהט פֿון מיין וועלען פֿערבלייבען אין דוּבּראַוונִיק?" האָט זי געפֿרעגט אַנדריי'ן.

ער האָט גלייך ניט געענטפֿערט. ער האָט מעהר געטראַכט וועגען זיך אַליין, וועגען די שיינע טאַניאַ, וועלכע איז איהם געשטאַנען פֿאַר די אויגען, חאָטש ער האָט געזוכט צו פֿעריאָגען דאָס רייצענדע בילד פֿון זיך. ער איז עטליכע מאָל דורכגעגאַנגען דעם צימער און זיך אַוועקזעצענדיג לעבען איהר אויף דער זאָפֿאַ, האָט ער מיט אַ האַלבען מויל געזאָגט:

„געוויס ציה איך אַזאַ שלום. ווי זאָל איך דען אַנדערש דיינקען? די יעניגע, וואָס זיינען אין אַזאַ האַרטען און ביטערן קאַמף ווי מיר, דאַרפֿען אַרומנעהמען זייערע הערצער מיט שטאָל געגען געפֿיהלען, וואָס זיינען צו דעליקאַטנע פֿאַר אונז."

„אויב אַזוי," האָט זינאַ זיך אָבגערופֿען, „וואָרום זשע זאָלט איהר שוין אין גאַנצען ניט אָננעהמען נעטשאַיעוו'ס מיינונג, אַז וואָס מעהר אַ רעוואָלוציאָנער איז ווי אַ שטיק קלאָץ, אַלץ נעהענטער איז ער צו פֿאָלקאָמענהיים? אַלע שטאַרקע מענשליכע געפֿיהלען און נייגונגען זיינען דאָך דערנער און שטערונגען אויף דעם וועג פֿון אַ ווירקליכען רעוואָלוציאָנער. אָבער זאָגט מיר נאָר, אַנדריי, וואָס פֿאַר אַ נוצען קען מען האָבען פֿון מענשען, וואָס זיינען ניט פֿעהיג צו בעזיצען מענשליכע געפֿיהלע?"

„איהר מישט צוזאַמען צוויי פֿערשיעדענע זאַכען," האָט אַנדריי נאַכלעסיג געענטפֿערט.

זינאַ האָט געוואָלט עטוואָס ענטפֿערן, אָבער גראַדע אין דער מינוט האָט זיך דערהערט אַן אונגעוויינליכעס קלאַפּען פֿון דרויסען. זיי האָבען זיך צוגעהערט. עס איז ניט געווען קיין קלאַפּען אין טהיר, נאָר דער גערויש פֿון זאַמד און שטיינדלאַך, וואָס אימעצער האָט אַ שאָט געטהאָן אין פֿענסטער.

„דאָס איז געוויס די אַרבייט פֿון אַ אינגעל," האָט זינאַ געזאָגט.

וואָוליטש האָט אָבער דאָך געעפֿענט דאָס פֿענסטער און האָט באַלד מיט פֿריידע אויסגערופֿען:

„דאָס איז וואַסילי!"

זי איז גלייך אַרויסגעלאָפֿען איהם עפֿענען די טהיר, און באַלד האָט ער זיך בעוויזען מיט אַ בינטעל וועש אין איין האַנד און מיט אַ קעסטעל אין דער אַנדער האַנד.

אַנדריי און זינאַ האָבען איהם בעגריסט, אזוי ווי ער וואָלט צוריק געקומען פֿון אַ ווייטע רייזע.

„זעהט איהר, איך האָב אייך געזאָגט, אַז ער וועט קומען אַהער אָהן די בעגלייטונג פֿון דער פּאָליציי!" האָט אַנדריי אויסגערופֿען, געבענדיג זיין פֿריינד אַ קלאַפּ איבער'ן פּלייצע, אַז ער האָט זיך אַ גוטען שאָקעל געטהאָן. „נאָר דערציילט אונז, וואו זייט איהר עס געוועזען די גאַנצע צייט."

„אָה, דאָס איז געווען אַ פֿערפֿלוכטע זאַך!" האָט געענטפֿערט וואַסילי, זיך אַנידערוואַרפֿענדיג אויף אַ שטול. „איך קען קוים גלויבען, אַז איך בין פֿריי.

„זייט איהר דען געווען אַרעסטירט?" האָט וואוליטש געפֿרעגט.

„נאָך ערגער!" האָט וואַסילי געענטפֿערט, אַ מאַך געבענדיג מיט זיין האַנד.

„וואָס? פֿילייכט האָט מען אייך גאָר געפּייניגט?" האָט זינאַ מיט אַ שמייכעל געפֿרעגט.

„נאָך ערגער ווי דאָס, איך פֿערזיכער אייך!"

„וואָס האָט דען מיט אייך אזוינס געטראָפֿען, וואַסקאַ?" האָט זיך אַנדריי ניט געקענט איינהאַלטען צו פֿרעגען. דערציילט אונז אַלעס אין אָרדנונג."

וואַסילי האָט דאַן דערציילט, ווי אַזוי די פּאָליציי איז צו איהם אַריינגעקומען, וואָס זי האָט געפּלאַנעוועט און ווי אַזוי איהם איז געלונגען צו רעטען אַנדריי'ן.

„אָבער וואָרום זייט איהר ניט אָוועקגעגאַנגען מיט מיר צוזאַמען?" האָט אַנדריי געפֿרעגט.

„איך האָב גערעכענט, אַז די זאַך וועט לייכט אַריבערגעהן," האָט וואַסילי געענטפֿערט, קראַצענדיג די פּאָטילניצע אויס געוואָהנהייט.

„גוט, וואָס האָט װײטער פּאַסירט? האָבען זײ נאָר לאַנג גערוואַרט אויף מיר?"

„אָה! ביז אַזײגער אײנס בײנאַכט!" האָט וואַסילי אויסגעשריגען מיט כעס. „די שופּטען האָבען מיר אַרײנגערופען א האַלבע שטונדע נאָכדעם װי איך האָב אײך געזעהן, און איך האָב געמוזט האַלטען קאָמפּאַניע מיט זײ. און קאָמישער. פאַר אַלעם איז געװען, װאָס איך אַלײן האָב זײ אױפגעהאַלטען און זײ געגעבען האָפנונגען, אַז איהר װעט באַלד קומען. . ."

אַ שמײכעל האָט בײ דיזע װערטער בעדעקט וואַסילי'ס עהרליכען און פּראָסטען פּנים. דאָס האָט אָבער לאַנג ניט געדױערט. ער איז באַלד געװאָרען װידער ערנסט.

„ענדליך זײנען זײ דאָך אַװעקגעגאַנגען," האָט וואַסילי װײטער דערצײלט. „איך האָב געמײנט, אַז איך װעל שױן פון זײ פּטור װערען אין גאַנצען. אָבער דער פערפלוכטער קװאַרטאַלני האָט בײ מיר גלײך צוגענומען דיזע האָפנונג. פאַר זײן אַװעקגעהן האָט ער מיר אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל אײך קײן װאָרט ניט זאָגען װעגען זײן װיזיט און אַז מאָרגען װעט ער מיר װײטער בעגליקען מיט זײן בעזוך.

„ער איז געקומען.

„„איז אײער קװאַרטיראַנט צוריקגעקומען?"

„„נײן, װאַשע'סקאָראָדיע!"

„„װאו קען ער זײן?"

„„איך װײס ניט, װאַשע'סקאָראָדיע!"

„איך האָב געמײנט, אַז יעצט װעט ער שױן אַװעקגעהן אויף ניט מעהר צוריקצוקומען. ער האָט זיך אָבער צו מיר אַזוי װי צוגעקלעפּט און האָט זיך ניט געװאָלט אָבטשעפּען.

„„הער נאָר אױס, אַניסים!" האָט ער צו מיר אָנגעהױבען רײדען זעהר פרײנדליך. „איך זעה דאָך, אַז דו ביסט אַן עהרליכער מאַן. איך װעל דיר געבען דרײ רובעל, אױב דו װעסט זײן א מענש. לאָז דאָ איבער דײנע זאַכען און געה זיך דורך אין אַלע שײנקען און גאַסט־הײזער, פיליכט װעסט דו געפינען דײן קװאַרטיראַנט."

„„יאָ, וואַשע'סקאָראָדיע," האָב איך געענטפערט. „אָבער איך מוז היינט אַוועקפאָהרען נאָך פּאָלטאַווע."

„„עה, דאָס מאַכט ניט אויס. דו האָסט נאָך גענוג צייט, און פאַרגעס ניט, אַז דו ויעסט פערדינגען דריי רובעל, ווען דו וועסט אויסגעפינען דעם חברה־מאַן."

„און דאַן האָט ער מיר געזאָגט, ווי איך זאָל מיך בעגעהן, ווען איך וועל אייך אויסגעפינען.

„„ווען דו וועסט איהם בעגעגענען," האָט ער מיר ערקלעהרט, „זאָלסט דו זיך ניט דערשרעקען. זאָג איהם, אַז זיין פּאַס איז אָנגענומען פון דער פּאָליציי. עס וועט איהם פרייען דאָס צו הערען, און ער וועט מיט דיר מיטגעהן. דאַן, אַזוי גיך ווי דו וועסט טרעפען אויף'ן וועג אַ פּאָליציסטען, זאָלסטו דיין קוואַרטיראַנט פּאַקען פאַר'ן קאָלנער און איהם הייסען אַרעסטירען. פערשטעהסט דו?"

„„יאָ, וואַשע'סקאָראָדיע."

„„וועסט דו טהאָן ווי איך זאָג דיר?"

„„געוויס, וואַשע'סקאָראָדיע."

און דער צייט, וואָס וואַסילי האָט דאָס דערציילט, האָט ער זיך פערגעסען, אַז ער שטעהט ניט פאַר דעם קוואַרטאַלני, און האָט מיט אַזאַ ערנסט אויסגעפיהרט זיין ראָלע, אַז די צוהערער האָבען זיך אַ לאַנגע צייט געקייקעלט פאַר געלעכטער.

„מיר האָבען צוזאַמען פערלאָזען דאָס הויז," האָט וואַסילי ווייטער דערצעהלט מיט אַ זעהר צופרידענע מינע, און איך האָב זיך אַ לאָז געטהאָן אין די שיינקען, דען איך האָב מורא געהאַט טאָמער וועט מען מיר נאָכשפּיהרען, אויב איך טהו, וואָס דער קוואַרטאַלני האָט געהייסען. דאַן האָב איך עס בעגעגענט וואַטאַושקאָ'ן, אָבער איך האָב געפונען פאַר ניצליכער מיט איהם ניט צו רײדען.

„אַרום פיער אוהר בין איך געקומען צוריק אויף מיין קוואַטיר. אין אַ האַלבע שטונדע געהט אָב דער צוג נאָך פּאָלטאַווע. דאָס קען זיין אַ גוטער אויסרייד. איך האָב אַלזאָ איינגעפּאַקט מיינע זאַכען און בין אַרויסגעגאַנגען אין גאַס מיט דעם געדאַנק, אייך ווירקליך צו

געפֿינען. איך האָב געמיינט, אַז דער קוואַרטאַלני האָט שוין אין מיר פֿערגעסען. אָבער ניין! דער הונד, אָנגעטהאָן אין צוויל־קליידער, איז געשטאַנען אין אַ ווינקעל און האָט מיר נאָכגעשפּירט. איך האָב קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט, נאָר צו געהן אויף'ן וואָגזאַל. איך האָב גערונגען אַ דראָשקע, און דער קוואַרטאַלני האָט מיר נאָכגעטהאָן. איך האָב זיך געמאַכט, אַז איך האָב איהם גאָר ניט בעמערקט. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט הינטער אַ זייל פֿון וואָגזאַל, ניט ווייט פֿון דער קאַסע. איך האָב רוהיג געוואַרט ביז וואַנען מ'וועט עפֿענען די קאַסע און האָב געקוקט אויף אַלעם אַרום, נאָר ניט אויף דעם קוואַרטאַלני. איך האָב גערעכענט, אַז ער וועט אַוועקגעהן, אָבער ער האָט זיך ניט גענומען ריהרען פֿון אָרט.

„ענדליך האָט זיך די קאַסע געעפֿענט און מ'האָט אָנגעפֿאַנגען צו קויפֿען בילעטען. איך האָב זיך געשטעלט אין דער רייהע לעבען קאַסע. דער קוואַרטאַלני איז אויך אָבגעטראָטען פֿון זיין פּלאַץ און איך האָב געמיינט, אַז אָט, אָט געהט ער שוין אַוועק צום טייוועל, אָבער ער איז נאָר צוגעגאַנגען עטוואָס נעהענטער און האָט ניט אַראָבגעלאָזען פֿון מיר זיינע גנב'ישע אויגען.

„איך האָב ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן. נעהמען אַ בילעט נאָך פּאָלטאַווא האָב איך ניט געקענט, ווייל איך האָב ניט געהאַט גענוג געלד. נעהמען אַ בילעט צו אַ נאָהענטען פּלאַץ און זיך דערנאָך אומקעהרען, האָב איך מורא געהאַט, פֿילייכט דערהערט עס דער קוואַרטאַלני און ער קען האָבען אַ חשד אויף מיר און מיר נאָך פֿילייכט אַרעסטירען.

„אַזוי האָב איך מיר געבראָכען דעם קאָפּ ביז וואַנען איך בין געבליבען שטעהן פּנים צו פּנים מיט דעם קאַסירער. איך האָב אַ וואָרף געטהאָן אַ בליק אָן אַ זייט און האָב דערזעהן דעם קוואַרטאַלני הינטער מיר.

„„אַ בילעט דריטע קלאַסע, פּאָלטאַווא!" האָב איך אויסגערופֿען אויף'ן קול, און האָב גענומען פֿאַנאַנדער שפּיליען מיין וועסטעל, אום אַרויסצונעהמען דאָס געלד פֿון מיין בוזים.

„„מאַך עס שנעל! מענשען וואַרטען דאָך!" האָט דער קאַסירער צו מיר געזאָגט.

„„באַלד, באַלד," האָב איך געענטפערט

„איך האָב אַרויסגעשלעפּט פון בוזים מיין צלם'על און מיין בייטעלע, און באַלד נאָכדעם האָב איך זיך אַ חאַפּ געטהאָן פאַר די האָר און האָב אָנגעפאַנגען צו וויינען אויף'ן קול:

„„פּראַוואָסלאַווּנע ברידער! גוטע מענשען! מי האָט מיך בע'גנב'עט, בערויבט! מיין לעצטע געלד האָט מען ביי מיר צוגענומען!"

„און מיט די קולות בין איך אַוועקגעלאָפען פון דער קאַסע, אַזוי ווי אַ משוגע'נער.

„אַ גאַנצע מאַסע פון מענשען האָט זיך אַרום מיר פערזאַמעלט. מיט טרערען אין די אויגען האָב איך זיי דערציילט, ווי אַזוי איך האָב גענומען אַ קוואַרטיראַנט, ווי איך האָב שווער און ביטער געאַרבייט ביז וואנען איך האָב צונויפגעקליבען די 25 רובעל, און יעצט האָט ביי מיר דיזער פערפלוכטער קוואַרטיראַנט אַוועק גע'גנב'עט מיין גאַנצען פערמעגען.

„אמת'ע טרערען האָבען זיך געגאָסען פון מיינע אויגען, און איך האָב זיי אַלץ געווישט מיט דער פאָלע און מיט די אַרבעל פון מיין ראָק. און ווען איך האָב געזעהן, אַז מיינע צוהערער זיינען זעהר גערירט געוואָרען פון מיין ערצעהלונג, האָב איך אָבגעווישט מיינע לעצטע טרערען, האָב אַ נעהם געטהאָן מיין פעקעל זאַכען און איך בין שנעל אַרויסגעגאַנגען פון וואַגזאַל אין גאַס, וואו איך האָב זיך באַלד אַריינגעזעצט אין אַ דראָשקע."

„און דער קוואַרטאַלני? וואו איז ער אַהינגעקומען?" האָט וואָליטש געפרעגט.

„ער איז פערשוואונדען געוואָרען. די מעשה מיט דער גניבה האָט איהם וואַהרשיינליך בערוהיגט, אַז ער האָט דאָ ניט צו טהאָן מיט ניהיליסטען, און ער האָט אויפגעגעבען די אַרבייט נאָכצושפּירען. איך בין דעם גאַנצען אָבענד אַרומגעגאַנגען און האָב קיינעם ניט געזעהן מיר נאָכגעהן. יעצט בין איך אין גאַנצען פּטור געוואָרען פון איהם."

„ווער ווייס," האָט זינאַ בעמערקט מיט אַ שמייכעל. „פיליכט איז ער אַוועק געגאַנגען אַהיים צו שרייבען אַ ראַפּאָרט וועגען דער פערדאָרבענהייט פון די רעוואָלוציאָנערן, וועלכע נאַרען אָפּ פראָסטע אַרבייטער און בע'גנב'ענען זיי."

„אָבער וואַסילי," האָט זיך אַנדריי אָבגערופען. „פאַר וואָס זייט איהר ניט געקומען אַהער, ווען דער קוואַרטאַלני האָט אייך געשיקט אין די שיינקען מיך זוכען אַט דאָס קען איך אויף קיין אופן ניט פערשטעהן. איהר וואָלט דאָך געוויס געקענט אויסמיידען אַ שפּיאָן, ווען ער וואָלט אייך נאָכגעגאַנגען."

וואַסילי האָט אויפגעצויגען מיט די אַקסלען, אַזוי ווי ער וואָלט ניט געקענט פערשטעהן, ווי אַזוי פרעגט דאָס גאָר אַנדריי אַזאַ מאָדנע פראַגע.

„און מיינע זאַכען, וואָס איך האָב איבערגעלאָזט אין דער היים?" האָט ער געזאָגט.

אַנדריי האָט אַרויסגעשאָס'ן מיט אַ שטאַרקען געלעכטער און האָט געזאָגט צו די פרויען:

„יעצט קומט זעהן, וואָס פאַר אוצרות אונזער וואַסקאַ האָט געראַטעוועט פון'ם טיגער'ס נעגעל!"

אָבער וואַסילי איז צוגעלאָפען, האָט אַרויסגעכאַפּט פון אַנדריי'ס הענד דאָס קעסטעל און האָט זיך דערויף אנידערגעזעצט. ער האָט ניט געוואָלט די פרויען זאָלען זעהן זיינע וועש און אַנדערע קלייניגקייטען וואָס זיינען צוזאַמען ווערט געווען אַ פאָר רובעל.

אויף מאָרגען איז אַנדריי געפאָהרען נאָך פעטערבורג, מיט אַן אויפטראַג פון זינאַ'ן צו קלייבען געלד פאַר'ן נייעם פּלאַן צו בעפרייען באָריס'ן. וואַסילי איז געבליבען מיט זינאַ'ן אין דובראַווניק.

XV.

אנדריי און טאניא.

אַנדריי איז אויפגענומען געוואָרען פון זיינע קאַמעראַדען אין פעטערבורג מיט גרויס פריידע און בעגייסטערונג. אַלע האָבען זיך ניט געקענט אָבוואונדערן פון זיין מוטה און געשיקטקייט, וואָס ער האָט בעוויזען ביי דעם אָנפאַל אויף די זשאַנדאַרען אין דובראַוואניק, חאָטש איהם האָט דאָך ניט געלונגען צו בעפרייען באָרים'ן.

מעהר פון אַלעמען האָט זיך מיט איהם געפרייט טאַניאַ, די שיינע טאָכטער פון דעם בעריהמטען אַדוואָקאַט ריעפין.

זי האָט פערלאָזען דאָס רייכע הויז פון איהר גוטען פאָטער, וואו זי האָט געקענט לעבען אין אַלע תענוגים, וואָס רייכטהום און אַן אַריסטאָקראַטישע געזעלשאַפט פערשאַפען. איהרע געדאַנקען און שטרעבונגען זיינען שוין לאַנג געווען ווייט דערפון, און ענדליך האָט זי זיך אויך ענטשלאָסען אַריינצוטרעטען אין די רייהען פון די קעמפפענדע ניהיליסטען און לעבען ווי זיי, אין אַרמוטה און שטענדיגע געפאַהר.

נאָך זייענדיג אין דובראַוואניק האָט אַנדריי געגעבען זיין שטימע, אַז מי קען איהר אָננעהמען פאַר אַ מיטגליעד פון דער טעראָריסטישער פאַרטיי, און ווי ער איז נאָר געקומען אין פעטערבורג, האָט ער זיך נאָכגעפרעגט מיט גרויס נייגיריגקייט, וואָס זי טהוט און וואָס מי האַלט פון איהר.

ער האָט זיך איינגעהאַלטען און איז איהר ניט געגאַנגען זעהן. ער האָט אַבזיכטליך גענומען אַ קוואַרטיר אין אַ וואייטען טהייל פון שטאָט און האָט געזוכט אויסצומיידען יעדע בעגעגענים מיט איהר. וואָצו איהר זעהן און ליידען פון איהר גלייכגילטיגקייט צו איהם? ער איז געוועזן זיכער, אַז זי ליעבט דשאָרדזש'ן, דעם פיינעם רעדנער און פייערדיגען פאָעט. ער האָט זיי דאַרום ניט געוואָלט שטערען אין זייער ליעבע.

איהם איז גאָר ניט איינגעפֿאַלען, אַז ער, דער איינפֿאַכער טרייער און שטרענגער קעמפּפער פֿון דער רעוואָלוציאָן, אָהן אַ שום אויסערן גלאַנץ, וואָס ציהט געוויינליך צו פֿרויען, ער זאָל קענען פֿערנעהמען טאַניאַ'ס האַרץ אָנשטאָט דעם טאַלאַנטפֿאָלען דזשאָרדזש, וועלכער איז געווען דער ליעבלינג פֿון אַלע שטודענטען און שטודענטקעס. דאָך האָט טאַניאַ געליעבט אַנדריי'ן כמעט פֿון דער ערשטער צייט, וואָס זי האָט זיך מיט איהם בעגעגענט. זי האָט איהם ליעב געקראָגען גראַדע דערפֿאַר וואָס ער איז אַזוי איינפֿאַך אין זיין ריידען און האַנדלען, אַזוי טריי דער אידעע און אַזוי העלדיש אין קאַמפּף. מיט דעם פֿאָרגעפֿיהל פֿון פֿרויען האָט זי גלייך דערשפּירט אַ העלדישען גייסט און אַ היים האַרץ אונטער זיין קאַלטען און שטרענגען אויסזעהן.

צווישען טאַניאַ'ן און דשזאָ-דזש'ן איז די גאַנצע צייט געווען אַזאַ שטאַרקע פֿריינדשאַפֿט, אַז וייערע אַלגעמיינע בעקאַנטע האָבען ניט אַנדערס געדינקט, אַז זיי זיינען פֿערליעבט. אַזוי האָט אויך געמיינט אַנדריי, און דאָס האָט איהם געדריקט זיין האַרץ, חאָטש ער איז געווען דער בעסטער פֿריינד פֿון דזשאָרדזש'ן און האָט אַליין צוגעגעבען, אַז דזשאָרדזש פּאַסט בעסער פֿאַר טאַניאַ'ן, ווי ער. זי פֿון איהר זייט האָט גערעכענט, אַז אַנדריי איז אַזוי אָבגעגעבען מיט לייב און זעעלע דער בעוועגונג, אַז ער קען גאָר גיט דיינקען וועגען פֿרויען-ליעבע. זי האָט געזעהן, אַז ער בענעהמט זיך מיט איהר, ווי מיט אַ געוויינליכען פֿריינד און האָט גאָר ניט גערעכענט, אַז ער איז אין איהר אַזוי שטאַרק פֿערליעבט.

אַזוי איז עס אויסגעקומען, אַז די ביידע געליעבטע האָבען זיך ניט פֿערשטאַנען, און ביידע האָבען דערפֿון אַ לאַנגע צייט געליטען.

אויסער די פֿאָרבערייטונגען צו דער בעפֿרייאונג פֿון באָריס, וואָס ער האָט געהאַט דורכצופֿיהרען, האָט ער זיך פֿערנומען מיט זיין אַלטער בעליעבטער בעשעפֿטיגונג: געבען אונטעררִיכט צו אַרבייטער. אַזוי ווי טאַניאַ האָט זיך אויך אָנגעפֿאַנגען דאַמיט צו בעשעפֿטיגען, האָט ער זיך אַ פּאָר וואָכען נאָך זיין קומען צוזאַמענגעטראָפֿען מיט איהר אויף אַ פֿערזאַמלונג פֿון אַרבייטער לעהרער. אַזעלכע פֿערזאַמלונגען פֿלעגען

שטאַטפֿינדען פֿון צייט צו צייט, אום בעסער און רעגעלמעסיגער צו צוטהיילען די אַרבייט צווישען זיך, און אויסהערען, וואָס יעדער איינער האָט אויפֿגעטהאָן און וואָס עס בלייבט איהם צו טהאָן.

אויף דער פֿערזאַמלונג איז עס גראַדע אויסגעקומען, אַז מי האָט פֿאָרגעשלאָגען אַנדריי'ן, אַלס אַן ערפֿאַהרענעם לעהרער, ער זאָל העלפֿען די יונגע טאַניאַ אין איהר קוואַרטאַל, וואו עס זיינען געווען אַ סך אַרבייטער צום לערנען. ער האָט עס מיט פֿריידע אָנגענומען, האָטש ער האָט זיך אַליין געקליבען זיך צו ענטזאַגען דערפֿון, ער האָט אין דערזעלבער צייט אַ מורא געהאַט אָפֿט צוזאַמען צו זיין מיט טאַניאַ'ן; אַז ער האָט זיך געפֿרייט דערמיט דאָס זעלבע האָט מען אויך געקענט זאָגען וועגען איהר.

פֿון דער צייט אָן פֿלעגען זיי זיך זעהן כמעט יעדען טאָג. זיי האָבען נאָר גערעדט וועגען די נייטיגסטע זאַכען אין זייער פּראָפּאַגאַנדאַ צווישען אַרבייטער און האָבען אויסגעמיידט צו פֿערקריכען אין אַ געשפּרעך, וואָס זאָל זיי אַרויפֿפֿיהרען אויף זייער הערצענס-אַנגעלעגענהייט טאַניאַ האָט זיך אַרויסגעצייגט צו זיין אַ זעהר גוטע און אַנציהענדע לעהרערין, און אַנדריי איז וואָס וויטער אַלץ מעהר ענטציקט געוואָרען פֿון איהר. ער האָט אָבער זיינע געפֿיהלען געזוכט צו בעהאַלטען אין די טיעפֿסטע ווינקעלאַך פֿון זיין האַרצען.

לאַנג אָבער האָט עס נאַטירליך ניט געקענט אַזוי קאַלט אָנגעהן. די ליעבעס-פֿלאַמען, וואָס האָבען שטילערהייט געברענט אין זייערע הערצער, האָבען ענדליך געמוזט דורכברעכען דעם אייז, מיט וועלכען זיי האָבען זיך אַרומגערינגעלט.

איין מאָל, ווען זיי זיינען זיך געזעסען און געוואַרט אויף זייערע שילער, האָט טאַניא איהם דערציילט, אַז זי וועט אין גיכען פֿאָהרען מיט דזשאָרדזש'ן נאָך מאָסקוואַ וועגען געוויסע פּאַרטיי אַנגעלעגענהייטען. דאָס האָט איהם זעהר אויפֿגעבראַכט געגען זיין אייגענעם ווילען. ער איז געוואָרען שטאַרק אייפֿערזיכטיג און האָט אָנגעהויבען צו קריטיקירען די רייזע מיט אַזאַ לעבערליכען טאָן, אַז זי איז אויפֿגעשפּרונגען פֿון אָרט און האָט געפֿרעגט מיט אַ ציטערענדע שטימע:

„אַנדריי, ערקלעהרט מיר, וואַרום האָט איהר זיך די לעצטע צייט אַזוי געביטען צו מיר? אויב איהר געפינט עטוואָס שלעכטעס אין מיר, פאַר וואָס זאָגט איהר מיר עס ניט אָפען, אויף אַ ברידערליכע ארט, אַזוי ווי איהר פלעגט דאָס פריהער טהאָן? און אויב איהר קענט דאָס ניט טהאָן, וואַרום זשע זאָלען מיר זיך שטערן איינער דעם אַנדערן? איז עס ניט בעסער, אַז מיר זאָלען זיך פאַנאַנדער געהן אין גאַנצען."

„אַנדריי איז גלייך בלייך געוואָרען ווי אַ מת און האָט מיט אַ קוים הערבאַרע שטימע געענטפערט:

„איך וואָלט אייך וועלען לאָזען אַליין. עס וואָלט מיר פיעל בעסער געוועזן, ווען איך וואָלט אייך גאָר קיין מאָל ניט געזעהן. . ."

„פאַר וואָס? וואָס האָב איך אייך. . . ."

די ווערטער האָבען זיך איהר געשטעלט אין האַלז און זי איז געבליבען שטעהן, קוקענדיג אויף איהם מיט אַ בליק, וואָס האָט אַזוי ווי געוואָרט אויף אַ ליעבע ערקלעהרונג.

„זייט איהר דען בלינד, טאַניאַ?" האָט אַנדריי אויסגערופען מיט אַ פעסטער שטימע. „זעהט איהר דען ניט, אַז איך ליעב אייך אַזוי שטאַרק, אַזוי הייס?"

ער האָט איפגעהויבען זיינע אויגען צו בעטראַכטען, וואָס פאַר אַן איינדרוק זיינע ווערטער האָבען געמאַכט אויף איהר, און ער האָט מיט פריידע דערזעהן, ווי זי האָט אויסגעשטרעקט צו איהם איהרע הענד און האָט זיך צו איהם אַ וואָרף געטהאָן. באַלד האָט ער דערפילט איהרע הענד אַרום זיין האַלז און האָט דערהערט איהר געוויין פון פריידע.

„טאַניאַ, טהייערע! איז עס מעגליך? איהר ליעבט מיך?" האָט ער מיט אַ ציטערענדער שטימע אויסגערופען.

זי האָט זיך נאָך מעהר צוגעטוליעט צו איהם.

„איהר האָט מיר אָנגעמאַכט אַזוי פיעל האַרץ-קלעמענים," האָט זי שטילערהייט געזאָגט.

ער האָט איהר אַרומגענומען און האָט געזאָגט:

„פערצייהט מיר, ליעבע טאַניאַ! איך האָב אַליין אויך שרעקליך געליטען. . . אָבער יעצט איז אַלעס פאָריבער! יעצט וועלען מיר זיין גליקליך. . ."

ער האָט איהר געקוקט גלייך אין די אויגען. ער האָט געוואָרט אויף אַ גענויערע ערקלעהרונג פון איהר. ער האָט געוואָלט וויסען, ווי אַזוי זי האָט איהם אָנגעפאַנגען צו ליעבען. ער האָט געוואָלט זיין זיכער.

„איך האָב געמיינט, אַז איהר האָט ליעב דזשאָרדזש'ן," האָט ער מיט אַ שמייכעל געזאָגט.

„דזשאָרדזש איז דער בעסטער מענש, וואָס איך קען — בעסער פאַר אייך אפילו," האָט זי געזאָגט. „אָבער זייט יענעם אָבענד, ווען איך האָב אייך צום ערשטען מאָל געזעהן ביי אונז אין הויז האָט איהר געוואונען מיין האַרץ. און עס איז וואָס אַמאָל ווייטער אַלץ געוואָרען שטאַרקער. . . פאַר וואָס ווייס איך אַליין ניט."

„ווי עס איז שוין," האָט ער געזאָגט, „אַבי עס האָט זיך אַזוי אויסגעלאָזט. יעצט זיינען מיר גליקליך!"

גליקליך! דיזער וואָרט איז ניט געשאַפען געוואָרען פאַר רוסישע רעוואָלוציאָנערען. אַנדריי האָט פערגעסען אין דער מינוט אָן דעם תליון'ס שטריק, וואָס קען צו יעדער צייט אַרומגעדרעהט ווערען אַרום זיין האַלז. ליעבע מאַכט אַלע צו ות פערגעסען, און אין דער ערשטער צייט נאָך זייער ליעבעס-ערקלעהרונג זיינען זיי ווירקליך געווען גליקליך אַזוי ווי צוויי יונגע טייבעלאַך, וואָס האָבען וועגען גאָר ניט צו זאָרגען.

זיי האָבען זיך געדונגען אַ פאָר צימערן אין דער אומגעגענד פון פעטערבורג און האָבען זיך געלעבט רוהיג און גליקליך. ווי עס איז זיי נאָר מעגליך געווען. זייער ליעבע האָט זיי ניט געשטערט אָבצוגעבען אַזוי פיעל צייט ווי פריהער פאַר זייערע אַרבייטער-שילער. וועלכע זיינען אַלץ שטאַרקער געוואָרען אין צאָהל.

דזשאָרדזש, וועלכער האָט נאָך פריהער געוואוסט, אַז טאַניאַ ליעבט אַנדריי'ן האָט געהאט גענוג ערעלמוטה צו בעגריסען זיין אַלטען פריינד מיט אַזאַ ווארימקייט און צופרידענהייט, אַז אַנדריי איז דערפון

זעהר גע־יהרט און ענטצקיט געוואָרען, דען ער האָט געפֿיהלט, אַז ער וואָלט ניט געקענט זיין אַזוי ערדעלמוטהיג, ווען טאַניאַ ו‏אָלט געוואָרען דושאָ־דזש'ס פֿרוי.

אַנדריי'ס גליקליבעס און רוהיגעס לעבען מיט טאַניאַ'ן האָט אָבער לאַנג ניט געדויערט. אין אַן אָבענד, צוויי מאָנאַט שפּעטער, איז מען געקומען ווידער אַרויסרופֿען אַנדריי'ן צום ביטערען קאַמפּף מיט דער רוסישער טיראַניי.

דער שליח איז געוועזן וואַטאַזשקאַ, וועלכער איז נאָר וואָס געקומען פֿון דובראַיזניק, מיט דער בשורה, אַז זינאַ און וואַסילי זיינען אַרעסטירט געוואָרען דאָרט, נאָך אַ קאַמפּף מיט דער פּאָליציי, און וועלכען אַננאַ וואָלישש איז דערשאָסען געוואָרען אויף טויט.

וואַטאַזשקאַ האָט דערצעהלט אַנדריי'ן די גאַנצע געשיכטע. די פּאָליציי האָט געקראָגען צו וויסען וועגען זי אַ'ן און וואַסילי'ן. דאָס איז וואַהרשיינליך געוועזן אַ דאָנאָס פֿון אַ פֿעררעטהער. די פּאָליציי האָט אַלזאָ געוואָלט זיך אַריינ'גנב'ענען אין זינאַ'ס הויז אין מיטען נאַכט. דאָס וואָלט איהר געווים געלונגען, ווען וואָלישש וואָלט ניט געהאַלטען אין לעזען אַ בוך אין דער צייט. זי האָט זיך צוגעהערט צו דעם פֿערדעכטיגען שטילען גערויש, און ווען זי האָט דערזעהן, אַז די זשאַנדאַרען האָבען שוין מיט אַ פֿאַלשען שליסעל געעפֿענט די טהיר, האָט זי גלייך אויסגעשאָסען. די זשאַנדאַרען האָבען זיך דערויף גאָר ניט געריכט און זיינען שנעל אָבגעטראָטען צוריק, אום אַ־ויסצוגעהמען זייערע רעוואָלווערן. די העלדישע מיידעל האָט אויף זיי ניט אויפֿגעהערט צו שיסען, ביז אַ זשאַנדאַרמסקער קויל האָט איהר געטראָפֿען אין קאָפּ. זי איז געפֿאַלען טויט גראַדע אין דעם מאָמענט, ווען וואַסילי איז איהר געקומען צו הילפֿע.

„וואָס פֿאַר אַ העלדין אָט דאָס קליינע מיידעל איז געוועזן, און וואָס פֿאַר אַ גוטער טויט דאָס איז פֿאַר אַ רעוואָלוציאָנער!" האָט אַנדריי ניט ווילענדיג אויסגערופֿען.

„וואַסילי און זינאַ," האָט וואַטאַזשקאָ פֿאָרטגעזעצט, „האָבען געמאַכט אַ פּראָבע דורכצוברעכען אַ וועג מיט זייערע רעוואָלווערס. עס איז

אָבער געווען אונמעגליך, דען אַ גאַנצע מחנה פֿון זשאַנדאַרען און פּאָליציכטען זיינען געשטאַנען אונטען. זעהענדיג, אַז זיי וועלען דאָס ניט אויפפּיה־ען האָבען זיי זיך אומגעקעהרט צוריק אין די אונטערסטע צימערן פֿון הויז. האָבען פֿערקלאַפּט די טהירען און פֿערשטעלט דעם אַריינגאַנג און האָבען אָנגעפֿאַנגען צו פֿערברענען אַלע פּאַפּיערען און דאָקומענטען, וואָס וואָלטען געווען פֿאַר דער פּאָליציי אַ גרויסע געווינס. זיי האָבען זיך געהאַלטען אַ האַלבע שעה געגען דעם אָנפֿאַל פֿון די זשאַנדאַרען, און ווען זיי האָבען שוין געהאַט אויסגעשאָסען אַלע זייערע קוילען, האָבען זיי זיך אונטערגעגעבען.״

וואַטאַושקאָ האָט איהך מיטגעטהיילט, אַז מי רעכענט, באָריס׳ס פּראָצעס זאָל פֿאָרקומען אין אַ צוויי וואָכען־אַרום און עס איז גאָר קיין צווייפֿעל ניט, אז זינאַ און וואַסילי וועלען צוגעטשעפּעט ווערען צו דיזען פּראָצעס.

„עס קען גאָר קיין ספק ניט זיין, אַז אַלע דריי וועלען געהאַנגען ווערען,״ האָט ער אויסגערופֿען. „אָבער דאָס טהאָר ניט זיין! מיר טהאָרען ניט צולאָזען אַזאַ נידערטרעכטיגען פֿערברעכען! מיר מוזען זיי בעפֿרייען מיט געוואַלד!״

ער איז געווען שרעקליך אויפגערעגט און איז אַרומגעלאָפֿען איבער׳ן צימער עטליכע מאָל. פּלוצלינג איז ער געבליבען שטעהן לעבען אַנדריי׳ן.

„מיר האָבען בעשלאָסען,״ האָט ער געזאָגט, „אַז פֿאַר אַזאַ וויכטיגע אונטערנעהמונג מוזען מיר האָבען אַ ריכטיגען פֿיהרער, צו וועלכען מיר זאָלען האָבען פֿולען צוטרויען. און מיר האָבען איהך אויסגעקליבען, אַנדריי! איך בין געשיקט געוואָרען צו איהך פֿון אונזערע קאַמעראַדען אין דובראַוניק, וועלכע פֿערלאַנגען אַלע, אַז איהר זאָלט זיי אָנפֿיהרען אין דעם קאַמפּף.״

„האָט איהר זיך גוט איבערלייגט?״ האָט אַנדריי געפֿרעגט מיט אַן ערנסטע און שטרענגע שטימע. „איך האָב נאָך קיין מאָל ניט אָנגעפֿיהרט אַליין אַזעלכע אַטאַקען, און דיזע וועט זיין אַ זעהר וויכטיגע און סעריעזע.״

„מיר וואָלטען ניט געקענט האָבען אַ בעסערן פיהרער פון אייך, ווען מיר זאָלען איהם אפילו עקסטראַ לאָזען מאַכען צו דיזען צוועק,“ האָט וואַטאַזשקאָ מיט היץ געענטפערט.

„גוט, אויב איהר פערלאַנגט עס פון מיר, נעהם איך עס אָן,“ האָט אַנדריי איינפאַך געזאָגט. „איך בין בערייט צו טהאָן פאַר אונזער הייליגער זאַך, וואָס איך קען נאָר!“

„איך האָב זיי געזאָגט אַזוי, איך בין געווען זיכער, אַז איהר וועט אָננעהמען אונזער פאָרשלאַג,“ האָט וואַטאַזשקאָ אויסגערופען, דריקענדיג אַנדריי'ס האַנד מיט אַ מאָדנע וואַרימקייט. „אָבער אונזער מיינונג איז, איהר זאָלט זיך ניט איילען אַזוי גיך צו קומען נאָך דובראַווניק. איהר קענט בלייבען דאָ ביז וואַנען מיר וועלען אייך דאַרפען. אַלע פאָרבערייטונגען וועלען דערווייל געמאַכט ווערען.“

אָט אַזוי האָט אַנדריי מיט אַמאָל געמוזט אויפגעבען זיין רוהיג לעבען מיט טאַניאַ'ן און זיך אַריינלאָזען ווידער אַמאָל אין'ם שטראָם פון דעם שטירמישען, רעוואָלוציאָנערן קאַמפף.

XVI.

דער פּראַצעס.

אין דעם טאָג, ווען עס האָט זיך אָנגעפאַנגען דער פּראָצעס פון באָרים, זינאַ און וואַסילי, צוזאַמען מיט נאָך דריי רעוואָלוציאָנערן, וועלכע זיינען ניט לאַנג אַרעסטירט געוואָרען, אין דעם מיליטער-געריכט פון דובראַווניק, זיינען צוויי מענשען געזעסען אין אַ הויז הינטער דער שטאָט און האָבען אַרויסגעקוקט מיט אונגעדולד אויף אַ פריינד, וואָס האָט זיי געדאַרפט ברייגנען נייעס.

די צוויי זיינען געווען אַנדריי און וואַטאַזשקאָ.

די נאַכט האָט זיך לאַנגזאַם אַריינגערוקט. עס האָט אָנגעהויבען צו ווערען פינסטער. דער מאַן, וועלכער האָט געזאָלט קומען מיט אַ בעריכט פון'ם פּראָצעס, האָט שוין בעראַרפט דאָ לאַנג זיין. אַנדריי און וואַטאַזשקאָ האָבען אָנגעהויבען צו ווערען שטאַרק אונרוהיג, דען זיי האָבען געוואוסט, אַז זייער פריינד איז אימער פּינקטליך, און דאָ איז שוין, נאָך זייער רעכנונג נאָך, דריי שטונדען, זייט דאָס געריכט האָט זיך געשלאָסען, און ער איז נאָך ניטאָ.

וואַטאַזשקאָ איז געוואָרען אַזוי אונגעדולדיג, אַז ער האָט שוין מעהר ניט געקענט וואַרטען און האָט זיך געקליבען אַרויסגעהן, זיך נאָכפרעגען וואָס דאָס זאָל בעדייטען. פּלוצלינג אָבער האָט זיך אין דער שטילער גאַס געלאָזט הערען דער גערויש פון אַ דראָשקע, וואָס איז באַלד צוגעפאָהרען צו זייער הויז. אַ שטאַרקער מאַן פון הויכען געוואוקס, מיט אַ לאַנגער, שוואַרצער באָרד, איז אַרויסגעשפּרונגען אין גרויס איילענים.

„וואָס פאַר אַ נייעס האָט איהר אונז געבראַכט? דערציילט אונז שנעל!" האָט אַנדריי אויסגערופען, גלייך ווי דער מאַן איז אַריינגעקומען.

„באַלד, באַלד! לאָזט מיר אָבחאַפּען דעם אָטהעם. איבערהויפּט, קיין אונגעוועהנליכעס האָט ניט געטראָפען," האָט געענטפערט דער מאַן, עטוואָס שטאַמלענדיג ביים ריידען.

צווישען זיינע קאַמעראַרען האָט מען איהם דערפאַר גערופען מיט דעם נאָמען „זאַאיקאַ" (שטאַמלער), און מיט דיזען צונאָמען וועלען מיר איהם אויך רופען.

ער האָט זיך אַנידערגעזעצט, האָט אָבגעווישט דעם שוויים פון זיין גרויסען שטערן, האָט זיך אַרומגעקוקט מיט זיינע קלוגע, סאַרע אויגען און האָט אָנגעפאַנגען דערציילען אַלעס, וואָס ער האָט ערפאַהרען פון זיין אַריסטאָקראַטישער קווינע, וועלכע האָט מיט גרויס מיהע בעקומען אַן ערלויבנים צו זיין אויף'ן פּראָצעס.

די ריכטער, האָט ער דערציילט, זיינען אויסגעקליבען פון די ערגסטע און געמיינסטע דיענער פון טיראַניי. עס איז ניט צו האָפען אַז זיי וועלען צייגען דעם מינדעסטען צייכען פון מענשליכקייט צו די

אָנגעקלאָגטע. פֿון אַלע רוסישע מיליטער-געריכטען, וואָס האָבען ביז אַהער פֿעראורטהיילט ניהיליסטען, איז דיזער געריכט דער ערגסטער און שענדליכסטער. די גרויסע פֿאָרזיכטס-מיטעל, וואָס די רעגירונג האָט אָנגענומען צו בעשיצען דעם געריכטס-זאַל און די גאַסען אַרום פֿון אַ ניהיליסטישען אָנפֿאַל, בעווייזען, אַז די פּאָליציי ערוואַרטעט זאָ עטוואס. דער פּראָקוראָר איז דער געמיינסטער פֿון אַלע רוסישע פּראָקוראָרען, און זיין אַנקלאַגס-רעדע האָט ער זיך ניט געשעמט צו פֿאָדערן דעם טויט פֿאַר אַלע בעשולדיגטע, חאָטש באָטשאַראָוו און די צוויי שוועסטער דודאָראָוו זייען נאָר אַרעסטירט געוואָרען, ווייל זיי זיינען געווען בעקאַנט מיט זינאַ'ן.

„איז עס מעגליך?“ האָט וואַטאַזשקאָ מיט היץ אויסגערופֿען.

„וואָס פֿאַר בעווייזע האָט דער נידערטרעכטיגער פּראָקוראָר געגען דיזע אונשולדיגע מענשען?“

„קיין זאַך ניט, אויסער דער אונטערהאַלט אין וואַלד, וואו דער פֿעררעטהער מיראָנאָוו איז אויך געווען. באָטשאַראָוו און די דודאָראָווס האָבען צוגעגעבען, אַז זיי זיינען דאָרט געווען. פֿון וואַסילי האָט מען קיין וואָרט ניט געקענט אַרויסרייסען — ער איז געווען אַזוי ווי אַ שטומער. אָבער מיראָנאָוו האָט בעשטימט געזאָגט, אַז זיי זיינען געווען אויף דעם אונטערהאַלט, צוזאַמען מיט אַנדריי'ן, וואַסילי'ן און וואָוליטש. אויסער דעם האָט דער דוואָרניק פֿון דעם הויז, וואו די דודאָראָווס האָבען געוואוינט, דערקענט די פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון וואָוליטש און האָט אָנגעגעבען, אַז וואָוליטש איז געווען אַן אָפֿטער גאַסט ביי די דודאָראָווס. דאָס איז אַלעס, וואָס די בעשולדיגונג האָט אויסגעפֿונען געגען זיי, אָבער פֿאַר דעם פּראָקוראָר איז דאָס גאַנץ גענוג אַלעמען צו בעשולדיגען אין אַ פֿערשווערונג געגען דער רעגירונג, און דאָס מיינט טויט. . . .“

„אָבער זאָגט מיר, ווי אַזוי האַלטען זיך די אָנגעקלאָגטע?“ האָט אַנדריי געפֿרעגט, נאָך עטליכע מינוטען פֿון טרויעריגען שווייגען.

„מיין קוזינע זאָגט, אַז זיי זיינען אַזוי בעשעפֿטיגט געווען מיט'ן ריידען איינער מיט דעם אַנדערען, נאָכדעם ווי זיי האָבען זיך ניט

געזעהן די גאַנצע צייט, זייענדיג אָבגעטהיילט אין בעזונדערע קעמערלאַך אין געפענגניס, דאָס זיי האָבען כמעט גאָר ניט געהערט, וואָס דער פּראָקוראָר האָט אויף זיי אָנגערעדט. נאָר איין פּונקט האָט זיי שטאַרק אויפגעבראַכט און זיי האָבען דאַרום געמאַכט אַ גרויסען גערודער אין געריכטס־זאַל.”

דער זאַאיקאַ האָט ניט געקענט איבערגעבען גענוי, וואָס דאָרט איז געשעהן, ווייל זיין קווינע האָט זיך געשעהמט איהם אַלעס צו דערצייילען. אָבער פון דעם וואָס זי האָט געזאָגט, האָט ער געקענט אַרויסנעהמען, אַז דער פּראָקוראָר האָט געזוכט צו שענדען און צו בעליידיגען די אָנגעקלאָגטע פרויען אין זייער פרויען־עהרע אויף דער נידערטרעכטיגסטער אַרט.

„אַה, די שופטען!” האָט וואַטאַזשקאָ אויסגעשריגען מיט אַ שרעקליכען כעס. „איך וואָלט וועלען, אַז די באַנדיטען זאָלען זיין ניט ווייט פון מיר, אום איך זאָל זיי קענען מכבד זיין מיט איינע פון אונזערע באָמבעס.”

„קאָכט זיך ניט אַזוי, מיין יונגער פריינד!” האָט דער זאַאיקאַ געזאָגט, קוקענדיג אויף וואַטאַזשקאָ׳ן, ווי אויף אַ קינד. „האָט איהר דען ערוואַרטעט, אַז דיזע נידערטרעכטיגע קאַנאַליעס זאָלען זיך בעגעהן ווי אַנשטענדיגע לייט?”

„ניין; אָבער אזעלכע זאַכען מאַכען ניט ווילענדיג קאָכען דאָס בלוט,” האָט וואַטאַזשקאָ געענטפערט. „אפילו ווען קצבים שלעפען אַ בהמה אין שלאַכט הויז, וואַרפען זיי ניט קיין בלאָטע אויף איהר קאָפּ.”

„ווי אַזוי קענט איהר ערוואַרטען, אַז די טרייע הינט פון דעם צ אַ ר זאָלען האָבען די מענשליכקייט פון אַ קצב?” האָט אַנדריי בעמערקט. „אַחוץ דעם, ווער זאָגט, וואָס אַזעלכע נידערטרעכטיגע נפשות זאָגען אָדער זאָגען ניט? זיי וואָלטען גערופען זייערע אייגענע מאַמעס „הוררען”, ווען מי וואָלט זיי נאָר געגנוג בעצאָהלט דערפאַר.”

„אָבער מיר גלויבט זיך ניט, אַז אַלע זעכס זאָלען פעראורטהיילט ווערען צום טויט. דריי פון זיי האָבען דאָך כמעט גאָר ניט געטהאָן,” האָט וואַטאַזשקאָ זיך געטרייסט.

„איהר זייט נאָך זעהר נאַיוו און פראָסט, מיין יונגער פריינד,״ האָט דער זאַאיקאַ געענטפערט מיט א בייסענדען שמייכעל, קוקענדיג מיט אַ געוויסע פעראַכטונג אויף וואַטאַזשקאַ׳ן, דערפאַר וואס ער האָט נאָך געקענט האָפען אויף א שטיקעל מענשליכקייט פון דער רוסישער רעגירונג.

ער, דער אַלטער קעמפפער, ער האָט שוין אַזעלכע קינדערשע האָפנונגען לאַנג פערלאָרען. זיין ווייב, וועלכע האָט אויך קיין זאַך ניט געטהאָן געגען דער רעגירונג, איז אַוועקגעריסען מיט געוואלד פון איהם. יאָהרען לאַנג האָט מען איהר געהאַלטען אין געפענגניסע, ביז זי איז אַראָפ פון זינען, און אין אַן אָנפאַל פון משוגעת האָט זי זיך איבערגעשניטען דעם האַלז מיט אַ שטיקעל פון אַ צובראָכענע גלאָז.

„יאַ, איהר האָט רעכט,״ האָט אַנדריי געזאָגט צו זאַאיקאַ׳ן. „איך בין כמעט זיכער, אַז מי וועט אַלע זעכס פערארטהיילען צום טויט. דאָס וועט געבען דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר די מעגליכקייט צו צייגע זיין גוטהערציגקייט דורך אַ פערקלענערונג פון דער שטראָפע פאַר די פריילינס דוראָראָוו און פיליכט פאַר באָטשאראָוון אויך. עס קען אויך זיין, אַז דאָס געריכט אַליין וועט עטוואָס אָבטרעטען פון די גרויזאַמע פאָדערונגען פון פראָקוראָר, אום צו צייגען, אַז דיזע קאַנאַליעס זיינען אויך אונאַבהייניגע ריכטער. זיי מאַכען אַלע מאָל אַזעלכע קליינע קאָמעדיעס. איך גלויב ניט, אויב עס וועלען דורכגעפיהרט ווערען מעהר ווי דריי טאָדעס־אורטהיילען. . . . אָבער צו וואָס טויג גאָר דאָס ריידען יעצט דערפון? זאָגט אונז בעסער, זאַאיקאַ, וואו האַלט איהר מיט אייער ארבייט?״

„אַלעס איז פערטיג,״ האָט זאַאיקאַ געענטפערט. „איך האָב געמאַכט באָמבעס פאַר פופציג מענשען, נאָך מיט צוויי דוצענד מעהר ווי מי האָט פערלאַנגט. איך האָב נאָר איינצואָרדנען די ערטער וואו די ברענ־מאַטעריאַלען קומען אין בעריהרונג, און דאָס קען ווערן אין עטליכע שטונדען, ווען מי וועט עס נאָר בעדאַרפען.

אַנדריי און וואַטאַזשקאַ זיינען געוועזען צופרידען פון דעם זאַאיקאַ׳ס גוטען בעריכט.

זיי האָבען נאָך גערעדט אַ האַלבע שטונדע וועגען זייער פּלאַן און וועגען די מיטעל, ווי אַזוי דעם פּלאַן דורכצופיהרען, און דער זאַאיקאַ איז אַוועקגעגאַנגען, זיך גוט אַרומקוקענדיג, אַז קיינער זאָל איהם ניט זעהן אַרויסגעהענדיג.

XVII.

דער בלוטיגער אורטהייל.

דער פּראָצעס פון די זעכס רעוואָלוציאָנערן האָט ניט נאָר אַליין שטאַרק אינטערעסירט זייערע חברים און פריינד, — די גאַנצע שטאָט האָט געקאָכט רערמיט און אין גאַנץ רוסלאַנד האָט מען גערעדט דערפון. די אויפרעגונג איז געווען אונגעהייער גרויס פאַר אַ רוסישע שטאָט, און די פּאָליציי האָט זיך גערינכט אויף אַן אָנפאַל.

אין געריכטס-זאַל האָט מען קיינעם ניט צוגעלאָזען, אויסער די פּני פון די טשינאָווניקעס. איבערהויפּט האָבען נאָר אַזעלכע געקענט קריגען איינטריטס-קאַרטען, וואָס די רעגירונג איז געווען זיכער אין זייער טרייהייט.

אַרום געריכט זיינען געשטאַנען סאָלדאַטען און פּאָליציי, און הינטער זיי אַ סך פריינדע פון די רעוואָלוציאָנערן און איבערהויפּט געהיימע געגנער פון דער טיראַניי. אַלע זיינען געווען נייגעריג צו הערען עטוואָס וואָס עס טהוט זיך אין געריכטס-זאַל.

די יעניגע, וועלכע האָבען געהאַט בילעטען אַריינצוגעהן, פלעגען שטענדיג געפינען ביי זיך אין דער היים פריינדע און אויך אונבעקאַנטע בעזוכער, וועלכע פלעגען זיי אָהן צערעמאָניעס פאַנאַנדער פרעגען, ווי אַזוי דער פּראָצעס געהט צו, ווי אַזוי די אָנגעקלאָגטע האַלטען זיך און וואָס פאַר האַפנונגען עס זיינען דאָ.

נאַטירליך, האָט מען דערביי אויסגעטראַכט פיעלע זאַכען וואָס זיינען ניט געשטויגען און ניט געפלויגען, אַזוי ווי עס פיהרט זיך שוין אונטער אַ־עלכע אומשטענדען.

די פערהאַנדלונגען האָבען געדויערט פינף טעג. זיי האָבען בעדאַרפט דויערן וויינינגסטענס צוויי וואָכען, אום אַלעס חאָטש אויף וויפיעל עס איז נאָכצוזוכען. די ריכטערס אָבער האָבען זיך געאיילט צו ענדיגען, כדי איינצושטילען די אויפרעגונג פון פובליקום.

איבערהויפט איז דער פראָצעס אין גאַנצען ניט מעהר געווען ווי אַ קאָמעדיע. מי האָט נאָר געהאַלטען זיצונגען און רעדעס פאַר לייטען וועגען, מי זאָל ניט זאָגען, אַז מי האָט סתם געהאַנגען מענשען. די ריכטער האָבען שוין געהאַט דעם אורטהייל אין זייערע קעשענעס, ווען דער פראָצעס האָט זיך נאָר אָנגעהויבען, אַזוי ווי עס איז שוין דער מנהג אין רוסלאַנד, ווען מי פער'משפט פאָליטישע „פערברעכער".

און דיזער אורטהייל האָט געלויטעט: טויט דורך אויפהייגען!

עס איז געווען דער לעצטער טאָג פון דעם פראָצעס. אַרום דאָס געריכטס־הויז האָט עס געקאָכט ווי אין אַ קעסעל, חאָטש עס איז שוין געווען באַלד האַלבע נאַכט. אַלע זיינען געווען זעהר אויפגערעגט, אויסער די פאָליציסטען, וועלכע זיינען שוין מיעד געוואָרען איינצוהאַלטען די מענגע און האָבען געקוקט מיט פערשטעלטע אויגען. אַלע פריינדע פון די רעוואָלוציאָנערן און געגנער פון טיראַני האָבען אפילו אויף איין מינוט ניט פערלאָזען זייערע ערטער דעם גאַנצען טאָג און האָבען געוואַרט מיט דער גרעסטער אונגעדולד אויף דעם סוף פון דער געריכטס־טראַגעדיע.

ענדליך האָט איימעצער אַ מאַך געטהאָן מיט אַ האַנד־טיכעל דורך אַ פענסטער פון געריכטס־זאַל.

„דער אורטהייל פון געריכט!" האָט איינער פון דער מענגע אין דעם זעלבען מאָמענט אויסגערופען און אַלע זיינען מיט אַ מאָל שטיל געבליבען. יעדער איינער האָט זיך געוואָלט צורוקען נעהענטער צום געריכט. אַלע האָבען געהאַלטען די אויגען אַרויף צום פענסטער, פון וואַנען דער סיגנאַל איז געקומען.

אינעווייניג האָט געהערשט אַ טויטען-שטילקייט. יעדער איינער האָט איינגעהאַלטען זיין אָטהעם, כדי ניט צו פֿערלירען אַ וואָרט פֿון דעם אורטהייל מיט דער לאַנגער פֿאָררעדע. די ריכטער זיינען געווען עפּעס צוטראָגען, ניט אויפֿגעלייגט. מי האָט געקענט בעמערקען, אַז דאָס פּיצעלע געוויסען, וואָס איז נאָך ניט אין גאַנצען אַרויסגעיאָגט געוואָרען פֿון זייערע שקלאַפֿישע הערצער, האָט אויפֿגעהויבען זיין פּראָטעסט-שטימע געגען זייער בלוטיגען אורטהייל.

דער ערשטער אויף דער ליסטע איז געשטאַנען באָריס. מי האָט אויסגערעכענט אַלע זיינע אמת'ע און אויסגעטראַכטע עבירות געגען דער רעגירונג, און דער ערוואַרטעטער כוף איז געווען: טויט! נאָך איהם קומט וואַסילי מיט אַ גאַנצען פּאַק חטאים. דער זעלבער אורטהייל — טויט! די דריטע אויף דער בלוטיגער ליסטע איז געווען זינאַ.

ווען דער ריכטער האָט אויסגערעדט דיזען נאָמען, האָבען די הערצער אָנגעפֿאַנגען צו קלאַפּען ביי אַלע אַנוועזענדע. די שטילקייט איז נאָך געוואָרען טיעפֿער. פֿיעלע זיינען געוואָרען אַזוי ווי צוגעשמיד צו זייערע ערטער און האָבען ניט אַראָבגעלאָזען די אויגען פֿון דעם ריכטער, וועלכער האָט מיט אַ האַלב הייזעריגער, נערוועזער שטימע געלעזען, און ווען ער האָט געענדיגט מיט דעם וואָרט: טויט! איז אַ זיפֿצען דורכגעגאַנגען איבער'ן גאַנצען זאַל. אפילו די אַנהיינגער פֿון דער רעגירונג האָבען מיט סימפּאַטהיע געקוקט אויף דער יונגער און שיינער פֿרוי, וועלכע איז זיך געבליבען זיצען רוהיג אויף איהר אָרט מיט אַ טרויעריגען שמייכעל אויף איהר עדעלען פּנים.

די אויפֿרעגונג איז געווען זעהר גרויס, דען דער גרעסטער טהייל פֿון פּובליקום האָט ערוואַרטעט, אַז דאָס געריכט וועט זיך שעמען צו פֿעראורטהיילען אַ פֿרוי צום טויט. זיי האָבען זיך אָבער געטרייסט, אַז די איבעריגע דריי, וועלכע זיינען געווען בעשולדיגט אין גאַנץ קליינע „פֿערברעכען", וועט מען לאָזען לעבען.

אָבער אויך אין דעם האָבען זיי געהאַט אַ טעות. די ריכטער האָבען ניט געוואוסט פֿון קיין ערבאַרמונג!

מיט איינגעהאַלטענעם אָטהעם האָט דאָס פּובליקום אויסגעהערט די ניט-וויכטיגע בעשולדיגונגען געגען באָטשאַראָוו'ן אין דער ערוואַרטונג, אַז מי וועט צו איהם זיין באַרמהערציג. באַלד אָבער האָט אַזוי ווי מיט אַ שווערען האַמער אַ קלאַפּ געגעבען איבער זייערע קעפּ דאָס שרעקליכע וואָרט „טויט!" פּיעלע האָבען מיט וואונדער און שרעק געקוקט איינע אויף די אנדערע, אַזוי ווי זיי וואָלטען זיך געפּרעגט, אויב זיי האָבען ריכטיג געהערט, און אַזוי ווי מיט אַ שאַרפען מעסער האָבען אַ שניט געטהאָן אין יעדען איינעמס האַרץ די איינפאַכע ווערטער פון דעם יונגען העלד:

„אַ גרויסען דאַנק, מיינע הערען ריכטער!"

ניין! עס איז ניט געווען קיין טעות! דער יונגער שטודענט איז טאַקי פעראורטהיילט צום טויט! פאַר וואָס? פאַר ווען? אָבער קיינער האָט קיין צייט ניט געהאַט צו טראַכטען. דער ריכטער האָט ווייטער געלעזען דעם מערדערישען אורטהייל, און אַלע האָבען מיט אונגעדולד אויסגעשטעלט זייערע אויערן צו הערען, וואָס ערוואַרטעט די שוועסטער ד ו ד אָ ר אָ ו, וועלכע זיינען נאָך געווען אונשולדיגער פון באָטשאַראָוו'ן.

ענדליך, מיט אַ ציטערענדע און איינגעהאַלטענע שטימע, האָט דער ריכטער געענדיגט: טויט! און פון אַלע זייטען אין זאַל האָבען זיך געלאָזט הערען היסטערישע געשרייען, בכיות, פון פרויען און קללות פון מענער. פּיעלע זיינען אַרויסגעשפרונגען אין היץ אויף די שטולען, האָבען געמאַכט מיט די הענד ווי צומישטע און האָבען אויסגעשטעלט די קולאַקעס צום ריכטער. אַזאַ שרעקליכע אונרוהיגע סצענע איז נאָך קיינמאָל ניט פאָרגעקומען אויף אַ רוסישען געריכט.

די ריכטער זיינען אַזוי צומישט געוואָרען פון דעם אונערוואַרטעטען אויסברוך פון כעס און פערצווייפלונג פון פּובליקום, אַז זיי זיינען געבליבען שטעהן מיט אָפענע מיילער, בלייך ווי די וואַנד, און האָבען פערגעסען צו הייסען די זשאַנדאַרען אַרויסיאָגען אַלעמען פון זאַל. דער ריכטער, וואָס האָט פאָרגעלעזען דעם אורטהייל, האָט געענדיגט צווישען אַ געוויין און קרעכצען, אַז די אינגערע שוועסטער רודאָראָוו

איז פֿעראורטהיילט געוואָרען ניט צום טויט, נאָר צו פּאָפּצעהן יאָהר קאַטאָרגע, ווייל זי איז נאָך געוועזען אַזוי יונג. דאָס איז געווען דער לעקערביסען פֿון געריכט פֿאַר דעם פּובליקום.

אין דעם מאָמענט, וואָס דער ריכטער האָט געענדיגט פֿאָרצולעזען דעם בלוט אורטהייל, האָט אַ יונגער מאַן, — דער זעלבער וואָס האָט פֿריהער געגעבען דעם צייכען מיט זיין האַנד־טיכעל — אויפֿגעעפֿענט אַ פֿענסטער און האָט אויסגעשריגען צום פּובליקום אונטען:

„צום טויט! אַלע זיינען פֿעראורטהיילט צום טויט!"

אַן אַלגעמיינער געשריי פֿון כעס און פֿערצווייפֿלונג איז געווען די אַנטוואָרט אויף דיזע שרעקליכע ווערטער. די ריכטער און הויכע בעאַמטע, וועלכע האָבען זיך געפֿונען אין זאַל, האָבען זיך שטאַרק דערשראָקען. פֿון אונטען האָט זיך געלאָזט הערען אַ שרעקליכעס געיאָמער און געשרייען, און מי האָט גערעכענט, אַז די מאַסע וועט בעפֿאַלען דעם געריכט און וועט ערמאָרדען די ריכטער. די הויכע בעאַמטע זיינען זיך צולאָפֿען מיט שרעק, און דער הויפּט־ריכטער האָט געהייסען שיקען נאָך מיליטער און אָבריינינגען די גאַסען אום יעדען פּרייז.

עס וואָלט געווים געקומען צו אַ שרעקליכען געשלעג, ווען אנדריי און נאָך עטליכע וואָלטען ניט געווען איינהאַלטען זייערע אינגערע און היציגע חברים, וועלכע האָבען געברענט פֿון כעס און האָבען געוואָלט ערמאָרדען די ריכטער. אַנדריי האָט גוט געזעהן, אַז דורך דעם אָנפֿאַל איף דער פּאָליציי אין דער מינוט וועט מען די פֿעראורטהיילטע ניט קענען בעפֿרייען און מי וועט נאָך פֿערלירען די מעגליכקייט זיי שפּעטער צו בעפֿרייען, נאָך דעם פּלאַן, וואָס מי האָט גענוי אויסגעאַרבייט און פֿון אַלעמען אָנגענומען געוואָרען.

די בערוהיגונג פֿון אַנדריי און זיינע חברים האָט געווירקט. די מאַסע איז זיך צוגאַנגען מיט קללות אויף די ריכטער, ווען עסקאַדראָנען קאָזאַקען זיינען געקומען צו לויפֿען פֿון אַלע זייטען.

XVIII.

א שרעקליכע בשורה.

אויף דעם צווייטען טאָג נאָך דער פֿערראורטהיילונג, האָט דער גענעראַל־גובערנאַטאָר האָט געלאָזט וויסען, אַז די עלטערע דוראָראָוו איז בעגנאַדיגט געוואָרען צו צוועלף יאָהר קאַטאָרגע און די אינגערע צו זעכס יאָהר. וועגען די אַנדערע פֿיער איז קיין וואָרט ניט געזאָגט געוואָרען. מי האָט דאָך געוואוסט, אַז דער גענעראַל־גובערנאַטאָר האָט געשיקט אָנפֿרעגען אין פעטערבורג און האָט געוואַרט אויף אַן אַנטוואָרט. וועגען באָרים'ן און וואַסילי איז יעדערער געווען זיכער אַז מי וועט זיי הייננען. זייער שיקזאַל איז שוין געווען געשלאָסען, ווען מי האָט זיי אַרעסטירט. אָבער וועגען זינאַ און באָטשאַראָוו איז מען געווען אין ספק, און געוויינליך האָט מען גערעכענט, אַז מי וועט זיי בעגנאַדינען צו לעבענס־לענגליכע קאַטאָרגע.

אַנדריי און אַלע רעוואָלוציאָנערן אונטער זיין קאָמאַנדאָ האָבען דערוויל ניט גערעדעמעלט. זיי האָבען פֿון איין זייט געזוכט וואָס מעהר אויפֿצורעגען דעם עולם געגען דעם נידערטרעכטיגען מערדערישען אורטהייל און געגען די גאַנצע טיראַנישע רעגירונג און פֿון דער אַנדער זייט האָבען זיי געאַרבייט מיט אַלע קרעפֿטען צו האָבען יעדע זאַך פֿערטיג און אויף'ן ריכטיגען פּלאַץ. ווען די מינוט פֿון דעם אָנפֿאַל אויף דער פּאָליציי וועט אָנקומען, זאָ דאָס דער פּלאַן זאָל דורכגעפֿיהרט ווערען מיט ערפֿאָלג.

אין שטאָט האָט מען גערעדט פֿון מינעס, וואָס די רעוואָלוציאָנערן גראָבען. מי האָט אַרויסגעלאָזען אַ קלאַנג, אַז אַ סך דינאַמיט־באָמבען זיינען אָנגעקומען. מי האָט דערציילט טויזענדע שרעקליכע געשיכטען אָבער אויף זיכער האָט קיינער ניט געוואוסט, אויסער די וואָס זיינען געווען אונטער אַנדריי'ס קאָמאַנדאָ, און זאָגאַר זיי האָבען אויך ניט געוואוסט מעהר ווי זיי האָבען געדאַרפֿט.

די רוסישע רעוואָלוציאָנערן ווייסען ווי צו האַלטען די צונג צווישען די ציינער. ווען זיי האַלטען עטוואָס בסוד, בלייבט דאָס טאַקע אַ סוד ביז דער מינוט, ווען מי הויבט אָן צו האַנדלען. אויסער דעם איז די קאָנספּיראַציע געווען אַזוי גוט אָרגאַניזירט, אַז דעם גאנצען פּלאַן האָט ניט מעהר געוואוסט ווי אַנדריי און נאָך אַ פּאָר פון זיינע הויפּט־מיטהעלפּערס.

עס זיינען אַזוי פערבייגעגאַנגען נאָך דריי טעג. אַנדריי האָט בעשלאָסען צו וואַרטען ביז די לעצטע מינוט אויף דער אונטערשריפט פון גענעראַל־גובערנאַטאָר, כדי צו ווייסען גענוי ווי אָנצוצייגען און ווי אַם בעסטען צו בענוצען זיינע קרעפטע אין דער נייטיגער צייט. ער האָט אויך רוהיג געקענט אויסוואַרטען, ווי ווייט דאָס איז איהם געווען מעגליך. עס איז איהם געלונגען צו האָבען אַ געהיימע פערבינדונג מיט דעם קאַבינעט פון דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר גופא, דורך אַן אַריסטאָקראַטישער פריילין, וועלכע האָט סימפּאַטיזירט מיט די רוסישע פרייהייטס־קעמפּפער. זי וועט איהם געוויס לאָזען ווייסען בעצייטענס, וואָס דער גענעראַל־גובערנאַטאָר וועט בעשליסען, און ער וועט האָבען גענוג צייט צו לאָזען ווייסען זיינע קאַמעראַדען און צו ברייגגען אַלעס אויף'ן ריכטיגען פּלאַץ.

אַנדריי איז מייסטענס געבליבען ביי זיך אין צימער, דען ער האָט יעדע מינוט ערוואַרטעט די אַריסטאָקראַטישע פריילין.

עס איז שוין געווען שפּעט ביי נאַכט. אַנדריי האָט אונרוהיג געדרעמלט זיצענדיג. פּלוצלינג האָט ער דערהערט אַ קלאַפּ אין פענסטער. ער איז אויפגעשפּרונגען, האָט געעפענט דעם פענסטער און האָט דערזעהן, שטעהענדיג לעבען וואַנד, אַ פרוי, אַנגעטהאָן אין שוואַרצען, פיעל קלענער ווי די ערוואַרטעטע פריילין.

„ווער זייט איהר?" האָט אַנדריי געפ־עגט זעהר שטיל.

„איך בין קסעניאַ דמיטריעווגאַ'ס דיענסט־מיידעל. זי האָט אַליין ניט געקענט קומען און האָט מיט מיר געשיקט א בריעף," האָט דאָס מיידעל אויך אַזוי שטיל געענטפערט.

אין איין מינוט איז אַנדריי געווען אונטען.

זי האָט איהם איבערגעגעבען דעם בריעף. ער האָט איהר שנעל בעדאַנקט און איז האַסטיג אַרויסגעלאָפען עם דורכצולעזען.

אויף אַ שטיקעל פּאַפּיר, מיט אַ בליי־פעדער אָנגעשריבען, זיינען געשטאַנען פאָלגענדע שרעקליכע ווערטער:

„דער טוידעס־אורטהייל איז בעשטעטיגט פאַר אַלע פּ יע ר. די הינריכטונג איז בעשטימט אויף מיטוואָך, 10 אַזייגער אין דער פריה, אויף דעם פּושקאַרסקי פעלד. . .״

ווען אַנדריי האָט דורכגעלעזען דאָס שרעקליכע צעטעלע איז ער געבליבען שטעהן ווי אַ בעטויבטער, אַזוי ווי דאָס האַרץ וואָלט זיך ביי איהם אָבגעריסען. כעס און פערצווייפלונג האָבען איהם געשטיקט. ער האָט ניט געהאַט קיין האָפנונג, אַז מי וועט בעגנאַדיגען באָרים'ן און וואַסילי'ן, אָבער זינאַ און בעזאָנדערס באָטשאַראָוו! דער געדאַנק אָן זיי האָט איהם געשטאָכען אַזוי ווי מיט מעסערס.

„באָטשאַראָוו,״ האָט ער זיך געטראַכט, „וועט אפילו ניט האָבען דעם טרייסט צו שטאַרבען פאַר עפּעס רעכטס. . ., פאַר ערנסטערע זינד געגען דער רעגירונג ווי זיינע! אָרעמער, אונגליקליכער פריינד!״

און אַנדריי האָט אָנגעפאַנגען אַ־ומלויפען איבער'ן צימער, מיט אויסגעשטעלטע קולאַקעס און מיט אויסגעגלאָצטע אויגען. ער האָט אויסגעזעהן אַזוי ווי אַ ווילדע חיה, וועלכע וויל זיך אַרויסרייסען פון שטייג, וואו זי שטעהט פערשפּאַרט.

„ראַבע, ראַבע!״ האָט עס געשריגען אין זיין גאַנצען אינערן.

וואַטאַזשקאָ איז ניט וויינינגער אויפגערעגט געוואָרען פון אַנדריי'ן דורכלעזענדיג דעם צעטעלע. מיט אויסגעשטאַרצטע אויגען האָט ער געקוקט אויף אַנדריי'ן, וועלענדיג הערען פון איהם אַ וואָרט.

ווען אַנדריי האָט זיך עטוואָס בערוהיגט, האָט ער געזאָגט:

„מעגליך, אַז דאָס איז נאָך צום גוטען פאַר אונז. מיר וועלען יעצט קענען מאַכען די אַטאַקע מיט מעהר ענערגיע. איך מוז יעצט געהן אין די הויפּט־קוואַרטיר, און איהר, וואַטאַזשקאָ, זעהט זיך אַזוי שנעל ווי מעגליך מיט דעם זאַאיקאַ און הייסט איהם מאַכען אַלעס פערטיג צום קאַמפף. די צייט איז קורץ.״

ער איז גלייך אַוועקגעגאַנגען. ער האָט אין גאַנצען געהאַט זעכס און דרייסיג שטונדען ביז דער שרעקליכער שטונדע, ווען מי וועט אַרויספֿיהרען זיינע טייערע קאמעראַדען צום עשאַפֿאָט. דאָס איז אָבער געווען גענוג, אום אַלעס פֿאָרצובערייטען און צו ברייננען יערע זאַך אויף'ן ריכטיגען פלאַץ.

פֿריהער פֿון אַלעס האָט ער בעשלאָסען צו רופֿען אַ פֿערזאמלונג פֿון די וויכטיגסטע אנטהייל־נעהמער אין דער פֿערשווערונג צו בעפֿרייען די פֿעראורטהיילטע. איידער זיי זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אין דער הויפט־קוואַרטיר, האָט ער אויפֿמערקזאַם בעטראַכט די וויכטיגע פונקטען פֿון שטאָט אויף דער קאַרטע, וואָס איז געלעגען אויף'ן טיש פֿאַר זיינע אויגען.

ער האָט געקענט אַלע ווינקעלאַך פֿון דובראַוניק און עס איז איהם לייכט געווען אויסצוקלייבען די בעסטע פלעצער פֿאַר דער אַטאַקע און פֿאַר דער מעגליכקייט צו אַנטלויפֿען אין אַ זייט נאָכדעם און צו צוקומען צום שיפֿעל, וואָס האָט געדאַרפֿט וואַרטען אויף די ניהיליסטען אויף אַ געוויסען אָרט פֿון דעם טייך. אויף דיזען שיפֿעל וואָלט מען געקענט אוועקפֿיהרען די פֿיער פֿעראורטהיילטע און די יעניגע פֿון זייערע פֿריינד, וועלכע וואָלטען פֿערוואונדעט געוואָרען אין געשלעג, אויב דער פלאַן וואָלט זיך נאָר איינגעגעבען, אַזוי ווי אַנדריי האָט ביי זיך אויסנערעכענט.

אויף דעם צורוף פֿון אַנדריי'ן זיינען די הויפט פֿערשווערערס צוזאַמענגעקומען זעהר שנעל אויף דער הויפט־קוואַרטיר, ווען עס האָט אָנגעפֿאַנגען צו טאָגען. אַנדריי האָט זיי ערקלעהרט אין קורצע ווערטער זיין גאַנצען פלאַן און זיי האָבען אַלעס איינשטימיג אָנגענומען. זיי האָבען בעשטימט די צייט, ווען עס זאָלען צוזאַמענקומען די, וועלכע יעדער פֿון זיי האָט געהאַט אונטער זיין קאָמאַנדאָ. אַנדריי האָט נאָר געדאַרפֿט זיך ווייזען פֿון צייט צו צייט פֿאַר'ן עולם, כדי זיי צו געבען מוטה. אין אַ שטונדע אַרום זיינען אַלע נייטיגע פֿערהאַנדלונגען געווען צו ענדע, און יעדערער איז זיך אַוועקגעגאַנגען טהאָן זיין פפֿליכט וואָס ער האָט אויף זיך גענומען.

אין דער זעלבער צייט האָבען די זעצערס פון דער געהיימער דרוקעריי אויפגעזעצט די נייעס וועגען דעם בעשלוס צו היינגען אַלע פיער פערראורטהיילטע, צוזאַמען מיט אַן אויפרוף געגען דער מערדערישער רעגירונג. דאָס אַלעס איז אָבגעדרוקט געוואָרען אין אַ צירקולאַר, אום עס צו פערטהיילען אויף די גאַסען, וואו און ווי אַזוי מי וועט נאָר האָבען אַ מעגליכקייט.

ווען דורך דיזע פראָקלאַמאַציעס איז אין שטאָט בעקאַנט געוואָרען אַז מי וועט אַלע פיער פערראורטהיילטע היינגען אויף דעם פושקאַרסקי פעלד, האָט זיך ניט געפונען קיין איינער, וואָס זאָל ניט אין הארצען בעדויערן די יונגע אָפּפער פון טיראַניי. מעהר פון אַלעס איז דער עולם געווען אויפגערעגט, וואָס מי וועט היינגען אַ פרוי.

דאָס רוסישע פאָלק איז מענשליכער צו פערברעכער ווי יעדעס אַנדערע פאָלק אויף דער וועלט. אפילו די פראַנצויזען און אַמעריקאַנער וועלכע בעריהמען זיך מיט זייער פרייהייט און רעפובליקאַנישע מנהגים, האָבען זעלטען מיטלייד צו די אונגליקליכע, וואָס מי פערראורטהיילט צום טויט אים נאָמען פון געזעץ. אין רוסלאַנד אָבער האָט מען אימער מיטלייד מיט דעם געהאַנגענעם אָדער געקעפּטען, מעג ער זיין אפילו אַ גרויזאַמער מערדער.

עס איז דאַרום קיין וואונדער ניט, וואָס דאָס פאָלק אין דובראַוניק איז געווען אַזוי אויפגערעגט אויף דער טוידעס-שטראַפע פון די פיער רעוואָלוציאָנערן. זייער פערברעכען האָבען זיי ניט פערשטאַנען, און דערצו האָט יעדען איינעם געקריינקט, וואָס אפילו אַ פרוי וויל די רעגירונג ניט בעגנאַדיגען.

ווען אַנדריי איז נאָך דער פערזאַמלונג געקומען צוריק אין זיין וואוינונג, איז ער געווען איבעראַשט און ערפרייט צו געפינען זיין אַלטען בעקאַנטען ד א ו י ד, וועלכער איז ספעציעל געקומען פון אויסלאַנד. דורך אַ בריעף פון פעטערבורג האָט ער ערפאַהרען, אַז אין דובראַוניק וועט פאָרקומען עטוואָס ערנסטעס און ער האָט שוין ניט געקענט איינרוהען אין אויסלאַנד. ער האָט לאַנג ניט געטראַכט און איז גלייך געקומען נאָך דובראַווניק.

„איך בין געקומען אַרבייטען אונטער אייער קאָמאַנדאָ, אַנדריי," האָט דאויד רוהיג געזאָגט. „איך רעכען, אַז איהר וועט געפֿינען עפּעס אַרבייט פֿאַר מיר."

„וויפֿיעל איהר וועט נאַר אַליין וועלען, מיין ליעבער!" האָט אַנדריי געענטפֿערט, דריקענדיג מיט פֿריידע זיין האַנד.

אַנדריי איז אויפֿגעמונטערט געוואָרען, זעהענדיג ווי ענטשלאָסען זיינע בראַווע חברים זיינען אין קאַמפּף. ער האָט געהאָפֿט, אַז מאָרגען וועט זיי ענדליך געלינגען צו בעפֿרייען די פֿיער פֿעראורטהיילטע פֿון די בלוטיגע לאפּעס פֿון דער רעגירונג.

„יאָ, מיר קענען מיט רעכט האָפֿען צו געווינען מאָרגען די שלאַכט," האָט אַנדריי געזאָגט צו דאויד'ן, „מיט די באָמבעס, וואָס מיר האָבען, קענען פֿופֿציג מענשען פֿיעל אויפֿטהאָן, ווען זיי זיינען נאָר פֿעסט ענטשלאָסען צו געהן אין שלאַכט, און איך וויים, אַז זיי זיינען עס. איהר מעגט דאַרויף זיכער זיין. אייניגע פֿון זיי וועט איהר באַלד טאַקע קענען זעהן. מיר האָבען דאָ אַ קריגס־ראַטה אום זיעבען אוהר צו בעשפּרעכען אייניגע פונקטען."

ווען די רעוואָלוציאַנערן זיינען צונויפֿגעקומען צו דער בעשטימטער צייט, האָט דאויד ווירקליך געקענט זעהן, ווי אַלע זיינען ענטשלאָסען מקריב צו זיין זייער לעבען אין קאַמפּף מיט דער רעגירונג און, אַזוי ווי אַנדריי, זי נען זיי פֿול מיט האָפֿנונג צו געווינען.

די צייט איז געוועז צו קורץ און טהייער, אום צו דיסקוטירען. מי רייסט זיך געוויינליך אַרום וועגען ווערטער און פונקטען, ווען עס איז ניטאָ וואָס וויכטיגעס און נייטיגעס צו טהאָן. אַזוי גיך ווי עס קומט אָבער די מינוט צו טהאָן, צום קאַמפּף, דאַן הערען אויף די לאַנגע רייד און מי קומט שנעל, אויף'ן וואונק, צו אַ בעשלוס.

מי האָט געמאַכט פֿערשידענע פֿאָרשלעגע, אָבער מי האָט זיי ענטוועדער שנעל אָנגענומען אָדער פֿערוואָרפֿען. אַנדריי, אַלס פֿיהרער, האָט געהאַט דאָס ערשטע וואָרט. האָבענדיג דאָס פֿולע צוטרויען צו איהם און זייענדיג איבערצייגט אין זיין פֿעהיגקייט אַלס פֿיהרער, האָבען זיי אָנגענומען כמעט אַלע זיינע פֿאָרשלעגע.

דער אַלגעמיינער פּלאַן איז געווען גאַנץ איינפאַך. אויף מאָרגען אום זיבען אוהר האָט אַנדריי בעדאַרפט קומען מיט נאָך צעהן מאַן אויף דעם פּלאַץ צו פערנעהמען די נייטיגע פּאָזיציאָנען. די אַנדערע פערציג מאַן האָבען זיך בעדאַרפט אויסשטעלען אין געוויסע פּלעצער פון די זייטיגע גאַסען. ווען עס וועלען צוזאַמענקומען אַ סך צוזעהער וועלען זיי זיך אַלע אויסשטעלען אין איינעם אָדער צוויי פּונקטען, כדי זיי זאָלען ניט פערשלעפּט ווערען אין אַ זייט פון דער דערשראָקענער מ אַ ס ע, ווען מי וועט אָנהויבען צו וואַרפען די באָמבעס אויף די סאָלדאַטען און די זשאַנדאַרען, וואָס וועלען זיין אַרום דעם וואָגען פון די פּעראָורטהיילטע.

ווען מי האָט אַלעס שוין בעשפּראָכען און בעשטימט, האָט אַנדריי געזאָגט:

„יעצט איז צייט צו געהן ברייננגען די געוועהר!"

די דעוואָלוועס און קינזשאַלען האָט שוין יעדער איינער געהאַט ביי זיך אָבער די באָמבעס האָט מען געדאַרפט אָבנעהמען פון דעם זאַאיקאַ און זיי אַוועקפיהרען אויף אַ זיכערן פּלאַץ ביז מאָרגען אין דער פריה. עס וואָלט ניט געווען גוט פאַנאַנדער צו טהיילען גלייך די באָמבעס צווישען די פערשווערער. דורך אַ צופאַל וואָלט נאָך ביי איימעצען געקענט פּלאַצען אַ באָמבע, און פון זייער גאַנצען פּלאַן האָט געקענט ווערען אַ גאָר־ניט.

איניגע פון די פערזאַמעלטע האָבען זיך שוין געקליבען אַוועק צוגעהן, ווען דאַויד, וועלכער איז געזעסען לעבען פענסטער, האָט אָנגעצייגט אַנדריי'ן אויף אַ מאַן, וועלכער האָט זיך זעהר זאָנדערבאַר אַרומגעדרעהט אַרום הויז.

„איך קוק איהם שוין נאָך אַ צעהן מינוט. ער זעהט עפּעס אויס זעהר פערדעכטיג. ער קוקט אַלץ צום פענסטער, אָבער ער זוכט עס ניט צו בעהאַלטען."

„אַה, דאָס איז אַ פריינד!" האָט אַנדריי געענטפערט, וואַרפענדיג אַ בליק דורך'ן פענסטער „ער האָט מיר עטוואָס מיטצוטהיילען און ער קוקט אויס, אויב אַלעס איז רוהיג אַרום."

אַנדריי האָט געבעטען די פּערזאָמעלטע אָבצוטרעטען אויף אַ ווײלע פֿון פֿענסטער. דער מאַן, וועלכער איז געווען אַ שרייבעריל אין דער פאָליציי און וועלכער האָט פֿאַר עטליכע רובעל איבערגעגעבען אַנדריי'ן די סעקרעטען פֿון דער פאָליציי, איז געווען זעהר שרעקענדיג. ווען אנדריי איז געבליבען אַליין לעבען פֿענסטער, האָט איהם דער מאַן געזאָגט עטליכע ווערטער, וועלכע האָבען אויף איהם געמאַכט זעהר אַ ביטערן איינדרוק.

„ווי עס שיינט, האָט די פּאָליציי עטוואָס ערפֿאַהרען פֿון אונזער זאַך,” האָט אַנדריי אויסגעשריגען צו זיינע קאַמעראַדען מיט זעהר אַ שטרענגען טאָן. „איימעצער האָט וואַהרשיינליך עטוואָס געפּלאַפּעלט. דאָס איז שענדליך!”

„ווי? וואָס? דאָס איז אונמעגליך! זייט איהר זיכער אין דעם וואָס איהר זאָגט?” האָבען אַלע מיט אַמאָל אויסגעשריגען.

„יאָ, איך בין זיכער. דער מאַן האָט מיר געזאָגט, אַז די פּאָליציי האָט זיך היינט אין דער פֿריה דערוואוסט פֿון עפּעס און דער פּריסטאַוו איז געווען זעהר אויפֿגערעגט. נאָכדעם איז ער מיט דעם קוואַרטאַלני אוועקגעפֿאָהרען צום גובערנאַטאָר. דער מאַן בעהויפּטעט בעשטימט, אַז ער האָט געהערט, ווי דער קוואַרטאַלני האָט אויסגערעדט דאָס וואָרט „דינאַמיט־באָמבע”. ער האָט עס זיכער ניט אויסגעטראַכט, דען ער ווייס גאָר ניט פֿון אונזער פּלאַן.”

די פּערזאמעלטע זיינען געבליבען, אַזוי ווי אַ דונער וואָלט זיי איינגעשלאָגען. זיי האָבען גאָר ניט געקענט פֿערשטעהן, ווי אַזוי דאָס איז געקומען, סיידען עס איז דאָ צווישען זיי אַ פֿעררעטהער. אָבער דאָס איז אונמעגליך!

זיי האָבען געוואָרפֿען פֿערדעכטיגע בליקען איינער אויף דעם אַנדערן און האָבען זיך גלייך איבערצייגט אין זייער אונשולד.

ווי אַזוי האָט זיך אָבער די פּאָליציי געקענט דערוויסען פֿון זייער פּלאַן, מיט וועלכען מי איז געווען אַזוי פֿאָרזיכטיג? אָט די שרעקליכע פֿראַגע האָט זיי אַלעמען געמאַטערט און קיינער האָט ניט געקענט געפֿינען קיין אָנטוואָרט.

אָבער פֿון דיזער טרויעריגער און פֿערצווייפֿעלטער לאַגע האָט זיי באַלד אַרויסגעריסען וואַטאַזשקאַ, וועלכער איז אריינגעלאָפֿען אין דער גרעסטער אויפֿרעגונג, אויסשרייענדיג מיט אַ געבראָכענער שטימע:

„אַך, וואָס פֿאַר אַ שרעקליכער אונגליק! דער זאַאיקאַ איז פֿערוואונדעט און פֿילייכט שוין גאָר טויט אין דיזער מינוט. אַ באָמבע האָט געפּלאַצט אין זיין צימער, און די פּאָליציי איז געקומען און האָט איהם אַרעסטירט. אַלעס איז פֿערלאָרען! . . ."

אַ טויטענשטילקייט האָט געהערשט אין צימער, ווען וואַטאַזשקאָ האָט מיט אַ פֿערשטיקטע שטימע אָנגעפֿאַנגען צו דערציילען פֿון דעם אונגליק, וואָס האָט זיי אַלעמען אַזוי אונערוואַרטעט געטראָפֿען:

„ווען מיר זיינען געקומען צו זאַאיקאַ'ס הויז, צו נעהמען די באָמבעס, האָבען מיר דערזעהן, ווי אַ פּריסטאַוו איז אַהין אַריינגעגאַנגען. ווען מיר האָבען זיך אָנגעפֿאַנגען צו-צוקוקען, וואָס עס טהוט זיך אַרום אין הויף, האָבען מיר לייכט בעמערקט אַ סך שפּיאָנען און פּאָליציסטען. מיר זיינען פֿערביינגעפֿאָהרען אויף אונזער וועגעלע, און איך בין באַלד אַרויס און האָב מיך אַ לאָז געטהאָן צום הויז פֿון דער זייט, וואָס געהט אַרויס צום טייך צו. איך האָב דערזעהן דעם דוואָרניק'ס טאָכטער אין גאָרטען און איך האָב ביי איהר געפֿרעגט, וואָס איז געשעהן. זי האָט מיר דערציילט, אַז עס איז געווען אַן עקספּלאָזיאָן און אַז זאַאיקאַ ליגט שטאַרק פֿערוואונדעט אין הויז.

„איך האָב איהר געבעטען, זי זאָל שווייגען און האָב זיך בעהאַלטען צווישען די בוימלאַך לעבען פּאַרקאַן. איך האָב באַלד געזעהן, ווי זשאַנדאַרען האָבען אַרויסגעטראָגען מיט גרויס פֿאָרזיכטיגקייט אונזער פֿערוואונדעטען קאַמעראַד און האָבען איהם אַוועקגעפֿיהרט אויף אַ וואָגען, נאָכהער האָבען די פּאָליציסטען אַרויסגעטראָגען גרויסע און קליינע קעסטלאַך, בעמישע מאַטעריאַלען, אינסטרומענטען און ענדליך באָמבעס. . . דאַן בין איך אַרויסגעקראָכען פֿון מיין בעהאַלטונגס אָרט און האָב זיך גלייך אַ לאָז געטהאָן אייך צו דערצעהלען, וואָס איך האָב מיט טרערען אין די אויגען געזעהן. עס איז שוין ניט געווען מעהר וואָס צו וואַרטען דאָרט. . ."

יאָ, עס איז ווירקליך ניט געווען וואָס צו וואַרטען און אויף וואָס צו האָפען! אַנדריי האָט עס גוט פערשטאַנען. ווען מי וואָלט געהאַט די באָמבעס, וואָלט מען נאָך געקענט פּרובירען די אַטאַקע אויף דיַ סאָלדאַטען, טראָצדעם וואָס די פּאָליציי ווייסט דערפון. אָבער אָהן די באָמבעס איז גאָר ניט געווען צו ריידען פון אַן אַטאַקע.

אין פערצעהן שטונדען אַרום וועלען באַריס, זינאַ, וואַסילי און באָטשאַראָוו געהאַנגען ווערן, און זייערע פריינד וועלען נאָר קענען קריצען מיט די ציינער פון כעס און פערצווייפלונג. קיין האָפנונג! אַלעס איז צו גרונד געגאַנגען! וויפיעל צייט און מיה האָט דאָס געקאָסט צו מאַכען דעם פּלאַן?! וויפיעל געפאַהרען האָט מען געהאַט דערביי איבערצוקומען, און אַ נאַרישער צופאַל האָט מיט איין מאָל די גאַנצע שווערע אַרבייט געמאַכט צו גאָר ניט!

אַנדריי האָט זיך מיט פערצווייפלונג אַ חאַפּ געטהאָן פאַר'ן קאָפּ און האָט אַליין ניט געפיהלט, ווי טרערען האָבען זיך איהם געשטעלט אין די אויגען. עס איז געווען אַ טרויער אויף איהם אַ קוק צו טהאָן.

קיינער האָט ניט געוואָלט ברעכען די האַרצדריקענדע שטילקייט. עס איז געווען איינע פון יענע מינוטען, ווען יעדערער איז פערטיפט אין זיך זעלבסט און איז צופרידען חאָטש דערמיט, וואָס ניט ער איז דער פיהרער און ניט ער איז פערפליכטעט צו זוכען אַ נייעם וועג ווי אַרויסצוקריכען פון דער וויסטעניש.

„וואָס בלייבט יעצט צו טהאָן?" האָט דאַויד ענדליך געפרעגט, אויסדריקענדיג מיט ווערטער די פראַגע, וועלכע יעדער איינער האָט זיך געשטעלט אין זיינע געדאַנקען.

אַנדריי האָט אויפגעהויבען זיין קאָפּ און האָט דערזעהן, ווי אַלע קוקען אויף איהם. דאָס האָט איהם שטאַרק פערוואונדערט.

„וואָס זאָל מען טהאָן!" האָט ער אויסגעשריגען. „זעהט איהר דען ניט, אַז די בעסטע זאַך, וואָס מיר קענען יעצט טהאָן פאַר אונזערע פעראורטהיילטע פריינד, איז צו לאָזען זיי גלייך וויסען, אַז מיר האָבען קיין האָפנונג ניט זיי צו רעטען, כדי זיי זאָלען זיך קענען פאָרבערייטען צום אונפערמיידליכען טויט?"

אַן אויסרוף פֿון אונצופֿרידענהייט איז געווען די אַנטוואָרט אויף אנדריי'ס אָפֿענע רייד. אַזאַ ראַטה האָבען זיי גאָר ניט ערוואַרטעט פֿון אַנדריי'ן. זיי האָבען געהאַנדעלט די גאַנצע צייט אויף זיין בעפֿעהל, און זיי זיינען טאַקע דערפֿאַר ניט געווען פֿעהיג צו קומען צו אַזאַ בעשלוס, וועלכער האָט מיט איין קלאַפּ פֿערניכטעט זייער גאַנצע מיה און אַלע זייערע האָפֿנונגען. אַנדריי'ס בעשלוס האָט זיי איבערראַשט און זיי האָבען גענומען שטאַרק פּראָטעסטירען דאגעגען.

זיי האָבען פֿערלאַנגט, מ'זאָל מאַכען דעם אָנפֿאַל אָהן באָמבען, מעג קומען וואָס עס וועט קומען. פֿופֿציג מענשען, וועלכע זיינען פֿעסט ענטשלאָסען זיך צו שלאָגען ביז'ן טויט מיט דער פּאָליציי, זיינען שוין גוט בעוואָפֿענט און מ'קען אויך שאַפֿען געוועהר פֿאַר נאָך פֿופֿציג. וואָרום זשע זאָל מען זיך אין גאַנצען אָבזאָגען פֿון אַן אַטאַקע?

וואַטאַזשקאַ איז געווען דער היציגסטער פֿון אַלעמען, און אַנדריי איז נאָך מעהר איבערראַשט געוואָרען, ווען דאַוויד איז אויך געווען געגען זיין בעשלוס. אָבער ער האָט געזעהן, אַז די זעלבסט־אויפֿאָפּפֿערונג איז אומזיסט; אַז דער אָנפֿאַל געגען אַ מאַסע סאָלדאַטען וועט נאָר זיין אַן אויסשלאַכטונג פֿאַר דיזע אַלע יונגע און בראַווע קעמפֿפֿער. ער האָט דאַרום ניט נאָכגעגעבען.

„נו, אויב איהר ענטזאָגט זיך דאָך," האָט וואַטאַזשקאַ אויסגעשריגען אין גרויסער אויפֿרעגונג, „דאַן וועלען מיר זוזען אויסקומען אָהן אייך. ניין, מיר קענען ניט בלייבען זיצען מיט צוזאַמענגעלייגטע הענד, ווען מ'הייגט אַ פֿרוי!"

אַנדריי האָט טרויעריג אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ.

„מיין יונגער און היציגער פֿריינד," האָט ער געזאָגט, אַרויפֿלייגענדיג זיין האַנד אויף וואַטאַזשקאַ'ס פּלייצע. „וואָרום ווילט איהר נאָך מעהר פֿערביטערען די לעצטע מינוטען פֿון אונזערע קאַמעראַדען? מיר קענען זיי אויף קיין פֿאַל ניט בעפֿרייען. מיר וועלען אַלע געשאָכטען ווערען פֿאַר זייערע אויגען. זאָגט איהר אַליין, וואַטאַזשקאַ, וואָרום זאָלען מיר זיי אָנמאַכען אַזוי פֿיעל האַרץ־קלעמענים? זיינען זיי דען ניט גענוג געשטראָפֿט?"

וואַטאַזשקאָ האָט מיט אַ ביטער זיפֿץ אַראָבגעלאָזען זיין קאָפּ. ער האָט מעהר קיין וואָרט ניט גערעדט. יעדען איינעם האָט עפּעס געשטיקט. באַלד זיינען זיך אַלע פֿערזאמעלטע פֿאַנאַנדער געגאַנגען שטיל און פֿינסטער אַזוי ווי שאָטענס.

אַנדריי האָט זיך גלייך גענומען צו זיין הערצרייסענדע אַרבייט, צו לאָזען וויסען זיינע פֿעראורטהיילטע פריינדע, אַז עס איז ניטאָ קיין האָפֿנונג זיי צו רעטען און אַז זיי זאָלען מוטהיג קוקען דעם טויט אין פּנים אַריין.

דורך דעם וועכטער פֿון געפֿענגנים, וועלכער פֿלעגט אימער איבערנעהמען בריעף פֿאַר די פֿעראורטהיילטע, האָט אַנדריי יעצט אויך איבערגעשיקט זיין בריעף. ער האָט דאַן ערפֿאַהרען, אַז זיי האָבען נאָך דעם זעלבען אָבענד געקראָגען דעם בריעף. זינאַ האָט זאָגאַר באַלד אָבגעשריבען אַן אַנטוואָרט אין דעם נאָמען פֿון אַלע פֿעראורטהיילטע. איהר בריעף איז געוועזען פֿול מיט מוטה און מיט פֿרייליכקייט, און ווען דער שטרענגער און הארטער אַנדריי האָט מיט צוויי טעג נאָך דער הינריכטונג געלעזען דיזען בריעף, האָט ער געוויינט ווי אַ קליין קינד.

XIX.

דער לעצטער אדיע.

די גאַנצע נאַכט האָט אַנדריי ניט געקענט צומאַכען קיין אויג, און ווי עס האָט נאָר אָנגעפֿאַנגען צו טאָגען איז ער שוין געווען אויף'ן גאַס. די גאַנצע שטאָט איז נאָך געווען אין טיעפֿען שלאָף. זעהר זעלטען האָט מען געקענט בעגעגענען אַ מענשען. ער איז בעגאַנגען, וואו די אויגען האָבען איהם געטראָגען, צוקומענדיג צום שטאָט-גאָרטען, דאָט ער זיך ניט ווילענדיג אָבגעשטעלט. ער האָט

זיך דערמאָנט, אַז דאָ ניט ווייט האָט בעדאַרפֿט פֿאָרקומען די אַטאַקע וועלכע ער האָט אַזוי געדולדיג געפּלאַנעוועט און וועלכע ער האָט געהאָפֿט מיט ערפֿאָלג דורכצופֿיהרען. אַך, וואָס פֿאַר אַ שרעקליכער אונטערשיעד! מיט אַ טאָג פֿריהער איז ער דאָ געווען, אום גוט אַרומצוקוקען די געגענד און עס פֿערגלייכען מיט דער קאַרטע פֿון שטאָט. ער איז דאַן געווען פֿול מיט האָפֿנונג, און יעצט. . . ווי דאָס אַלעס האָט זיך מיט איין מאָל אומגעענדערט!

דער גאַנצער פּלאַן איז איהם יעצט פֿאָרגעקומען, ווי אַ חלום. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ באַנק לעבען גאָרטען און האָט זיך שטאַרק פֿערטראַכט. ווי אַנדערס וואָלטען געווען זיינע געפֿיהלען און געדאַנקען, ווען ניט דיזער אונגליקס-פֿאַל!

אויף די גאַסען האָבען זיך דערווייל אָנגעהויבען צו בעווייזען אַ סך מענשען. יעדערער איז מעהר פֿערביינעלאָפֿען ווי פֿערביינגעגאַנגען. מי האָט לייכט געקענט בעמערקען, אַז דאָס איילען זיי זיך עפּעס צו אַ געוויסען אָרט. דאָס זיינען זיי געלאָפֿען צום פּושקאַרסקי פֿעלד, וואו די תליה פֿאַר די פֿיער העלדען איז געשטאַנען פֿערטיג אין איהר שרעקליכען גלאַנץ.

אַנדריי האָט זיך אויפֿגעהויבען פֿון באַנק און האָט אָנגעפֿאַנגען ווידער צו שפּאַנען, ניט וויסענדיג אַליין וואוהין. ער האָט ביי זיך בעשלאָסען, צו זעהן צום לעצטען מאָל זיינע פֿעראורטהיילטע פֿריינד און צו שיקען זיי מיט די אויגען זיין לעצטען אַדיע.

וואָס נעהענטער ער איז צוגעקומען צום צענטרום פֿון שטאָט, אַלץ שווערער איז איהם געוואָרען דורכצוגעהען די גאַסען. מאַסען מענשען האָבען זיך אַ שאָט געטהאָן און האָבען איהם מיטגעשלעפּט געגען זיין אייגענעם ווילען. פֿון צייט צו צייט פֿלעגט ער אַ בליק טהאָן אויף'ן עולם אַרום, אָבער ער פֿלעגט נאָר טרעפֿען גלייכגילטיגע פּנים'ער פֿון מענשען, וועלכע זיינען געגאַנגען זעהן דעם עשאַפֿאָט, אַזוי ווי מי געהט אין אַ טהעאַטער, און ער פֿלעגט זיך אָבקעהרען מיט אַ צובראָכענע האַרץ און זיך פֿערטיעפֿען אין זיינע פֿינסטערע געדאַנקען. ער איז געווען אַרומגערינגעלט פֿון אַלע זייטען מיט מענער

און פרויען און זיי האָבען איהם אַלץ געטראָגען ווייטער. אָפּט פּלעגט מען זיך אַלץ מוזען אָבשטעלען, דען דער וועג איז געווען פערשטעלט מיט אַנדערע מענגעס. פון וויימען האָט מען נאָר געקענט זעהן אַ ים מיט קעפּ.

ענדליך האָט זיך אַנדריי דורכגעשטופּט און האָט זיך געפונען אויף אַ ברייטען, אָפּענעם פּלאַץ. ער האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און אַ ציטערן האָט דורכגענומען זיין גאַנצען קערפּער, און דער הייסער שוויים איז פּלוצלינג קאַלט געוואָרען. הויך אונטערן הימעל איז פאַר איהם געשטאַנען דער עשאַפאָט מיט פיער תליות — שרעקליך! ער האָט געקענט זעהן די שטריק, די טרעפּלאַך וואָס פיהרען צו דעם עשאַפאָט און דעם געזונטען תליון, וועלכער האָט זיך אַרומגעשפּאַצירט צופרידען אויף דער פּלאַטפאָרמע אין אַ רויטע העמדעל, וואַרטענדיג אויף די אָפּפער.

אַנדריי האָט ניט געקענט פערטראָגען דיזעס שרעקליכע בילד, און ער האָט זיך די גרעסטע מיה געגעבען זיך דורכצושטופען צוריק דורך די געדיכטע מאַסען, ביז ער איז ענדליך צוגעקומען צו אַ גאַס, וואו די פערורטהיילטע האָבען בעדאַרפט פערבייפאָהרען אויף דעם שאַנדוואָגען, און ער איז דאָרט געבליבען שטעהן אין די פאָדערסטע רייהען, הינטער די פּאָליציסטען, וועלכע האָבען געהאַלטען די גאַס פריי פון מענשען.

ער האָט זיך אָנגעפאַנגען אַרומצוקוקען און זיך צוהערען צו די רייד פון דעם עולם, וואָס איז געשטאַנען אַרום איהם. ער האָט זיך גראַדע געפונען צווישען אַ מאַסע פון איינפאַכע אַרבייטער, פּראָסטע בשר ודם׳ניקעס. אַ יונגער פּויער האָט זיך גאַנץ געמיטליך געגעסען סעמעטשקעס. אַן אַלטע פרוי האָט געשטראָפט איהר טאָכטער, פאַר וואָס זי האָט ניט צורעכט געמאַכט דעם פייער פאַר׳ן אַוועקגעהן. איניגע האָבען זיך געשושקעט, אַנדערע האָבען געזאָגט גלייך־ווערטלאַך, אָבער אין דער גאַנצער מענגע האָט זיך ניט געפונען קיין מענש, וואָס זאָל אויסדריקען עפּעס אַ טרויער־געפיהל און אויף וועמעס פּנים מי זאָל בעמערקען אַ שטיקעל אויפרעגונג.

עטליכע ארבייטער האָבען אין דער הויף גערעדט „פּאָליטיק". אַנדריי האָט זיך צוגעהערט. אַ מאַן מיט אַ ציגענע בערדעל און מיט אַ פֿערברענטען געשטופּעלטען פּנים, אָנגעטהאָן אין איינפֿאַכע רוסישע קליידער, האָט איינגע'טענה'ט מיט אַן אַנדער פויער:

„די פּאָליציי האָט אַרעסטירט פֿיער — אָט דיזע וואָס מי וועט באַלד היינגען. דעם פֿינפֿטען אָבער, וועלכער איז געוועזען זייער עלצטער, האָט מען ניט געפּאַקט, ווייל ער האָט זיך פֿערשטעלט פֿאַר אַ געלע קאַץ און איז דורכגעשפּרונגען דורך'ן קוימען. אָבער ער פֿלעגט אלע טאָג קומען אין דער געשטאַלט פֿון אַ קאַץ אין הויז און די פּאָליציי האָט איהם ענדליך געפּאַקט. יעצט איז ער ביי דעם אַרכיבּישקופּ וועלכער האַלט אין איין מתפלל זיין איבער איהם, אום צו פֿערטרייבען דעם כשוף און איהם צו צווינגען אָנצונעהמען צוריק די געשטאַלט פֿון אַ מענשען."

„אַזוי? איז דאָס טאַקע אמת?" האָט דער פויער אויסגערופֿען, זעהר פֿערוואונדערט.

„געוויס איז עס אמת. אַלע זאָגען, אַז אַזוי איז געשטאַנען אין די צייטונגען."

אַנדריי האָט זיך דאַן דערמאָנט, ווי די רעפּאָרטער פֿון צייטונגען האָבען בעשריבען די געלע קאַץ, וועלכע האָט געמיאוקעט אין זינאַ'ס וואוינונג פֿאַר הונגער נאָך דעם אַרעסט. זיי האָבען עס געטהאָן, אום אָנצושרייבען מעהר שורות און קריגען דערפֿאַר מעהר געלד. אבער די פֿאַנטאַזיע פֿון'ם אַבערגלייבישען רוסישען פֿאָלק האָט פֿון דער גאַנצער טראַגעדיע אויסגעקליבען דיזען פּונקט מכח דער קאַץ און האָט פֿערפֿאַסט אַ משונה'דיגע געשיכטע.

אַנדריי האָט אָבער קיין צייט ניט געהאַט נאָכצודיינקען וועגען דעם, דען באַלד האָט זיך אָנגעפֿאַנגען אַ שטאַרקער גערודער אין דער מענגע, און איינער האָט איבערגעגעבען דעם אַנדערן:

„זיי קומען! זיי קומען!"

אַזוי גיך ווי דער קלאַנג פֿון באַראַבאַנעס האָט זיך געלאָזט הערען פֿון ווייטענס, זיינען אַלע שטיל געוואָרען און האָבען אויסגעצויגען

זייערע העלזער, אום צו קענען בעסער זעהן. באַלד איז פֿערבייגעלאָפֿען אַן עסקאַדראָן קאַוואַלעריע, אום צו פֿערנעהמען דעם פּלאַץ אַרום דעם עשאַפֿאָט, און נאָך זיי האָבען פֿערביי גערימען קאָזאַקען. קיינער האָט אָבער ניט אומגעדרייט דעם קאָפּ צו זעהן, וואוהין זיי רייטען. אַלע האָבען נאָר געקוקט פֿאָראויס, אום צו בעטראַכטען דעם שאַנד־וואָגען מיט די פֿעראורטהיילטע.

ענדליך האָט זיך בעוויזען די שרעקליכע פּראָצעסיאָן, און עפּעס אַ ציטער איז דורכגעגאַנגען דורך די געדיכטע מענגע. אַנדריי האָט דערזעהן פֿון וויטען אַ מאַסע בליסטשענדע פּיקעס, בלאַנקע שווערדען און נאַכהער קעפּ, בעדעקט מיט בליסטשענדע קאַסקעס. אַלעס צוזאַמען האָט געהאַט דעם אויסזעהן פֿון אַ שרעקליכע בעשעפֿענים.

אַלע זיינען געגאַנגען לאַנגזאַם, אַזוי ווי נאָך אַ לויה. צייטענווייז האָט מען געקענט הערען דעם קלאַנג פֿון באראַבאַנעס. ווען די סאָלדאַטען זיינען צוגעקומען נעהענטער, האָט אַנדריי געקענט בעמערקען דעם שאַנד־וואָגען. זיינע העלדישע פֿריינד אָבער, וועלכע האָבען דאָרט בעדאַרפֿט זיין צוגעבונדען, האָט ער ניט געזעהן. נאָך עטליכע שריט פֿון דער שרעקליכער פּראָצעסיאָן, האָט ער אויסגעפֿונען, פֿאַר וואָס ער האָט זיי אין אָנפֿאַנג ניט דערזעהן.

אין רוסלאַנד פֿיהרט מען צום עשאַפֿאָט מיט'ן פּנים צום הינטען. יעדערער פֿון די פֿעראורטהיילטע איז געווען צוגעבונדען מיט שוואַרצע לעדערנע פּאַסען צו אַ הויכען שטוהל, מיט'ן רוקען צום עולם. זיי זיינען געווען אָנגעטהאָן אין היקע, ברייטע מאַנטלען און זיי האָבען אויסגעזעהן, אַזוי ווי זיי וואָלטען געווען אַרומגעוויקעלט מיט קאָלדרעס. מי טהוט בכיון אָן די פֿעראורטהיילטע אַזוי מיאום און שענדליך, כדי זיי זאָלען ניט קענען מאַכען אַזאַ איינדרוק אויף'ן פֿאָלק מיט זייער שיינעם, איידעלען און טאַפּפֿערן אויסזעהן.

אַנדריי האָט נאָר געקענט דערקענען זיינע פֿריינד דורך די פֿאַרב פֿון זייערע האָר. זינא'ן אָבער האָט ער ניט געקענט דערקענען ביז דער שאַנד־וואָגען איז צוגעקומען גאַנץ נאָהענט, דען מי האָט איהר אונטערגעשאָרען איהרע שיינע, לאַנגע האָר, איהר לייכטער צו הייגען.

„אַך, וואָס האָבען די בלוט־הינט געמאַכט פֿון דיזער שיינער און העלדישער זינאַ'ן !" האָט אַנדריי מיט אַ פֿערוויינאָגטע האַרץ געטראַכט. „עס איז דאָך איהר גאָר ניט מעגליך צו דערקענען אין דיזער העסליכער שטיק טוך."

ער האָט געציטערט פֿאַר כעס און מיטלייד. דאָס האַרץ האָט איהם געקלאַפּט, אַזוי ווי עס וואָלט זיך געריסען אַרויסצושפּרינגען פֿון זיין געדריקטע ברוסט. די האָר האָבען זיך געהויבען אויף זיין קאָפּ און זיינע אויגען האָבען געקוקט אויף איין פּונקט, אַזוי ווי זיי וואָלטען געוועזען צוגעשמיט.

עס איז איהם געוועזען פיינליך צו קוקען, אָבער ער האָט זיך ניט געקענט אָברייסען. שרעק האָט זיין צוציהונגס־קראַפֿט, אַזוי ווי שיינקייט. פֿונדעסטוועגען וואָלט ער פֿילייכט אָבגעשפּרונגען פֿון דער הערצרייסענדער סצענע, דען ער האָט מורא געהאַט, אַז ער וועט משוגע ווערען, ווען ער וועט זיי דערזעהן אויג צו אויג. די איינגעשאַפּט אַרום איז אָבער געוועזען אַזוי גרויס, אַז מי האָט אפילו אַ האַנד ניט געקענט אַרויסציהען.

ווען דער שאַנד־וואָגען איז צוגעפֿאָהרען, האָט אַנדריי געזעהן, ווי באָרים האָט אָנגעווענדעט זיין גאַנצע מיה, זיך צו געבען אַ דרעה אָן אַ זייט. די לעדערנע פּאַסען אָבער האָבען איהם געהאַלטען פֿעסט אויף זיין שטול. באָרים האָט עפּעס געמאַכט מיט די ליפּען. ער האָט געווים געוואָלט אויסשרייען עטליכע ווערטער צום פֿאָלק, אָבער דער קלאַנג פֿון די באַראַבאַנעס האָט פֿערהילכט זיין שטימע. ער האָט עטליכע מאָל פּרובירט ריידען אויף'ן וועג, אָבער אַן אָפֿיציער פֿלעגט גלייך הייסען קלאַפּען אין די באַראַבאַנעס, וועלכע זיינען אָנגעגרייט געוועזען צו דיזען צוועק. זעהענדיג, אַז ער קען גאָר ניט מאַכען מיט זיין דרעהען זיך, האָט זיך באָרים מיט כעס געזעצט אויף זיין שטול און האָט נאָר געוואָרפֿען פֿייעריגע בליקען אויף די סאָלדאַטען, וועלכע האָבען אַרומגערינגעלט דעם שאַנדוואָגען פֿון אַלע זייטען.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט אַנדריי אָנגעהויבען צו זעהן די געזיכטער פֿון אַלע זיינע פֿריינד.

בּאָרים האָט געקוקט ווי אַ העלד, וואָס גיט זיך ניט אונטער, אפילו ווען ער ליגט שוין האַלב טויט, ווען זיינע הענד און פֿיס זיינען שוין געשמידט. וואָסילי האָט עפּעס גערעדט צו באָטשאַראָוו׳ן, וועלכער האָט געענטפֿערט מיט אַ טרויעריגען שמייכעל. וואָסילי האָט דאָ ניט אויסגעקוקט אַזוי פראָסט, ווי פֿריהער. זיין געזיכט האָט פֿערלאָרען דעם פּויערשען אויסקוק און האָט בעקומען אַזאַ אינטעליגענטען, ערעלען אויסדרוק, אַז אַנדריי האָט איהם קוים דערקענט.

נאָך מעהר ווי אויף זיי האָט ער געקוקט אויף זינאַ׳ן. דאס גאַנצע פֿערזאַמעלטע פֿאָלק האָט האָט זעלבע געטהאָן. אַלע אויגען זיינען געווען אָנגעשטעלט אויף איהר, אַזוי ווי זי וואָלט געווען אַ קעניגין און דער שאַנד־וואָגען וואָלט געווען אַ גאָלדענע קאָראָנאַציאָן־קאַרעטע.

זי איז זיך געזעסען רוהיג לעבען איהר מאַן און איהר שיינער, ערעלער פּנים איז געווען רויטלאַך און פֿערשעהמט פֿון די טויזענדער דורכדרינגענדע בליקען, וואָס זי האָט איבעראַל בעגעגענט. וואו זי האָט נאָר געווענדעט איהרע אויגען. פֿון צייט צו צייט האָט זי געוואָרפֿען אַ טרויעריגען בליק, פֿול מיט גוטסקייט און מיט מיטלייד צו דעם פֿאָלק, וואָס האָט געענטפֿערט מיט׳ן זעלבען בליק.

אין דער זעלבער צייט האָט זי אויך געזוכט אויסצוגעפֿינען אַ בעקאַנטען פֿריינד צווישען די געדיכטע מענגע. אין איהר לעצטען בריעף צו אַנדריי׳ן, וועלכען ער האָט ערשט מיט צוויי טעג שפּעטער בעקומען, האָט זי געשריבען, אַז אַלע פֿיער פֿעראורטהיילטע וועלען זיין זעהר ערמונטערט און צופֿרידען, ווען איינער פֿון זייערע פֿריינדע וועט פֿערנעהמען אַ גוטען פּלאַץ אויף דעם וועג צום עשאַפֿאָט, זאָ דאָס זיי זאָלען איהם קענען זעהן און זאָגען אַדיע מיט די אויגען. זי האָט אַלזאָ ערוואַרטעט, אַז אַנדריי וועט קומען זיי זעהן, און זי האָט איהם יעצט גענומען זוכען.

ענדליך האָט זי איהם דערזעהן. ער איז געשטאַנען ניט ווייט פֿון וואָגען און האָט ניט אראָבגעלאָזט קיין אויג פֿון איהר. זייערע בליקען האָבען זיך בעגעגענט, און אַנדריי איז געוואָרען אַ צומישטער. ער האָט זיך קיין מאָל ניט געקענט ערקלעהרען, ווי אַזוי דאָס איז

געקומען. אָבער אין דיזער טראַגישער מינוט האָט ער אין אַלעם פֿערגעסען. האַרץ־ווייטאָג, שרעק, כעס, ראַכע, פֿערצווייפֿלונג — אַלעם איז געווען פֿערגאָסען פֿון איין געפֿיהל, וואָס ער האָט ניט געקענט אויסדריקען מיט ווערטער. דאָס איז ניט געווען בלויז קיין ענטהוזיאַזמוס, נאָר אַן איינפֿאכער דורשט צו זיין אַ מארטירער. עס האָט זיך איהם געוואָלט זיצען אויף אַ שטול, דאָרט אויף'ן שאַנד־וואָגען, זיין צוגעבונדען צוזאַמען מיט זיינע פֿריינד און געהן אויף'ן עשאַפֿאָט צוזאמען מיט זיי. דאָס איז געווען אַן אונבעגרייפֿליכע לוסט, זיך צו פֿערניכטען פֿאַר דער ליידענדער מענשהייט.

פֿערגעסענדיג, וואו ער געפֿינט זיך, האָט ער אויסגעשטרעקט זיינע ציטערענדע הענד צו זיי און האָט געמאַעט אַ שריט צום וואָגען. ער וואָלט פֿילייכט אויך אויסגעשריגען צו זיי עטליכע בעגריסונגס־ווערטער, וואָס וואָלט איהם זיכער געפֿיהרט צו געפֿענגניס און עשאַפֿאָט, אָבער די שרעקליכע אינערליכע אויפֿרעגונג האָט אַזוי ווי פֿארשטיקט זיין האַלז. ער האָט ניט געקענט אויסריידען אַ וואָרט, און זיין בעוועגונג איז ניט בעמערקט געוואָרען אין דער שרעקליכער ענגשאַפֿט, וואו יעדער איינער האָט זיך געשפארט פֿאָראויס צו זעהן בעסער די פֿעראורטהיילטע און האָט ניט געקוקט אָן אַ זייט.

ווען אַנדריי איז אַביסעל געקומען צו זיך און האָט געקענט זעהן וואָס אַרום איהם טהוט זיך, האָט ער דערזעהן, ווי צוויי פּאָליציייסקע שלעפּען אַ מאַן אונטער די הענד, און צו זיין איבערראַשונג האָט ער אין דעם מאַן דערקענט דעם זעלבען נאַרישען פּויער, וואָס האָט פֿריהער דערציילט דעם אונזין מכח דער געלער קאַץ. אין וועלכער אַנדריי האָט זיך פֿערשטעלט, אום צו אַנטלויפֿען פֿאַר דער פּאָליציי. דיזער פּויער איז אַזוי געריהרט געוואָרען פֿון דער שרעקליכער פּראָצעסיאָן, אַז ער איז געפֿאַלען אויף די קניע און האָט געבעטען גאָט פֿאַר די נשמות פֿון די פֿעראורטהיילטע אויף'ן קול.

דער שאַנד־וואָגען איז דערווייל פֿערבייגעפֿאָהרען, אָבער אַנדריי האָט שוין קיין לוסט ניט געהאַט נאָכצוגעהן. ער האָט דאָך שוין געזאָגט דעם לעצטען אַדיע צו זיינע פֿריינד. וואָס זשע זאָל ער ווייטער

געהן זעהן? ער איז געבליבען שטעהן, נאָכקוקענדיג די סאָלדאַטען און די מענגע, וואָס האָט זיך געשלעפּט נאָך'ן וואָגען און ווי עס איז נאָר געוואָרען אַביסעל גראַמער, האָט ער זיך אַ לאָז געטהאָן דורך אַ זייטיגע גאַס און איז ווידער געגאַנגען, וואו די אויגען האָבען איהם געטראָגען, ביסלאַכוויין אָבער האָט ער זיך אָנגעפאַנגען אַרומצוקוקען און צו בעדיינקען, און ווען ער איז צוגעקומען צום וועלדעל הינטער'ן שטאָט, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ניט ווייט געפינט זיך דער פּלאַץ, וואו עס איז געווען מיט זעכם מאָנאַט צוריק דער אונטערהאַלט, און וואו ער האָט פערבראַכט עטליכע אַנגענעהמע שטונדען אין דער געזעלשאַפט פון פיעלע פון די, וועלכע ווערען שוין יעצט מעהר ניט געציילט צווישען די לעבעדיגע.

אויף יענעם פּלאַץ איז ער יעצט געגאַנגען פּונקט אַזוי ווי איינער געהט אויף אַ בית עולם צו בעזוכען די קברים פון זיינע קרובים און פריינד. ער האָט אויסגעפינען דעם פּלאַץ און ער האָט זיך מיט אַ צובראָכען האַרץ דערמאָנט, אַז דאָ האָט וואולישש געזונגען מיט איהר זיסע שטימע, דאָרט האָט וואַסילי געקאָכט דעם מאַהלצייט, און אַרום זיינען געזעסען עטליכע פריינד, צווישען זיי אויך באָטשאַראָוו און די דוואָראָווס. אַלע זיינען געווען אַזוי פריילאַך, פול מיט האָפנונג — און וואָס איז יעצט געוואָרען!

אנדריי האָט אַראָבגעלאָזען דעם קאָפּ און האט אַ טיעפען זיפץ געטהאָן. מיט אַ מאָל איז איהם אַרויף אויף'ן געדאַנקען, אַז אַלעם האָט שוין געמוזט זיין פערטיג אויף דעם פושקאַרסקי פעלד און אַז אויף דער תליה זיינען נאָר געבליבען היינגען די קאַלטע קערפּער פון זיינע פיער פריינד. אַך! שרעקליך!

ער איז אַנידערגעפאַלען אויף דער ערד, בעדעקענדיג זיינע פּייכטע אויגען מיט זיינע הענד. ער איז אָבער באַלד צוריק אויפגעשפּרונגען אַזוי ווי אַ ווילדער, מיט אויגען, פול פייער און פערצווייפלונג.

„ניט וויינען און אַראָבפאַלען ביי זיך דאַרף אַ רעוואָלוציאָנער, נאָר קעמפּפען, און קעמפּפען מוטהיג ביז דעם לעצטען אַטהעם-צוג — ראַכע! ראַכע!"

אויסשרייענדיג דיזע ווערטער האָט זיך אַנדריי אַ לאָז געטהאָן צוריק אין שטאָט אַריין, אום ניט צו בלייבען אַליין מיט זיין פיינליכען טרויער אין דיזען איינזאַמען פלאַץ. ווען ער וועט זיין אַרומגערינגעלט פון פרעמדע מענשען וועט ער קענען זיין הארץ-ווייטאָג בעהאַלטען טיעף, טיעף, און זיין געזיכט וועט גאָר ניט אַרויסצייגען. אין דעם איז ער זיכער געוועזן.

אַריינקומענדיג אין שטאָט האָט ער שוין בעגעגענט די מאַסען, געהענדיג צוריק. די שרעקליכע טראַגעדיע האָט זיך געענדיגט, אָבער די צושויער זיינען געווען אזוי גלייכגילטיג, אַזוי ווי פאַר דעם.

„וויפיעל פון זיי וועלען יעצט קיין אַנדער געפיהל ניט האָבען, ווי נאָר צו עסען מיט אפעטיט נאָך דעם שפּאַציער?״ האָט זיך אַנדריי מיט ביטערנעס געפרעגט, קוקענדיג אויף די פערבייגעהער.

ער איז באַלד געקומען אין דער הויפּט-קוואַרטיר, וואו ער האָט, צו זיין איבערראַשונג, געפונען דזשאָרדזש׳ן, וועלכער איז געקומען אין דער פריה פון פעטערבורג.

XX.

זינא׳ס בריעף.

די רעוואָלוציאָנערן אין פעטערבורג האָבען זיך דערוואוסט פון דער אונגליקליכער עקספלאָזיאָן אין זאַאיקאַ׳ס הויז נאָך פריהער ווי אַנדריי אין דובראַווניק. די פּאָליציי פון דובראַווניק האָט נאַטירליך גלייך טעלעגראַפירט די וויכטיגע נייעס נאָך פעטערבורג. דאָרט, אין דער פעטערבורגער פּאָליציי, האָבען די רעוואָלוציאָנערן געהאַט איינעם וועלכער האָט זיי גלייך געלאָזט וויסען דערפון. זיי האָבען זיך אויך דערוואוסט, אַז עס איז קיין סוד ניט, אַז אַנדריי איז אין דובראַוויניק

און אַז אַ היבשע צאָהל געניטע שפּיאָנען, וועלכע האָבען איהם געקענט אין געזיכט, וועלען אַרויסגעשיקט ווערען איהם צו פּאַקען. טאַניאַ האָט דאַרום געבעטען דזשאָרדזש׳ן, ער זאָל גלייך מיט אַ שנעל־צוג אַוועק פּאָהרען נאָך דובראַווניק, אום בעצייטענס צו לאָזען וויסען אַנדריי׳ן פון דער נייער געפאַהר.

שווייגענד און מיט צובראָכענע הערצער האָבען זיך אַנדריי און דזשאָרדזש געדריקט די הענד. אין דער הויפּט־קוואַרטיר, וואו זיי האָבען זיך געטראָפען, זיינען שוין געווען פערזאַמעלט פיעלע פון די דובראַווניקער רעוואָלוציאָנערן. אין מיטען צימער איז געשטאַנען אַ בעיאָהרענטער מאַן, און האָט מיט טרעהרען אין די אויגען דערציילט, ווי די פעראורטהיילטע האָבען זיך געהאַלטען פאַר׳ן טויט אויף דעם עשאַפאָט.

דאָס איז געווען דער „פעטער״, ווי די יונגע ניהיליסטען האָבען איהם גערופען. ער איז געווען אַ הויכער בעאַמטער און איז דאַרום צוגעלאָזען געוואָ־ען אויף דער פּלאַטפאָרמע פון עשאַפאָט, וואו ער האָט זיך געשטעלט, אום די פעראורטהיילטע זאָלען חאָטש זעהן איין פריינדליכען פנים צווישען אַזוי פיעל פיינדע.

אַלע האָבען אויסגעהערט זיין ערצעהלונג מיט אַראָבגעלאָזענע אויגען. קיינער האָט ניט געוואַגט איהם איבערצוּשלאָגען און איהם צו שטעלען פראַגעס.

ווען דער „פעטער״ האָט אָנגעפאַנגען צו דערציילען, ווי אַזוי מי האָט די פעראורטהיילטע אויפגעהאַנגען, האָט דזשאָרדזש מעהר ניט געקענט אויסהאַלטען און האָט אויסגעבראָכען אין אַ היסטערישען געוויין

אַנדריי האָט איהם אָבער באַלד אָנגעחאפּט פאַר די פלייצעס, און טרייסלענדיג איהם מיט אַלע כחות, האָט ער אויסגעשריגען מיט אַ פלאַמענדען כעס:

„אָה, דו צאַרטע פרוי!״ ניט מיט טרערען, נאָר מיט בלוט מוז מען ענטפערן אויף אַזעלכע גרויזאַמע טהאַטען!״

אַ גרויסע און שרעקליכע אידעע איז איהם אין דער מינוט אַרויף אויף׳ן געדאַנק. ער האָט אָבער דערפון קיינעם קיין וואָרט ניט געזאָגט

ער האָט געוואָלט אַליין לאַנג און ערנסט נאָכדיינקען דאַריבער, איידער ער וועט דערפֿון עטוואָס לאָזען וויסען זיינע בעסטע חברים. עס זיינען דאָ ווערטער, וואָס עס איז אַ פֿערברעכען זיי סתם אַרויסצורײדען און אַ שאַנדע זיי צוריקצוציהען, ווען מי האָט זיי שוין איינמאָל פֿאַר וועמען עס איז אויסגעשפּראָכען.

ביסלאַכווייז האָבען די פֿערזאַמעלטע רעוואָלוציאָנערן אָנגעהויבען צו ריידען. באַלד האָט מען געהערט היציגע אויסרופֿע פֿון ראַבע, פֿון שנעלער ראַבע. אַלע זיינען געקומען צו דעם זעלבען שלוס, אז מען מוז שיקען אויף יענער וועלט דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר, דעם הויפּט־פּראָקוראָר און דעם גענעראַל פֿון די זשאַנדאַרען, אום צו צייגען דער וועלט, אַז די רעוואָלוציאָנערן זיינען נאָך שטאַרק און קענען נעהמען נקמה פֿאַר זייערע געפֿאַלענע קאַמעראַדען.

אַנדריי אַליין האָט זיך ניט געמישט אין דיזע היציגע רייד. ער איז געבליבען זיצען פֿערטיעפֿט אין וויכטיגע געדאַנקען. עס וועט ניט זיין שלעכט צו הרג'ענען דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר, האָט ער ביי זיך געטראַכט, ווען די אַנדערע האָבען דערפֿון גערעדט. ער האָט גאָר ניט דאגעגען, אָבער איז עס דען ווערט די גאַנצע מיהע? וואָס איז דער נוצען פֿון די אָנגריפֿע אויף קליינע און אויף גרויסע בעאַמטע אפילו, וועלכע זיינען נאָר שקלאַפֿען פֿון'ם צאַר און זיינע מיניסטאָרען? וואָס פֿאַר אַ מאַכט האָבען זיי הען אליין? זאָל מען זיי היינט אָבזאָגען פֿון זייערע שטעלען און זיי וועלען גאָר קיין ווערדע ניט האָבען. די שרעקליכע געביידע פֿון דעספּאָטיזמוס וועט זיך אפילו אַ שאָקעל ניט טהאָן, ווען מי וועט אַוועק'פּטר'ן עטליכע בעאַמטע פֿון דער וועלט. די רעגירונג וועט אַלע מאָל קענען ענטפֿערן אויף די אַטאַקען פֿון די רעוואָלוציאָנערן מיט נאָך גרעסערע און גרויזאַמערע פֿערפֿאָלגונגען, און די גאַנצע רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג וועט אויסזעהן ווי אַ געשלעג צווישען פּאָליציי און ניהיליסטען. אום אָבער צו געבען אַ טויט־קלאַפּ דעם רוסישען דעספּאָטיזמוס, מוז מען שלאָגען אויף'ן ריכטיגען פּלאַץ. מי מוז אָנגרייפֿען דעם שפּיץ פֿון ד'ער טיראַניי, איהר קאָפּ — און דאָס איז דער צ אַ ר אליין!

צו דיזען בעשלוס איז ער בילאַכוויז געקומען. אָבער די אַנדערע האָבען נאָך אַזוי ווייט ניט געהאַלטען. זייער געשפרעך האָט דאַרום פאַר איהם קיין גרויסע אינטערעסע ניט געהאַט. ער האָט אָבגערופען דזשאָרדזשן און איז מיט איהם צוזאַמען אַרויסגעגאַנגען.

זיי זיינען אַוועק אין אַ זייטיגען טהייל פון שטאָט, כדי זיי זאָלען זיך קענען דורכריידען אונגעשטערט. דזשאָרדזש האָט איהם דערציילט, וואַרום ער איז געקומען נאָך דובראַווניק און האָט פערלאַנגט, אַז ער אָל נאָך דעם זעלבען אָבענד אַברייזען נאָך פעטערבורג, אום די שפיאָנען זאָלען בלייבען מיט לאַנגע נעזער.

אַנדריי האָט גלייך איינגעווילינט, דען ער האָט שוין מעהר ניט געהאַט וואָס צו טהאָן אין דובראַווניק און ער האָט געוואָלט זיין אין פעטערבורג וואָס גיכער.

די צוויי פריינדע האָבען אַזוי אַרומגעשפּאַצירט דעם גאַנצען פאָרמיטאַג און האָבען זיך גוט דורכגערעדט איבער פאַרטהיי־זאַכען. דזשאָרדזש, וועלכער האָט אפנים פערגעסען, ווי נידערגעשלאָגען ער איז ערסט ניט לאַנג געווען, איז מיט אַמאָל געוואָרען מוטהיג און האָט מיט היץ זיך אָבגערופען צו אַנדריי'ן:

„מיר דאַרפען ניט פערלירען דעם מוטה דורך דיזע נידערלאַגען. אונזער זיעג היינגט נאָר אָב פון אונזער פעהיגקייט, צו פאַרטראָגען איין נידערלאַגע נאָך דער אַנדערער."

„יאָ," האָט אַנדריי געענטפערט. „מיר מוזען אָבער אַזוי צילעווען אונזערע קלעפ, אַז אפילו אונזערע נידערלאַגעס זאָלען מאַכען גרויסע שטערונגען און אונרוהען אין דער רעגירונג."

„וואָס מיינסט דו דערמיט?" האָט דזשאָרדזש שנעל געפרעגט, קוקענדיג אַנדריי'ן גלייך אין די אויגען.

„דאָס וועסט דו וויסען מיט דער צייט," האָט אַנדריי מיט אַ האַלבען מויל געענטפערט.

ווען זיי זיינען צוריק געקומען אויף זייער קוואַרטיר האָבען זיי געפונען וואַטאַזשקאָ'ן און דאַוויד'ן, וועלכע האָבען מיט דער גרעסטער אונגעדולד געוואַרט אויף אַנדריי'ן. די אורזאַכע איז געווען, דאָס דער

וועכטער האָט געלאָזען וויסען, אַז ער האָט אַ בריעף פֿון זינאַ'ן, נאָר ער האָט איהם ניט געוואָלט אָבגעבען קיין אנדערן אויסער אַנדריי'ן. דעם וועכטער האָט מען צו דער צייט ניט געקענט זעהן סיידען אין געפֿענגנים גופא, און אַזוי ווי אַנדריי האָט ביינאַכט געוואָלט אָברייזען נאָך פעטערבורג, האָט ער בעשלאָסען אַליין צו געהן אין געפֿענגנים, זעהן דעם וועכטער. זיינע פֿריינד האָבען איהם געוואָלט אָבהאַלטען פֿון דיזען געפֿעהרליכען גאַנג, ער האָט זיי אָבער אויף קיין פֿאַל ניט געוואָלט הערען.

„היינט איז גראַדע דער טאָג, ווען מי לאָזט צו בעזוכער צו פּאָליטישע געפֿאַנגענע," האָט אַנדריי מיט ענטשלאָסענהייט געזאָגט. „איך וועל געהן צו אונזער פֿריינדין וואַריאַ, און זי וועט מיט מיר געהן אין געפֿענגנים, אום צו זעהן די פֿריילין דוראָראָוו. איך וועל צו גלייכער צייט נעהמען אַבשיעד פֿון איהר."

„אָבער מי וועט דאָך דיך דערקענען און אַרעסטירען אויף'ן אָרט! זיי דאָך ניט פֿערריקט!" האָט דזשאָרדזש אויסגעשריגען.

„האָב נאָר קיין מורא ניט. ווערמען וועט עס גאָר איינפֿאַלען, אַז איך וועל וואַגען צו קומען אין'ם בעזוך-צימער פֿון געפֿענגנים? עס שיינט גאָר ניט צו זיין אַזוי געפֿעהרליך. אויסער דעם וואָלט איך אפילו געגאַנגען, ווען עס וואָלט ווירקליך געווען געפֿעהרליך. איך מוז בעקומען דעם בריעף, איידער איך פֿערלאָז דובראַווניק!"

די לעצטע ווערטער האָט ער אַרויסגעזאָגט מיט אַזאַ ענערגישען און ענטשלאָסענעם טאָן, אַז זיינע פֿריינד האָבען שוין גאָר מעהר ניט פרובירט איהם אָבצוהאַלטען. דאויד האָט געוואָלט געהן מיט אַנדריי'ן צוזאַמען, אום איהם צו העלפֿען אין פֿאַל פֿון נויט. אַנדריי האָט עס אָבער ענטזאַגט און איז גלייך אַוועק צו זיין פֿריינדין, וועלכע, ער האָט געהאָפֿט, וועט איהם בעגלייטען אין געפֿענגנים.

XXI.

אין געפאהר.

וואַריאַ וואָינאָוואַ איז געווען אַן אַנגעזעהענע פרוי אין דובראַווניק. זי האָט זעהר סימפּאַטיזירט מיט די רעוואָלוציאָנערן און זי האָט זעהר פיעל געטהאָן פאַר דער בעוועגונג. צווישען די ניהיליסטען האָט מען איהר גערופען: די מוטער פון אַלע פאָליטישע געפאַנגענע. און זי איז דאָס ווירקליך געווען. זי פלעגט צושטעלען די געפאַנגענע געלד, ביכער און שפייז, ווען מי האָט נאָר בעדאַרפט.

אַנדריי האָט איהר געפונען אין דער היים. זי האָט זיך געהאַלטען אין פאָרבערייטען צום בעזוך, וואָס זי האָט היינט געדאַרפט מאַכען אין געפענגניס. זי האָט ווייניג וואָס געהאַט געגען אַנדריי'ס פערלאַנג. זי האָט געוואוסט, ווי פראָסט און איינפאַך עס געהען צו די וועכענטליכע וויזיטען, וואָס זי פלעגט שטענדיג מאַכען אין געפענגניס, און אַנדריי'ס פּלאַן האָט ביי איהר אויסגעזעהן, ווי אַ פיינער שפּאַס.

„וואָס וועט די פּאָליציי זאָגען," האָט זי זיך געטראַכט, ווען זי וועט זיך דערוויסען, אַז אַנדריי איז אַליין געקומען אין געפענגניס?"

זי האָט איהם געגעבען אַ קערבעלע מיט עסענוואַרג און עטליכע ביכער און זיי זיינען אַוועק אָבשטאַטען זייער בעזוך. ווען זיי זיינען צוגעקומען נאָהענט צום געפענגניס, איז וואַריאַ פונדעסטוועגען געוואָרען אונרוהיג און האָט מיט אַן ערנסטע שטימע געזאָגט:

„פאָלגט מיך, קאָזשוכאָוו, גיט מיר דאָס קערבעלע און געהט בעסער אַהיים. איך האָב זעהר מורא, אַז אייער שפּאַס קען נאָך האָבען אַ טרויעריגע ענדע."

אַנדריי האָט אויפגעהויבען זיין קאָפּ, אַזוי ווי מי וואָלט איהם אויפגעוועקען פון שלאָף.

„וואָס עס מוז זיין, מוז זיין!" האָט ער געענטפערט, אַ מאַך געבענדיג מיט דער האַנד.

אין אמת'ן האָט ער גאָרניט גערדיינקט, וואָס עס קען אַ־ויסקומען פון זיין משוגעת, און האָט כמעט גאָר ניט געהערט, וואָס וואַריאַ האָט איהם געזאָגט. זיין קאָפּ איז גראַדע געווען פערנומען מיט'ן געדאַנק אַז פון דיזען טויער פון דעם העסליכען געפענגניס האָט מען דאָס אַרויסגעפיהרט זיינע פריינד צום עשאפאָט.

זיי זיינען סמיעלע צוגעגאַנגען צום טויער. דער וועכטער האָט אויפגעעפענט די אייזערנע טהירעל, האָט זיי אַריינגעלאָזט און האָט איהר נאַכהער רוהיג פערשלאָסען. אַנדריי איז געבליבען אין דעם טיגער'ס לאַפּעס.

ווען אַנדריי האָט זיך געפונען הינטער דעם גרויסען טויער פון געפענגניס, אין דעם דונקעלען פאָרהויז, דורך וואַנען ער האָט געמוזט צוקומען צום צימער, וואו מי לאָזט אַריין די בעזוכער, האָט ער געפיהלט, אַז אַ שווידער געהט איהם איבער אין אַלע גליעדער. ער האָט אָבער שנעל אַראָבגעוואָרפען פון זיך די שרעקענדע געדאַנקען און איז אָהן מורא נאָכגעגאַנגען נאָך דער גוטער וואַריאַ.

זי איז זיך געגאַנגען רוהיג און פריי, אַזוי ווי אַ בעל הבית'טע ביי זיך אין הויז. אַלע וועכטער האָבען איהר גוט געקענט און האָבען איהר בעטראַכט פאַר אַ מין בעאַמטע. דאַרום האָט זיך קיינער אפילו ניט אומגעקוקט מיט וועמען זי קומט און וואוהין זי געהט.

ווען זיי זיינען אַריינגעגאַנגען אין וויזיט צימער, האָבען זיי שוין געפונען אַ סך בעזוכער, וואָס זיינען געקומען זעהן זייערע געפאַנגענע קרובים אָדער פריינדע. מיט פיעלע פון די בעזוכער איז וואַריאַ געווען גוט בעקאַנט. זי האָט זיך מיט זיי פעררעדט, און האָט באַלד גאָר פערגעסען אין דער געפאַהר פון איהר קומען מיט אַנדריי'ן. מי האָט געהאַט אַ סך צו וואַרטען, דען פריהער האָט מען צוגעלאָזען בעזוכער צו געוויינליכע אַרעסטאַנטען, און וואַריאַ האָט געהאַט גענוג צייט צו דערציילען אַנדריי'ן פיעלע הערצרייסענדע געשיכטען פון פאָליטישע געפאַנגענע, וועמען די בעזוכער האָבען יעצט געוואַרט צו זעהן. דאָס איז געווען גענוג אָבצופרישען אַנדריי'ס וואונדען. זיין האַרץ האָט געקאָכט פאַר כעס און געבלוטעט פאַר שמערץ.

ענדליך האָט זיך בעוויזען דער אויפזועהער פון געפענגניס און האָט אויסגערופען: „בעזוכער פאַר די פּאָליטישע!"

וואַריא איז גלייך צו איהם צוגעלאָפען און האָט איהם געזאָגט מיט איהר קלינגענדער שטימע:

„גוטען טאַג, מיכאַאיל איוואנאָוויטש! איך וועל אייך פאָרשטעלען דעם ברודער פון די פריילײנס דודאָראָוו. ער איז עקסטרא געקומען פון מאָסקווא, נאָר צו זעהן זיינע שוועסטער, און ער מוז מאָרגען אָברייזען. ער האָט קיין צייט ניט געהאַט צו ברײנגען אַן ערלויבניס, אָבער איך בין זיכער, אַז איהר וועט מיר ניט אָבזאָגען אַזאַ קליינע געפעליגקייט און איהר וועט איהם דאָך צולאָזען, זיך צו זעהן מיט זיינע אָרעמע שוועסטער."

דער אויפזועהער האָט געוואָרפען אַ שאַרפען בליק אויף אַנדריי'ן, וועלכער האָט זיך זעהר העפליך פערנייגט פאַר איהם.

„פערשרייבט זיין נאָמען אין בוך," האָט דער אויפזועהער מיט אַ שטרענגען טאָן געזאָגט צו וואַריאַ'ן. „זאָל דאָס אָבער נאָך אַמאָל ניט פאָרקומען. איהר ווייסט דאָך די געזעצע."

אָבער דאָ האָט זיך גראַדע געמאַכט אַ צופאַל, וואָס האָט זיך געקענט ענדיגען זעהר אונגליקליך פאַר אַנדריי'ן און וואַריאַ'ן. אַן אַלטער מאַן, וועלכער איז גראַדע געשטאַנען ניט ווייט, איז געוואָרען העכסט איבערראַשט, ווען ער האָט דערהערט, אַז אַנדריי'ן שטעלט מען פאַר אַלס דעם ברודער פון די דודאָראָווס. ער האָט ניט געוואָלט מאַכען קיין רעש באַלד, און האָט בעשלאָסען צו זעהן, וואָס עס וועט פאָרקומען און דערווײלע צו שווייגען.

„איך בעט אום ענטשולדיגונג," האָט ער געזאָגט, צוגעהענדיג צום אויפזועהער. „איך בין אויך געקומען זעהן די דודאָראָווס. איך בין טימאָפיי דודאָראָוו, זייער אָנקעל."

„איהר קענט זיי היינט ניט זעהן," האָט דער אויפזועהער קורץ און שאַרף געענטפערט. „איך קען אייך היינט ניט ערלויבען קיין וויזיט. עס זיינען שוין דאָ צוויי בעזוכער פאַר די דודאָראָווס, מעהר טהאָר איך ניט צולאָזען."

„אָבער איך האָב אַ ספּעציעלע ערלויבנים און זיי זיינען מיינע פּלימעניצעס. איהר לאָזט דאָך צו פּרעמדע," האָט דער מאַן געזאָגט, וואַרפענדיג אַ פערדעכטיגען בליק אויף אַנדריי'ן.

גליקליכער ווייזע אָבער האָט זיך שוין דער אויפזועהער געהאַט אומגעדרעהט צו געבען אַ בעפעהל צו די וועכטער און האָט ניט געהערט וואָס דער אַלטער האָט גערעדט. איידער דער אַלטער האָט נאָך פאַספּייעט אויסצוריידען נאָך אַ וואָרט, איז שוין דער אויפזועהער אַריין אין זיין צימער.

„דאָס איז דאָך גאָר ניט געהערט געוואָרען!" האָט דער אַלטער אויסגעשריגען מיט כעס. „איך וועל אַריינברייגגען אַ קלאַגע צום גובערנאַטאָר געגען דיזען אויפזועהער."

ער האָט געוואָלט אַריינגעהן אויסריידען דעם אויפזועהער נאָך אַ מאָל, אָבער דאָ האָט איהם וואַריאַ מיט געוואַלט אָבגעהאַלטען און האָט איהם געזאָגט אויף'ן אויער:

„וואָס ווילט איהר טהאָן! ער איז דאָך מאַשאַ'ס געליעבטער. זיי ווילען חתונה האָבען, אַזוי גיך ווי מי וועט איהר אָבשיקען נאָך סיביר. ער קומט טאַקע היינט, אום צו בעשטימען מיט איהר, ווי די זאַך אויסצופיהרען. איהר וועט זיי אַריינברייגגען אין אַ שרעקליכען אונגליק, ווען איהר וועט מאַכען אַ סקאַנדאַל. בלייבט נאָר רוהיג, איך וועל שוין אַלעס צורעכט מאַכען."

„אָה! אויב אַזוי, פערשטעה איך," האָט דער אַלטער געענטפערט מיט צופרידענהייט. „וואָרום האָט איהר מיר דאָס פאַראויס ניט געזאָגט?"

אָנשטאָט אַן אַנטוואָרט איז וואַריאַ אַריין צום אויפזועהער אין צימער, און דער אַלטער איז צוגעגאַנגען דריקען די האַנד פון זיין קינפטיגען פּלימעניק.

„איך ווייס שוין אייער סעקרעט, יונגער מאַן," האָט ער פריילי בעמערקט. „איך ווינש אייך גליק און פרייעדען."

אַנדריי'ס לאַגע איז געווען זעהר אַ קאָמישע, און ער האָט ווי עס איז אויסגעשטאַמעלט עטליכע ווערטער, וועלכע האָבען געזאָלט בעדייטען, אַז ער איז צופריעדען צו האָבען אַזאַ גוטען אָנקעל.

„יאָ, איך וועל אייך יעצט ניט שטערן צו זעהן מאַשאַ'ן," האָט דער אַלטער מיט נאָך אַ צופֿרידענערען טאָן געזאָגט. „איהר ווערט איבערגעבען מיין הערצליכען גרוס צו די מיידלאַך, איבערהויפּט צו אייער מאַשאַ'ן, נאַטירליך, אויב מ׳י וועט מיר ניט ערלויבען זיי אַליין צו זעהן היינט."

דער אַלטער האָט איהם אָנגעהויבען צו בעשרייבען און צו לויבען זיינע פּלימעניצעס און האָט גאָר ניט בעמערקט, אַז זיין נייער פּלימעניק הויבט איהם ניט אָן צו הערען. דערווייל איז אונטערגעקומען וואַריאַ און אַנדריי האָט זיך בעזאָנדערס דערפֿרייט איהר צו זעהן.

זי האָט טאַקע אַלעס צורעכט געמאַכט, אַזוי ווי זי האָט צוגעזאָגט. זי האָט בעקומען אַן ערלויבניס פֿאַר דעם אַלטען. ער וועט קענען זעהען פֿריהער די אינגערע שוועסטער און אַנדריי מיט וואַריאַ'ן וועלען בעזוכען די עלטערע נאכהער.

אין עטליכע מינוט אַרום האָט מען צוגעלאָזט דעם אַלטען זעהן זיין פּלימעניצע. אין אַ פֿערטעל שטונדע אַרום האָט ער זיך אומגעקעהרט זעהר צופֿריעדען. פֿערבייגעהענדיג לעבען אַנדריי'ן האָט ער צו איהם שטילערהייט געזאָגט:

„איך האָב אָנגעזאָגט מיין פּלימעניצע וועגען אייער קומען. מאַשאַ וועט זיין צופֿרידען עס צו הערען, ווי מיינט איהר?"

פֿיעלע אַנדערע בעזוכער זיינען פֿערבייגעגאַנגען לעבען אַנדריי'ן, און אויף זייערע פּראָצעסמערטע, דערשראָקענע געזיכטער האָט ער געקענט לעזען וואָס עס טהוט זיך ביי זיי אין האַרצען, וויפֿיעל האַרץ-קלעמענים און צרות זיי האָבען צו ליידען. אַנדריי האָט אימער געהאַט אייזערנע נערווען, אָבער יעצט האָט איהם דאָס האַרץ געריסען, קוקענדיג אויף די בעזוכער און אויף דער גאַנצער איינאָרדנונג אין געפֿענגניס. ער איז געשטאַנען ווי אויף הייסע קוילען. עס האָט איהם געשיינט, אַז אין זיין גאַנצען לעבען האָט ער זיך ניט אָנגעזעהן מיט אַזוי פֿיעל ליידען ווי אין דיזע פֿאַר שטונדען, וואָס ער האָט דאָ פֿערבראַכט.

ענדליך איז געקומען זיין רייהע. דער וועכטער האָט אויסגערופֿען „מאַריאַ דוראָראָוו!" און וואַריא האָט געהייסען אַנדריי'ן איהר נאָכגעהן

זי איז שנעל דורכגעלאָפען עטליכע דונקעלע קאָרידאָרען, וואו פיעלע מענשען זיינען געגאַנגען צוריק פון די וויזיטען, און זי איז געבליבען שטהען אין אַ הויכען צימער, וועלכער האָט מעהר אויסגעזעהן ווי אַ קאָרידאָר. אין דער לייגג פון דיזען צימער איז געווען אַן אייזערנע גראַטע, וועלכע האָט צוטהיילט דעם פּלאַץ אויף צוויי העלפטע. אונטער דער גראַטע זיינען געווען קליינע שטייגען און הינטער דיזע שטייגען האָט מען געקענט זעהן צוויי סאָלדאַטען אַרומגעהענדיג מיט ביקסען אויף די פּלייצעס, צו היטען די געפאַנגענע, וועלכע מ׳ פלעגט אַריינפיהרען איינציגווייז. ביים אַריינגאַנג זיינען געזעסען צוויי וועכטער אַכטונג צו געבען אויף די בעזוכער.

„אָבער וואו זיינען די געפאַנגענע?" האָט אַנדריי געפרעגט, אַרומקוקענדיג דעם צימער מיט אַ שנעלען בליק.

וואַריאַ האָט איהם ערקלעהרט, אַז די געפאַנגענע וועלען גלייך אַריינגעבראַכט ווערען און אַז ער זאָל פריהער אָבגעבען דעם פּעקעל זאַכען צו דעם וועכטער. אַנדריי איז גלייך צוגעגאַנגען צום וועכטער, צוליעב וועלכען ער איז אייגענטליך געקומען אין געפענגניס, און איהם דערלאַנגענדיג דעם פּעקעל האָט ער שטילערהייט געזאָגט:

„איך מוז היינט האָבען דעם בריעף. זאָגט מיר, וואו איך קען איהם געפינען."

דער וועכטער האָט זיך ניט געמאַכט הערענדיג. ער האָט זעהר פלייסיג אַרומגעקוקט יעדע זאַך פון דעם פּעקעל בעזונדער און האָט געענטפערט אַזוי ווי צו זיך ריידענדיג:

„אין מיין הינטער־צימער אונטערן אַלטען קאַסטען."

אַנדריי איז גלייך נאָכדעם רוהיג צוגעגאַנגען צו וואַריאַ׳ן, וועלכע האָט שוין בעגריסט די אַריינגעקומענע מאַריאַ דודאַראָווא. דאָס מיידעל איז געווען זעהר בלייך, אויסגעמאַטערט, מיט בלוטיגע ראַנדען אונטער איהרע לעבעדיגע סאַרע אויגען, אָבער זי האָט זיך פעסט געהאַלטען.

„אַלזאָ, דאָס זייט איהר עס מיין געליעבטער!" האָט זי פערוואונדערט אויסגערופען, ווען אַנדריי איז צוגעקומען צו דער גראַטע, הינטער וועלכער זי איז געשטאַנען. „איך האָב מיר גענוג מיין קאָפּ געבראָכען, ווער

עס האָט זיך דאָס געקענט אָנגעבען פֿאַר מיין געליעבטען און וואָס דאָס קען בעדייטען, ווען מיין שוועסטער האָט מיר מיטגעטהיילט די נייעס פֿון מיין אָנקעל. איך דאַנק אייך יעדענפֿאַלס פֿון גאַנצען האַרצען פֿאַר אייער קומען. עס פֿרייט מיך אַזוי אייך צו זעהן פֿון דער אַנדער זייט פֿון דיזע העסליכע און שרעקליכע גראַטעס. . ."

„איך בין אויך דערמיט זעהר צופֿריעדען," האָט אַנדריי געענטפֿערט מיט אַ שמייכעל. „אָבער וואָס מאַכט איהר? ווי געהט עס אייער שוועסטער?"

דאָס מיידעל האָט איהם איבערגעגעבען, אַז מי וועט זיי אין גיכען שיקען נאָך סיביר. זי האָט אויך געוואוסט אין וועלכען אָרט פֿון סיביר און אין וועלכער מינע זיי וועלען זיין, און אַנדריי, וועלכער האָט דאָרט געהאַט עטליכע אַלטע פֿריינד, האָט איהר געבעטען, זיי איבערצוגעבען זיין הערצליכען גרוס.

זי האָט איהם דאָס פֿערשפּראָכען צו טהאָן, אזוי גיך ווי זי וועט נאָר אַהין אָנקומען און האָט איהם געבעטען צו גריסען אין איהר נאָמען אַלע איהרע פֿריינד, וואָס זיינען נאָך ניט אַריינגעפֿאַלען אין קערקער.

זיי האָבען גערעדט שטילערהייט, כדי די וועכטער זאָלען זיי ניט קענען הערען. דיזע פֿאָרזיכטיגקייט איז אָבער געווען איבעריג, דען דערביי איז געשטאַנען דער וועכטער, וואָס איז געווען פֿריינדליך צו זיי.

ווען די צייט פֿון בעזוך האָט זיך געענדיגט, האָבען זיי זיך פֿריינדליך געשיידעט מיט דעם וואונש צו זעהן ענדליך אַ פֿרייע רוסלאַנד.

אַריינגקומענדיג אין קאָרידאָר, וואָס האָט געפֿיהרט צום טויער, האָבען זיי בעמערקט, אַז אין געפֿענגניס איז עפּעס אַן אונגעוועהנליכע בעוועגונג. צוויי זשאַנדאַרען האָבען זיך באַלד בעוויזען, און אַנדריי, וועלכער האָט זיך גאָר פֿערגעסען וואו ער געפֿינט זיך און אַז אייניגע זשאַנדאַרען האָבען איהם שוין געקענט פֿריהער זעהן, האָט זיך אַרויס גערוקט פֿון פֿאָרענט, אום צו זעהן, ווועמען די זשאַנדארען האָבען עס געבראַכט צו פֿיהרען. אָבער ווי גרויס איז געווען זיין וואונדער און פֿערצווייפֿלונג, ווען ער האָט דערקענט אין דעם געפֿאַנגענעם, וואָס די זשאַנדאַרען האָבען אַריינגעפֿיהרט אין אַ וואָגען, דעם אונגליקליכען

זאַאיקאַ! די וואונדען וואָס ער האָט בעקומען פון דער געפּלאַצטער באָמבע, זיינען ניט געווען געפעהרליך און אין עטליכע טעג אַרום זיינען זיי פערהיילט געוואָרען, זאָ דאָס מי האָט איהם שוין געקענט אַוועקפיהרען אין געפענגניס.

וועהרענד אַנדריי האָט ניט אַראָבגעלאָזען זיינע אויגען פון די אייזערנע גראַטע פון וואָגען, דורך וואָנען ער האָט דערזעהן דעם בלייכען פנים פון זיין פריינד, האָט איינער פון די זשאַנדאַרען אָנגעהויבען איהם שטאַרק צו בעטראַכטען. עס קען זיין, אַז דער צוטראָגענער אויסזעהן פון אַנדריי'ן אין דער מינוט האָט אַרויסגערופען די אויפמערקזאַמקייט פון דעם זשאַנדאַר, אָבער ווי נאָר דיזער זשאַנדאַר האָט זיך אין איהם גוט איינגעקוקט, איז ער איהם פאָרגעקומען עפּעס זעהר בעקאַנט. דער זשאַנדאַר האָט זיך גלייך דורכגעקוועטשט צווישען די מענשען, וואָס זיינען געבליבען שטעהן ביים זייט, אום דורכצולאָזען דעם וואָגען און איז צוגעגאַנגען צו אַן אַנדער זשאַנדאַר, איהם איבערצוגעבען זיין ענטדעקונג און זיין גרויסען פערדאַכט. ווען ער איז אָבער אין אַ מינוט אַרום געקומען צוריק, האָט ער שוין ניט געפונען אַנדריי'ן, וועלבער האָט ניט געוואַרט אויף וואַריאַ'ן און איז זיך רוהיג אַרוים, ווען דער וואָגען איז דורכגעפאָהרען דעם טויער.

XXII.

די אבריינע פון דובראווניק.

צו דער גרעסטער פריידע פון דזשאָרדזש'ן, וועלבער איז ניט געווען צוגעוואוינט צו דעם געפעהרליכען און אונרוהיגען לעבען פון אַ ווירקליך קעמפּפענדען ניהיליסט, איז אַנדריי געקומען פון געפענגניס גראַדע אין דער בעשטימטער צייט.

„יעצט קענען מיר גלייך אָבפּאָהרען," האָט אַנדריי געזאָגט צו דזשאָרדזש'ן ווי ער איז נאָר אַריינגעקומען.

ער האָט שוין געהאט זינאָ'ס בריעף ביי זיך. אַרויסגעהעריג פון געפּענגנים האָט ער זיך אויף גיך אַריינגעהאַפּט אין דער וואוינונג פון דעם וועכטער, האָט פון אונטער דעם אַלטען קאַסטען אַרויסגענומען דעם וויכטיגען בריעף און איז גלייך אַיועק אַהיים.

די צייט איז געווען זעהר קורץ. אין אַ האַלבע שטונדע אַרום האָט בעדאַרפט אַוועקגעהן דער נאַכט-צוג נאָך פּעטערבורג. מי האָט אַלזאָ ניט געטאָרט פערלירען קיין איין מינוט, אוןביידע פריינדע האָבען גלייך אָנגעפאַנגען איינצופּאַקען זייער ביסעל זאַכען.

אין דער זעלבער צייט איז וואַטאַזשקאָ אַוועקגעפאָהרען פאָראויס אום צו נעהמען פאַר זיי בילעטען, דען פאַר אַנדריי'ן אַליין צו קומען אויף'ן וואַקזאַל איז געווען צו געפעהרליך. זיי זיינען איהם נאָכגעפאָהרען אין עטליכע מינוטען אַרום, אָבער זיי זיינען געבליבען שטעהן אין אַ זייטיגע גאַס, ניט וויים פון וואָקזאַל. וואַטאַזשקאָ איז צוגעקומען צו זיי פיעל גיכער ווי זיי האָבען איהם ערוואַרטעט. ער איז געווען זעהר צורודערט און האָט גאָר קיין בילעטען ניט גענומען.

די אורזאַכע דערפון איז געווען, וואָס ער האָט געפונען אין וואַקזאַל און לעבען אַריינגאַנג אַ גאַנצע מאַסע פון פּאָליציסטען און שפּיאָנען. עטוואָס האָט געמוזט פּאַסירען, דען מי האָט געקענט בעמערקען, אַז זיי וואַרטען אויף איימעצען.

און אין דער אמת'ן האָט טאַקי די פּאָליציי געהאָפּט צו פאַקען אין וואַקזאַל אַנדריי'ן. דער זשאַנדאַר, וועלכער האָט איהם בעמערקט אין געפענגנים האָט זיך באַלד בעשטימט דערמאָנט, אַז דאָס איז ניט געווען קיין אַנדערער, ווי אַנדריי קאָזשוכאָוו, ווען די רעגירונג האָט געזוכט מיט ליכט. מי קען זיך פאָרשטעלען, וואָס פאַר אַן אויפרעגונג דעם זשאַנדאַר'ס ערצעהלונג האָט אַרויסגערופען ביי אַלע שפּיאָנען, און אַ גרויסע צאָ־ל פון זיי האָבען זיך באַלד אַ לאָז געטהאָן צום וואַקזאַל, מיט דער האָפנונג, אַז זיי וועט געלינגען דאָרט צו פאַקען דעם מאַן, פון וועלכען גאַנץ רוסלאַנד האָט גערעדט.

זיי האָבען גערעכענט, אַז ער וועט זיכער ניט וועלען לענגער פֿערבלייבען בעהאַלטען אין דובראָווניק און וועט ענדליך מוזען קומען אויף'ן וואָקזאַל, אום אָבצורייזען. וואַטאַזשקאָ אָבער האָט צושלאָגען זייער פּלאַן, חאָטש ער האָט ניט געוואוּסט צוליעב וואָס זיי זיינען איינגענטליך געקומען. אַזוי גיך ווי ער האָט זיי נאָר בעמערקט, איז ער עס גלייך אַרוים אָנזאָגען אַנדריי'ן, און זיי האָבען באַלד בעשלאָסען צו געהן צו פֿוּס אַ סטאַנציע פֿאָראויס און דאָרט נעהמען בילעטען ביז פּעטערבורג. אום צו זיין זיכער אַז דאָרט איז נאָך קיין פּאָליציי ניטאָ, האָבען זיי אַהין אַוועקגעשיקט דאַוויד'ן אויף אַ פֿוּהר, ווען זיי זיינען נאָר געקומען צוריק אין וואַטאַזשקאָ'ס קוואַרטיר.

די סטאַציאָן, וואו זיי האָבען געוואָלט נעהמען בילעטען, האָט זיך געפֿונען צוואַנציג מייל פֿון דובראָווניק, און אַהין צו געהן צו פֿוּס אין די קליידער פֿון אַ געבילדעטען שטאָט־מאַן וואָלט געווען אַ ריינע משוגעת. מי האָט דאָרום בעשלאָסען צו שאַפֿען ביינאַכט קליידער פֿון אַרבייטער. וואַטאַזשקאָ האָט גראַדע געהאַט צוויי בעקאַנטע סטאָליערס, וועלכע האָבען זעהר סימפּאַטיזירט מיט די רעוואָלוציאָנערן און צו זיי איז ער גלייך אַוועקגעגאַנגען קריגען די נייטיגע זאַכען פֿאַר אַנדריי'ן און דזשאָרדזש'ן.

אַרום צוועלף אַ זייגער ביינאַכט איז ער געקומען צוריק און האָט געבראַכט ניט נאָר זייערע קליידער, נאָר אויך זייערע פּאַספּאָרטען, וועלכע זיינען געווען זעהר וויכטיג, אין פֿאַל עס וועט זיך עפּעס טרעפֿען אויף'ן וועג. די פּרימעטעס פֿון איין פּאַס האָבען זיך גראַדע צוגעפּאַסט צו אַנדריי'ן, און ער האָט איהם עטליכע מאָל דורכגעקוקט, אום קיין טעות ניט צו האָבען, ווען עס וועט אויסקומען, אַז מי וועט איהם, ווי געוועהנליך, שטעלען פֿראַגען.

אויף מאָרגען פֿאַרטאָג זיינען אַנדריי און דזשאָרדזש אַרויסגעגאַנגען פֿון דובראָווניק, אָנגעטהאָן אין אַרבייטער־קליידער. צוקומענדיג צום טויער פֿון שטאָט, האָבען זיי דערזעהן צוויי פּאָליציסטען, וועלכע זיינען געשטאַנען פּונקט ווי אויף דער וואַך. דאָס איז געווען אַן איבערראַשונג פֿאַר אַנדריי'ן און דזשאָרדזש'ן.

זיי האָבען פֿערשטאַנען, אַז דאָס האָט מען אַוועקגעשטעלט אַ וואַך, אום צו זעהן, ווער עס געהט אַרויס פֿון שטאָט. זיי האָבען אָבער קיין אנדער ברירה ניט געהאַט ווי צו געהן ווייטער.

„מיר מוזען אַנגרייטען אונזער געוועהר!" האָט דזשאָרדזש מיט גרויס אויפֿרעגונג געזאָגט.

„אָה, ניין!" האָט אַנדריי געענטפֿערט. „דערצו וועלען מיר צייט האָבען שפּעטער. לאָז מיך, איך וועל געהן פֿאָראויס און וועל מיט זיי ריידען. מיר וועלען דורכגעהן פֿריעדליך."

אַנדריי האָט נאָר בעדויערט, וואָס ער האָט צוגעלאָזען, אַז זיין פֿריינד זאָל געהן מיט איהם צוזאַמען און זאָל דורך איהם אַריינפֿאַלען, ווען זיי וועלען אַרעסטירט ווערען.

די פּאָליציסטען האָבען פֿון זיי ניט אַראָבגעלאָזען קיין אויג, און ווי זיי זיינען נאָר צוגעקומען צום טויער האָט דער עלטסטער פֿון די פּאָליציסטען אויסגערופֿען: „האַלט!" און האָט זיי פֿערשטעלט דעם וועג.

„ווער זייט איהר און וואוהין געהט איהר?" האָט ער זיי מיט אַ פֿרעגען און גראָבען טאָן געפֿרעגט.

„סטאָליאַרעס. מיר געהען אַהיים, אין דאָרף," האָט אַנדריי קורץ און קאַלט־בלוטיג געענטפֿערט.

„פֿאַר וואָס זשע געהט איהר עפּעס צו פֿוס? אַלע פֿאָהרען דאָך יעצט מיט דער אייזענבאַהן."

„אָבער די וועגען זיינען דאָך פֿריי, האָט אַנדריי געענטפֿערט מיט בעס, אום צו צייגען דעם פּאָליציסט, אַז ער האָט פֿאַר איהם גאָר קיין מורא ניט.

„האַלט בעסער דעם צונג צווישען די ציינער!" האָט דער פּאָליציסט אויסגעשריגען. „האָסט דו אַ פּאַס?"

„געוויס האָב איך."

„צייג מיר וואָס דו האָסט דאָ אין דיין זאַק."

„דו האָסט דאָך דאָרט גאָר ניט אַריינגעלייגט, איך זאָל דיר צייגען, לאָז מיך צורוה, מיר פֿערלירען אומזיסט צייט."

„טהו וואָס מי הייסט דיר!" האָט דער פּאָליציסט א געשריי געטהאָן אויף'ן קול.

אַנדריי האָט אַ קנייטש געטהאָן מיט די פּלייצעס און האָט נאַכהער אויפגעבונדען זיין זאַק. דער פּאָליציסט האָט אַ קוק געטהאָן וואָס דאָרט ליגט און האָט גלייך געפרעגט דזשאָרדזש'ן:

„און ווער ביסט דו?"

„סעמיאָן שיגאַיעוו. איך געה אויך אַהיים."

„איהר זייט ברידער?"

„יאָ, שטיפבּרידער," האָט דזשאָרדזש געענטפערט, זיך הערמאָנענדיג ווי ווייניג ער איז עהנליך צו אַנדריי'ן.

דערווייל זיינען אָנגעקומען אַנדערע מענשען, וועלכע מי האָט אויך געמוזט פאַנאַנדער פרעגען. דער פּליציסט האָט אַ מאַך געטהאָן מיט'ן האַנד און האָט געזאָגט:

„טראָגט זיך אָב!"

אַנדריי און דזשאָרדזש האָבען זיך נאַטירליך ניט געלאָזט בעטען און האָבען גענומען שפּאַנען. אזוי ווי זיי זיינען אָבער נאָר דורכגעגאַנגען דעם טויער, איז דער אַנדערער פּאָליציסט, וועלכער איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אָן אַ זייט, האָט געקוקט מיט זיינע שאַרפע אויגען און האָט געשוויגען, יעצט צוגעגאַנגען צום פּאָליציסט וואָס האָט אויסגעפרעגט און האָט איהם עפּעס געזאָגט, אָנצייגענדיג אויף די צו ריינע און מאָדנע שטיוועל, וואָס אַנדריי האָט געטראָגען.

„איי, האַלט!" האָט ער באַלד אויסגעשריגען, צוקומענדיג צו אַנדריי'ן. „איהר מוזט געהן אין דער פּאָליציי."

דזשאָרדזש איז אויך געבליבען שטעהן און אויף זיין פּנים האָט מען געקענט לייענען, אַז ער האַלט שוין אַלעס פאַר פערלאָרען.

„וואָס איז שוין ווייטער?" האָט אַנדריי מיט היץ אַ געשריי געטהאָן. „וואַרום זאָל איך עס געהן אין דער פּאָליציי? איך בין דאָך ניט שכור און האָב אַ ריכטיגען פּאַס."

„דאָרט וועט מעז שוין אַלעס ריכטיג נאָכזעהן. מיר מוזען דיך דאָ פערהאַלטען."

„אָבער וואָרום ?"

„דאָס איז אונזער עסק."

די זאַך איז געוואָרען זעהר ערנסט. אַנדריי און דזשאָרדזש וואָלטען לייכט געקענט אַוועקלייגען אויף'ן אָרט ביידע פּאָליציסטען, אָבער אין העלען טאָג איז געווען שווער צו אַנטלויפען צו פוס.

אין דער צייט, ווען אַנדריי האָט גוט אַרומגעקוקט דעם פּלאַץ און האָט געטראַכט, ווי אַזוי ער זאָל זיך אָם בעסטען וועהרען, ווען ער וועט מוזען געברויכען זיין רעוואָלווער, האָט ער ניט אויפגעהערט צו פּראָטעסטירען אויף'ן קול מיט קללות, פאַר וואָס מ׳ בעהאַנדעלט אַזוי געמיין אַ מאַן מיט אַ גוטען פּאַספּאָרט. דערביי האָט ער אויסגערעכענט אַ סך גוטע פלעצער, וואו ער האָט כלומר׳שט געאַרבייט, און ווי אַלע זיינע בעלי בתים זיינען מיט איהם צופרידען געווען.

„הער אויס, סעמיאָן!" האָט ער ענדליך אויסגעשריגען מיט גרויס כעס צו דזשאָרדזש׳ן. „איך זעה, אַז מיר וועלען דאָ מיט דיזע צוויי באַלוואַנעס גאָר ניט מאַכען. געה און בעט דעם דירעקטאָר אָקריפּאָוו, אַז ער זאָל קומען אַהער מיר אויסלייזען. ער קען גאָר ניט וויים פון דאַנען."

אַנדריי׳ס כונה איז געווען, אַז דזשאָרדזש זאָל זיך קענען בשלום אַוועקגעהן. די פּאָליציסטען האָבען גאָר ניט געזאָגט דאַגעגען, דען פאַר אַזאַ פאַל האָבען זיי ניט געהאַט קיין בעפעהלע. דזשאָרדזש אָבער, וועלכער האָט פערשטאַנען, וואָס אַנדריי מיינט אין אמת׳ן האָט זיך ניט גערירט פון אָרט.

„עס לוינט זיך גאָר ניט צו געהן," האָט ער מיט אַן ערנסטען און ענטשלאָסענעם טאָן געענטפערט. „איוואַן גאַווריליטש איז אַזוי בעשעפטיגט און ער וועט זיין שטאַרק אין כעס, ווען מ׳ וועט איהם בעאונרוהיגען צוליעב אַזאַ קליינינקייט."

אנדריי האָט געזעהן, אַז ער וועט ניט אויספיהרען, אַז דזשאָרדזש זאָל אַוועקגעהן, און ער האָט דאַרום געזאָגט:

„אויב אַזוי, לאָמיר זשע גלייך געהן אין דער פּאָליציי. מיר מוזען זיך דאָך איילען אַהיים."

„וואַרט אויף'ן פּאַטרול," האָט דער פּאָליציסט געענטפערט. „מיר טהאָרען ניט פערלאָזען אונזער פּאָסט."

„זאָל אייך דער טייוועל נעהמען מיט אייער פּאַטרול צוזאַמען! אַט אַזוי בעגעהט מען זיך דאָס מיט מענשען וואָס האָבען פּעסער!" האָט אַנדריי בייז אויסגעשריגען, אָבגעהענדיג עטליכע שריט פון דעם פּאָסט און זיך אנידערזעצענדיג אויף אַ שטיין.

ער האָט נאָכדעם רוהיג פערוויכערט אַ ליולקע און דאָס זעלבע האָט געטהאָן דושאָרדזש. די עטליכע פערביייגעהער, וועלכע האָבען זיך פערזאַמעלט, אום צו הערען אַנדריי'ס וכוח מיט דער פּאָליציי, האָבען איינער נאָך דעם אַנדערן פערלאָזען דעם פּלאַץ, ווען זיי האָבען געזעהן, אַז מ'מוז אַ היבשע צייט וואַרטען אויף'ן פּאַטרול. אַנדריי און דושאָרדזש האָבען זיך אַלץ גערויכערט און אפילו די פּאָליציסטען האָבען אויף זיי ניט פּיעל געקוקט. דער פּאַטרול האָט אָבער געקענט אָנקומען יעדע מינוט, און דושאָרדזש האָט דאַרום שטילערהייט געזאָגט צו אַנדריי'ן:

„פּרוביר געבען דיזע הינט אַ רובעל."

אַנדריי האָט אַליין אויך דערפון געטראַכט, און אויסוואַרטענדיג אַ מינוט, ווען קיין דורכגעהער איז ניט געווען, האָט ער זיך געווענדעט צו די מלאכי חבלה:

„ווי לאַנג וועל איך דאָ אומזיסט וואַרטען? זאָגט מיר נאָר, וויפּיעל וועט איהר נעהמען, אום אונז צו לאָזען געהן אַהיים?"

„וויפּיעל ווערסט דו געבען?" האָט דער עלטערער פּאָליציסט מיט חשק געפרעגט.

„איך וועל אייך געבען אָט אַזוי פּיעל," האָט אַנדריי געענטפערט, צייגענדיג עטליכע קופּערנע מטבעות.

„ניין, דאָס איז צו וועניג. מיר זיינען צוויי. גיב אונז א רובעל."

אַנדריי האָט זיך אַביסעלע געדונגען און געבייזערט, אום ניט צו צייגען, אַז ער האָט מורא פאַר זיי. ענדליך האָט ער זיי דערלאַנגט אַ רובעל, אַרויסלאָזענדיג דערביי אַ טיעפען זיפץ, און באַלד נאָכדעם איז ער זיך רוהיג אַוועק מיט דושאָרדזש'ן.

ווען זיי זיינען אַריין אין דעם ערשטען דאָרף, האָבען זיי געדונגען אַ פויערשען וואָגען און אַרום צוועלף אַ זייגער זיינען זיי אָנגעקומען אויף דער בעשטימטער סטאַנציע. דאויד האָט שוין געוואַרט אויף זיי זייט אַ פּאָר שטונדען און האָט זיי אָנגעזאָגט די אַנגענעהמע בשורה, אַז קיין שפּיאָן געפינט זיך ניט אויף דער סטאַנציע.

אין אַ שטונדע אַרום איז אָנגעקומען דער פּעטערבורגער צוג. אַנדרוי און דזשאַרדזש האבען זיך אַריינגעזעצט אין בעזונדערע וואַגאָנען און זיינען אָבגעפאָהרען בשלום.

XXIII.

דער בעשלום.

אַנדריי און דזשאָרדזש זיינען אָנגעקומען אין פּעטערבורג אָהן שטערונגען. אום צו פערהיטען, פּילייכט וועט די פּאָליציי, וועלכע האָט זיך געמוזט געפינען אויף'ן וואָקזאַל צו בעקוקען דעם צוג פון דובראַווניק, איהם דערקענען, איז אנדריי אַרוים מיט אַ פּאָר סטאַנציעס פריהער און אַ שטונדע שפּעטער האָט ער גענומען אַ צוג, וואָס איז געגאַנגען נאָך פּעטערבורג פון אַן אַנדער שטאָט.

ווען דזשאָרדזש האָט געלאָזט אָנזאָגען טאַניאַ'ן, אַז איהר מאַן וועט באַלד אָנקומען, האָט זי זיך גאָר ניט געוואָלט גלויבען. זי איז שוין געוועזען זיכער, אַז מי האָט איהם אַרעסטירט, ווייל ער האָט איהר די לעצטע טעג גאָר ניט געשריבען. איהר פריידע איז דאַרום געוועזען אַ דאָפּעלטע ווען אין אַ קורצע צייט נאָך'ן אָנזאָגען איז אַנדריי אַליין געקומען.

„אָה, מיין טייערער!" האָט זי עטליכע מאָל ווידערהאָלט, איהם ארומנעהמענדיג. „איך האָב געמיינט, אַז איך וועל שוין קיין מאָל ניט האָבען האָס פערגניגען דיך צו זעהן!"

איהר פֿרייד איז אָבער באַלד פֿערוואַנדעלט געוואָרען אין טרויער און פֿערצווייפֿלונג, ווען זי האָט איהם ענדליך געצוואונגען אויסצורײדען וואָס עס טהוט זיך ביי איתם אין האַרצען.

בשעת ער האָט איהר דערצעהלט, וואָס עס האָט פּאַסירט אין דובראַווניק, ווי אַזוי זיינע פּלענער זיינען צושטערט געוואָרען און ווי אַזוי די רעגירונג האָט געהאַנגען, פֿאַר זיינע אויגען, זיינע בעסטע פֿריינד, האָט זי בעמערקט, אַז ער בעהאַלט עפּעס פֿון איהר, אַז ער האָט אויף די געדאַנקען עטוואָס, וואָס ער וויל ניט אַרויסזאָגען. זי האָט צו גוט געקענט אנדריי׳ן און האָט פֿערשטאַנען, אַז דאָס מוז זיין עטוואָס זעהר וויכטיגעס. זי איז דאַרום צו איהם צוגעשטאַנען אַזוי לאנג, ביז וואַנען ער האָט צוזאַמענגעקליבען זיין גאנצע ענערגיע און האָט ענדליך אויסגערופֿען:

„ליעבע טאַניאַ! איך האָב בעשלאָסען צו אַטאַקירען דעם צאַר!”

זי האָט אָנפֿאַנגס ניט פֿערשטאַנען, וואָס ער מיינט דערמיט און האָט געפֿרעגט:

„האָסט דו דען דאָס ניט געטהאָן שטענדיג?”

„איך מיין טאַקי דעם קייזער אַליין....” האָט ער געענטפֿערט מיט אַ פֿערשטיקטע שטימע.

זי איז געוואָרען שרעקליך בלייך און איז געבליבען שטעהן אַזוי ווי אַ צומישטע.

„אָה, וועה איז מיר!” האָט זי אויסגעשריגען, זיך אָנחאַפּענדיג פֿאַר׳ן קאָפּ. זי האָט געוואָרפֿען אַזאַ טרויעריגען בליק אויף אַנדריי׳ן, אַז ער האָט פֿערמאַכט זיינע אויגען, אום איהר ניט צו זעהן און האָט ניט געקענט אויסרײדען אַ וואָרט.

ער האָט זיך געפֿיהלט העכסט אונגליקליך, וואָס ער האָט זיך פֿערבונדען מיט דיזער שיינער און יונגער פֿרוי, וועלכע האָט געוואָלט לעבען און עטוואָס געניסען פֿון דיזען לעבען. זיין האַרץ האָט איהם שרעקליך געדריקט, קוקענדיג אויף איהר. ער האָט אָבער געפֿיהלט, אז עס איז שוין פֿערפֿאַלען; אַז ער איז שוין פֿערגאנגען צו וויט און קען ניט חאַפּען צוריק.

ער האָט איהר אָנגעפאַנגען צו ערקלעהרען, וואָס עס האָט איהם געבראכט צו דיזען בעשלוס. ער האָט איהר געזוכט צו בעווייזען, ווי נייטיג עס איז צו בעשטראָפען מיט דעם טויט דעם אַלמעכטיגען צאַר פאַר אַלע גרויזאַמע פערפאָלגונגען און מערדערייען, וואָס זיינען בעגאַנגען געוואָרען און ווערען יעצט בעגאַנגען געגען די בעסטע און עהרליכסטע מענשען פון רוסלאַנד. און ער האָט גערעדט מיט אַזאַ בעגייסטערונג, מיט אַזאַ טיעפע איבערצייגונג, אַז טאַניאַ האָט זיך פערשעהמט פאַר איהר שוואַכהייט און איז אַנשוויגען געוואָרען, מיט דער האָפנונג איהם איבערצורײדען שפעטער, ווען ער וועט זיך עטוואָס בערוהיגען און וועט פערגעסען אַ ביסעל די שרעקליכע בילדער, וואָס ער האָט זיך אָנגעזעהן אין דובראַווניק.

אויף מאָרגען האָט אַנדריי געמאַכט זיין העלדישען פאָרשלאַג פאַר דעם „איספאָלניטעלני קאָמיטעט“, און אַלע האָבען איהם נאַטירליך אָנגענומען. יעדער איינער האָט זיך פערלאָזט אויף אַנדריי'ס ענערגיע און פעהיגקייט, אויסצופיהרען אַזאַ וויכטיגע אונטערנעהמונג, פערבונדען מיט אַזוי פיעל געפאַהר.

מי האָט גלייך אָנגעפאַנגען די נייטיגע פאָרבערייטונגען. אַנדריי האָט זיך געוואָלט וואָס גיכער בריינגען אַלס קרבן פאַר דאָס ליידענדע רוסלאַנד. אַחוץ דעם האָט מען זיך בעדאַרפט איילען דורכצופיהרען דעם פלאַן, איידער דער צאַר וועט פערלאָזען פעטערבורג, צו פאָהרען אין זיין זומער-פאַלאַץ, אין קרים.

אַנדריי האָט זיך אויסגעקליבען העלפערס פון די טרייעסטע און ערפאַהרענסטע מיטגליעדער פון דער רעוואָלוציאָנערער פאַרטיי. ער האָט געוואָלט זיין זיכער אין דעם ערפאָלג פון דער אַטאַקע.

אַזוי זיינען אַריבער צוויי וואָכען אין פאָרבערייטונגען. מיט אַ מאָל האָט דער אַלטער אַדוואָקאַט ריעפין, טאַניאַ'ס פאָטער, געלאָזט וויסען, אַז ער דאַרף זעהן אַנדריי'ן, וועגען עטוואָס זעהר וויכטיגעס.

ריעפין איז געווען אַן אַלטער ליבעראַל, וועלכער האָט געהאַסט דעם קייזערליכען דעספאָטיזמוס. ער האָט אָבער ניט איינגעשטימט אין גאַנצען מיט די רעוואָלוציאָנערען, וועלכע ער האָט געהאַלטען פאַר

אונערפֿאהרענע קינדער און פֿאנאטיקער, חאָטש ער האָט זיי זעהר רעספּעקטירט. אַנדריי׳ן האָט ער בעזאָנדערס געאַכטעט, און זייט ער איז געוואָרען זיין איידים האָט ער זעהר געוואָלט, אַז זיין טאָכטער זאָל קענען לעבען רוהיג און גליקליך מיט איהר מאַן אין אויסלאַנד. ער פֿלעגט אָפֿט לאָזען וויסען אַנדריי׳ן וועגען די פּלענער פֿון דער פּאָליציי ווי נאָר ער פֿלעגט דאָס ערפֿאַהרען.

אַנדריי איז דארום גלייך אַוועקגעגאַנגען צו איהם. דער אַלטער האָט איהם זעהר פֿריינדליך אויפֿגענומען.

„איך האָב געהערט,״ האָט ריעפֿין געזאָגט, נאָך איינינע פֿראַגע וועגען זיין טאָכטער, „אַז די פּאָליציי האָט בעקומען אַ שטאַרענגען פֿאָרוואורף וועגען דעם, וואָס איהר זייט נאָך אויף דער פֿרייהייט. די געהיימע פּאָליציי האָט דארום בעשלאָסען אָנצוּוואווענדען איהרע לעצטע כוחות, אום אייך צו פּאַקען. דער שעף פֿון די זשאַנדאַרמעס האָט געזאָגט, אַז ער וועט איבערקעהרען די גאַנצע שטאָט ביז ער וועט אייך געפֿינען לעבעדיג אָדער טויט.״

„דאָס איז לייכטער צו זאָגען, איידער צו טהאָן,״ האָט אַנדריי רוהיג געענטפֿערט. „די פּאָליציי האָט זיך שוין פֿיעלע מאָל אַזוי בעריהמט.״

פֿון דעסטוועגען נעהמט זיך גוט אין אכט. זי האָט זיך דערוואוסט, אַז איהר זייט דאָ אין פּעטערבורג און זי קען דערקריכען נאָך ווייטער. עס איז בעסער ניט צו שפּיעלען זיך מיט פֿייער. רעכענט איהר דען ניט, אַז עס איז שוין צייט פֿאַר אייך צו חאַפּען אַביסעל פֿרייע לופֿט אין אויסלאַנד? אָט וועגען דעם וויל איך טאַקע מיט אייך ריידען.״

אַנדריי האָט אַ שטאַרקען שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ, צום צייכען, אַז ער דיינקט גאָר ניט דערפֿון.

„איילט זיך ניט אַזוי מיט אייער ענטזאַגונג,״ האָט ריעפֿין שנעל געזאָגט. „בעדיינקט פֿריהער גוט און רוהיג, וואָס איך האָב אייך צו זאָגען. . . איהר וועט דאָך ניט ערגער ווערען, ווען איהר וועט זיך אָברוהען אַ פּאָר מאָנאַט. פֿאַר טאַניאַ׳ן וועט די רייזע זיין בעזאָנדערס ניצליך. זי וועט קענען לעזען און שטודירען, ווי זי וועט וועלען. . .

אויב איהר האַלט פאַר אונרעכט צו נעהמען דערויף געלד פון אייער פאַרטיי-קאַסע, וועל איך אייך אונטערשטיצען וויפיעל איהר וועט נאָר דאַרפען. וואָס דענקט איהר דאַריבער?"

„איך וויים, אַז איהר זייט זעהר גוט," האָט אַנדריי געענטפערט מיט אַ טרויעריגען טאָן. „עס איז מיר אָבער יעצט אונמעגליך אייער פאָרשלאָג אָנצונעהמען, און איך רעכען, אַז טאַניאַ וועט זיך אויך ענטזאָגען צוליעב מיר."

ריעפין האָט זיך אַזוי גיך ניט געוואָלט אונטערגעבען און האָט געזוכט צו בעווייזען, ווי רעכט עס איז, אַז אַנדריי זאָל אויף אַ פּאָר מאָנאַט פערלאָזען רוסלאַנד, ביז די פּאָליציי וועט איהם אויפהערען אַזוי שטארק צו זוכען. אַנדריי אָבער האָט איהם אָבגעהאַקט אין מיטען רייד מיט די ווערטער:

„ניין! איך קען אויף קיין פאַל ניט פערלאָזען פעטערבורג. עס איז אומזיסט צו פערלירען די רייד וועגען דעם. לאָמיר עס גאָר לאָזען אָן אַ זייט!"

דער אַלטער אַדוואָקאַט האָט טרויעריג אַ שאָקעל געטהאָן מיט זיין קאָפּ און האָט אַרויסגעלאָזען אַ טיעפען זיפץ. דער שאַרפער טאָן און דאָס גאַנצע אויסזעהן פון אַנדריי'ן האָבען איהם געגעבען צו פערשטיין, אַז די רעוואָלוציאָנערן האָבען ווידער עטוואָס וויכטיגעס בעשלאָסען צו טהאָן, און אַז אַנדריי וועט אָהנע צווייפעל האָבען צו שפּיעלען די ערשטע ראָלע.

„שוין ווידער אַ העלישער פּלאָן?" האָט ער געפרעגט מיט אַ געבראָכענער שטימע.

„יאָ, עטוואָס," האָט אַנדריי געענטפערט אויסווייכענד.

עטליכע מינוטען זיינען זיי געבליבען זיצען שטיל, יעדער פערטיפט אין זיינע געדאַנקען. נאָכהער האָט ריעפין אָנגעפאַנגען:

„איך מיין ווירקליך, אַז איהר דאַרפט זיך גאָר ניט אַזוי שטארק איילען צו ברעכען זיך האַלז און נאַקען. איהר האָט זיך שוין גענוג איינגעשטעלט אין דער לעצטער צייט, און האָט פאָלקאָם פערדיענט דאָס רעכט זיך אָבצורוהען אביסעל."

„עס קען אָבער אנדערש ניט זיין," האָט אַנדריי געענטפֿערט. מי ערלויבט ניט סאָלדאַטען צו פֿערלאָזען דעם שלאַכטפֿעלד אויף דעם סמך, אַז זיי האָבען זיך שוין פֿריהער גענוג געשלאָגען און אַזוי פֿיעל געפֿאַהרען איבערגעקומען."

„אָבער מי לאָזט דאָך זיי זיך אָברוהען פֿון צייט צו צייט."

„מאַנכעס מאָל. . . . אָבער מאַנכעס מאָל ניט, און דאָס איז יעצט גראָדע דער פֿאַל מיט אונז."

צווישען דעם אַלטען אַדוואָקאַט, וועלכער האָט געצווייפֿעלט אין אַלעס, און דעם יונגען רעוואָלוציאָנער, וועלכער איז געווען פֿול מיט גלויבען אין זיינע אידעען און בעגייסטערט אין דעם קאַמפּף אויף טויט און לעבען מיט דער טיראַנישער רעגירונג — צווישען אָט דיזע צוויי געבילדעטע און קלוגע מענשען, וועלכע האָבען פֿאָרגעשטעלט צוויי דורות פֿון די אויפֿגעקלעהרטע רוסען, איז ענטשטאַנען אַ לאַנגע און היציגע דעבאַטע איבער די נאָהענטע צוקונפֿט פֿון זייער פֿאַטערלאַנד און וועגען די האַנדלונגען פֿון די ניהיליסטען.

ריעפֿין האָט געזוכט אויפֿצוצייגען, ווי פֿאַלש און שעדליך איז די מיינונג פֿון די ניהיליסטען, אַז מיט הרג'ענען עטליכע בעאַמטע קען מען עפּעס אויפֿטהאָן פֿאַר דעם רוסישען פֿאָלק. אַנדריי ווידער האָט ערקלעהרט, ווי אַזוי אַלע אַנדערע מיטעל, וואָס די רעוואָלוציאָנערען האָבען פֿריהער אָנגעווענדעט, האָבען נאָר געפֿיהרט צו געפֿענגניס און סיביר, און אַז עס איז יעצט קיין אַנדער ברירה ניט געבליבען, ווי צו געברויכען געוואַלט געגען געוואַלט. דערביי האָט אַנדריי בעוויזען, ווי די ליבעראַלען, צו וועלכע ריעפֿין האָט שטענדיג געהערט, האָבען גאָר ניט אויפֿגעטהאָן און זיי האָבען יעצט מורא אפילו אויפֿצועפֿענען דעם מויל געגען די שאַנדטהאַטען און מערדערייען, וואָס די רעגירונג בעגעהט טאָג־טעגליך.

דער וכוח האָט געדויערט אַ גאַנץ לאַנגע צייט. יעדער איינער איז געבליבען ביי זיין מיינונג. ענדליך האָבען זיי זיך צושיידעט.

„איך קען ניט זאָגען, ווען איך וועל אייך ווידער זעהן. . ." האָט אַנדריי געזאָגט, דריקענדיג ריעפֿין'ס האַנד.

אַנדריי'ס ווערטער האָבען ניט ווילענדיג אַרויסגערופֿען אַ ציטער ביי דעם אַלטען אדוואָקאַט. ערשט נאָך דעם, ווען אַנדריי האָט דורכגעפֿיהרט זיין העלדישען און ליידער ניט געלונגענעם פּלאַן, האָט ער פֿערשטאַנען זייער הערצרייסענדע בעדייטונג.

XXVI.

זיי געזונד!

אַלעס איז געווען פֿערטיג צו דעם גרויסען טאָג. . . אלע האָבען געשפירט, אַז עס מוז עפּעס פֿאָרקומען אַן אונגעוועהנליכע זאַך, אַ זאַך, וואָס האָט נאָך קיינמאָל ניט פּאַסירט. וואָס דאָס וועט זיין אָבער, האָט קיינער ניט געוואוסט.

עס איז געווען צעהן אַ זייגער אין דער פֿריה. די שטאָט פּעטערבורג האָט זיך אויפֿגעחאַפּט פֿון איהר שווערען ווינטער־שלאָף און האָט זיך צוגעגרייט צו דעם קומענדיגען פֿריהליגג. אַלעס האָט אָבגעלעבט, אַלעס האָט גענומען קוקען פֿרייליכער. זאָגאַר די דוואָרניקעס אין די טויערן האָבען גענומען קוקען פֿרייליכער אויף די פֿערבייגעהענדע און האָבען וויינינגער געטראַכט וועגען די „פֿערפֿלוכטע" רעוואָלוציאָנערען.

אויף דעם ווינקעל פֿון אַ שמאָלע געסעל האָט זיך אָבגעשטעלט אַ יונגער מאַן. זיך אַרומקוקענדיג פֿון אַלע זייטען, צו זעהן, אויב מ'שפּירט איהם ניט נאָך און ניט בעמערקענדיג קיינעם הינטער זיך, איז ער אָבגעגאַנגען עטליכע טריט און איז צוגעקומען צו אַ קליינע הייזעל. דאָ האָט ער זיך ווידער אָבגעשטעלט און האָט זיך פֿערטראַכט.

דאָס איז געווען אַנדריי.

„זאָל איך זיך פֿילייכט גאָר אין גאַנצען אומקעהרען?" האָט ער געטראַכט. „ווער וויס, וואָס דאָס וועט קאָסטען איהר און מיר? ווער

וויס, אויב מיר ביידע וועלען גאָר קענען אויסהאַלטען אַזאַ שרעקליכע סצענע? צו וואָס דאַרף איך דאָס? וואָס פאַר אַ נוצען וועט דאָס איהר ברייננען? ניין, עס וועט בעסער זיין, ווען זי וועט מיר שוין מעהר ניט זעהן. זי וועט פערשטעהן און וועט מיר פערצייהען. איך וועל איהר לאָזען וויסען, אַז איך קען ניט."

ער איז אָבגעגאַנגען איינינע טריט מיט דעם געדאַנק אַוועקצוגעהן. ער האָט זיך באַלד אָבער ווידער אָבגעשטעלט.

„זאָל זיין וואָס עס וועט זיין," האָט ער צו זיך אַליין געזאָגט. „איך מוז איהר זעהן. דאָס וועט מיר זיין שווער. עס וועט אונז ביידע פייניגען, אָבער פיעל שווערער, פיעל שמערצליכער וועט אונז ביידע זיין, ווען מיר וועלען ניט נעהמען קיין אבשיעד. זי האָט געבעטען, איך זאָל איהר קומען זעהן. זי וויל אויף מיר אַ קוק טהאָן צום לעצטען מאָל. ניין, איך וועל דאָס ביי איהר ניט אַוועקנעהמען. טאַניאַ האָט דאָס רעכט דערצו!"

ווען טאַניאַ האָט איהם דערזעהן, האָט זי זיך דערשראָקען פון'ם אונגעוועהנליכען אויסדרוק אויף זיין געזיכט. זי האָט געוואָלט צוגעהן צו איהם און זי האָט זיך אָבגעשטעלט אין מיטען. זי האָט איהם קיין מאָל אַזוי ניט געזעהן. אָבער אין אַ מינוט אַרום איז זי געקומען צו זיך און איז אַ־ויפ־געפאַלען אויף זיין האַלז, און קוקענדיג מיט ליעבע איהם אין די אויגען, האָט זי איהם געגלעט, אַזוי ווי זי וואָלט געוואָלט מיט איהרע לאַסקעס פערטרייבען זיין אומעט.

„ווי אַזוי שעהמסט דו זיך דאָס ניט?" האָט זי געזאָגט מיט אַ ווייכע און לאַסטשענדע שטימע. איך האָב נאָך נעכטען אויף דיר געוואַרט. איך דיינק, אַז צוליעב מיר האָסט דו אויף אַ ווײלע געקענט פערגעסען דיין געוועהנליכע פאָ־זיכטיגקייט. דו ווייסט גאַנץ גוט, וואָס ביי מיר איז ווערטה דיין יעצטיגער בעזוך."

אָבער טאַניאַ האָט גלייך חרטה געהאַט וואָס זי האָט דאָס גאָר געזאָגט. נאָך אַנדריי'ס פנים האָט זי גלייך בעמערקט, ווי שמערצליך איהם איז געווען איהר מיינונג, אַז ער איז דערפאַר פריהער ניט געקומען, ווייל ער האָט מורא געהאַט.

„אַלוֹאַ," האָט זי בעמערקט, „האָבען דיר דיינע נעשעפֿטען ניט ערלויבט צו קומען פֿריהער?"

אַנדריי האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ. צו וואָס, האָט ער ביי זיך געקלעהרט, זאָל זי וויסען פֿון דעם שרעקליכען קאַמפּף, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין זיין האַרצען?

דאן האָט ער איהר אָנגעהויבען צו דערציילען וועגען זיין פלאַן. ער האָט איהר דערצעהלט אלעס, אַלע איינצעלהייטען און קליינינקייטען און האָט איהר פֿערזיכערט, אַז עס וועט מוזען אויסגעפֿיהרט ווערען מיט ערפֿאָלג.

טאַניאַ האָט זיך לאַנגזאַם בעפֿרייט פֿון זיינע אָרעמס און האָט זיך פֿון איהם אַביסעל אָבגערוקט. זי האָט ברייט אויפֿגעעפֿענט איהרע אויגען, ווען ער האָט איהר דאָס אַלעס געגומען דערציילען. זי האָט ניט געהערט, וואָס ער האָט צו איהר גערעדט. זי האָט איהם אָנגעקוקט מיט גרויס וואונדער.

„צו וואָס דערצעהלט ער מיר דאָס אַלעס?" האָט זי זיך געטראַכט. „צו וואָס דאַרף איך דאָס אַלעס האָבען? זיין געזיכט איז אַזוי קאַלט, עפּעס אַזוי האַרט ווי אַ שטיין. אָה, ניין! דאָס איז ניט מיין אַנדריי! דאָס איז ניט מיין געליעבטער! דאָס איז ניט דער מאַן, וועמען איך האָב זיך אַוועקגעגעבען! דיזער מאַן ליעבט מיך ניט! ער איז אַ פֿרעמדער! זוי האָבען מיר איהם פֿערביטען אויף אַן אַנדערן!"

די לעצטע ווערטער האָט זי כמעט אין דער הויך אויסגערופֿען, וועהרענד אַנדריי, ניט בעמערקענדיג, וואָס האָט פּאַסירט אין טאַניאַ׳ס האַרצען, האָט אַלץ גערעדט פֿון זיין „פלאַן".

„קיין וואָרט פֿון מיטלייד, קיין בליק פֿון ליעבע, קיין געפֿיהל צו מיר!" האָט טאַניאַ ווייטער געטראַכט, הערענדיג ווי ער רעדט, אַזוי ווי עס וואלט גאָר ניט פֿאָרגעקומען. „און דיזער בעזוך איז זיין לעצטער בעזוך. היינט זעהען מיר זיך דאָס דעם לעצטען מאָל אין אונזער גאַנצען לעבען!"

„יאַ, יאַ, דאָס איז ניט מיין אנדריי. . . דאָס איז ניט דער מאַן, וואָס האָט מיך אַזוי ליעב. . . מי האָט ביי מיר אוועקגע׳גנב׳עט מיין

אַנדריי. דאָס איז אַן אַנדערער!" אָט דאָס אַלעס האָט די אומגליקליכע טאַניאַ געטראַכט, קוקענדיג אַנדריי'ן אין די אויגען און שלינגענדיג איהרע טרעהרען.

ענדליך האָט זי ניט אויסגעהאַלטען:

„אָה, איך בעט דיך, לאָז מיך צו רוה מיט דיינע „פּלענער". איך קען עס שוין מעהר ניט אויסהאַלטען!"

„טאַניאַ!" האָט אַנדריי מיט פערוואונדערונג אויסגעשריגען. „דו זאָלסט אזוי ריידען!"

זי האָט זיך געחאפּט מיט די הענד פאַר'ן קאָפּ און האָט זיך פערטראַכט אַ ווײַלע.

„עס איז שרעקליך פון מיר," האָט זי צו זיך אַליין געזאָגט, „איהם יעצט צו בעהאַנדלען אויף אַזאַ אַרט."

און זיך ווידער אַרויפוואַרפענדיג אויף זיין האַלז, האָט זי מיט האַרץ אויסגערופען:

„אָה פערצייה מיר, אַנדריי! פערצייה דאָס מיר! איך ווייס יעצט אַליין ניט וואָס איך רייד."

אַנדריי האָט אַ קוק געטהאָן אויף דער יונגער פרוי און האָט דערפיהלט, אַז זיין האַרץ צורייסט זיך אויף שטיקער. מיט וואָס אָבער קען ער איהר טרייסטען? וואָס קען ער איהר טהאָן, וואָס זאָל אים שטאַנד זיין צו שטילען איהר גרויסען שמערץ?

ער האָט אָנגעהויבען צו גלעטען איהרע האָר.

זי האָט אויפגעהויבען אהרע אויגען און ווען זי האָט דערזעהן זיין געזיכט, האָט זי פערבראָכען מיט איהרע הענד. זי האָט געפיהלט, אַז אָט באַלד, באַלד פערלאָזט ער איהר אויף אייביג. . .

זאָל זי איהם פיליכט אָבהאַלטען? אָה, ניין! דאָס וועט ניט העלפען. אַ שטיין וועט גיכער צוגעהן, איידער זי וועט בעוועגען זיין האַרץ, ער זאָל ניט געהן אַהין. . . ער זאָל זיך אָבזאָגען פון זיין פּלאַן און בלייבען מיט איהר? ער וועט איהר פערראַכטען, ווען זי וועט עס נאָר דערמאָנען.

אַנדריי האָט זיך אויפגעהויבען.

„זיי געזונד!" האָט ער אויסגערופען מיט אַ פערשטיקטען קול, אויסשטרעקענדיג זיינע הענד צו איהר.

„אָה, ניין, ניין, נאָך ניט!" האָט זי ערשראָקען אויסגעשריגען.

„נאָך ניט! בלייב נאָך אַ ווײלע מיט מיר!"

אַנדריי האָט איהר צוגעצויגען צו זיך און האָט איהר צוגעדריקט צו זיין האַרצען.

„זיי געזונד!" האָט ער נאָך אַ מאָל געזאָגט. „עס איז שוין צייט, טאַניאַ, מיין טייערע, מיין געליעבטע! אָה, ווי גליקליך מיר וואָלטען ביידע געווען, ווען מיר וואָלטען געקענט בלייבען צוזאַמען!"

זי האָט אַ קוק געטהאָן אין זיינע אויגען און האָט דערזעהן איהר פריהערדיגען אַנדריי; דעם זעלבען אנדריי, וועלכען זי האָט אַזוי ליעב געהאַט. פאַר וואָס האָט זי איהם בעליידיגט אין איהרע געדאַנקען? פאַר וואָס האָט זי אין איהם גענומען צווייפלען? יאַ, יאַ, זי האָט איהם ווידער! זי האָט איהם געפונען! דאָס איז ער, דער זעלבער, דער פריהערדיגער אַנדריי!

אָבער ווי שמערצליך עס איז איהם צו געפינען אויף אַ ווײלע, אום איהם גלייך ווידער צו פערלירען! פערלירען? אָה ניין, דאָס וועט זי ניט טהאָן! זי וויל איהם מעהר ניט פערלירען. זי ליעבט איהם אַזוי פיעל און וועט איהם ניט ערלויבען, ער זאָל געהן און מ'זאָל איהם דאָרט הרג'ענען. . . זי וויל דאָס ניט, זי קען דאָס ניט. זי קען אָהן איהם ניט אויסקומען. ער איז איהר גאַנצער לעבען. ער איז די ליכט פון איהר זעלע. איז עס דען איהר שולד, אַז זי האָט איהם אַזוי ליעב?

„הערצו, אַנדריי," האָט זי אויסגערופען מיט ליידענשאַפט. „דו געהערסט מיר! דו האָסט מיר דאָס אַליין אַ מאָל געזאָגט. און יעצט וויל איך דיך האָבען. איך וויל דיך ניט לאָזען אַוועקגעהן פון מיר. דו הערסט? דו בלייבסט מיט מיר!"

אָבער אין אַ מינוט אַרום האָט זי אַרויסגעלאָזען זיינע הענד און פאַלענדיג בלייכערהייט אויף אַ שטוהל, האָט זי גענומען מאַכען מיט די הענד, ער זאָל אַוועקגעהן.

יעצט האָט ער זיך ניט געקענט ריהרען פֿון אָרט. ער האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף די קניע צו איהרע פֿיס און האָט אָנגעהויבען צו קושען איהרע הענד, איהר געזיכט און איהרע אויגען.

„געה, געה,“ האָט זי מיט אַ שוואַכע שטימע געזאָגט. „געה, עס איז מיר יעצט אַביסעל בעסער. . . איך קען מעהר ניט אויסהאַלטען דיזע סצענע. געה שנעל. . .“

ער איז מיט אַ מאָל אויפֿגעשפּרונגען און האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן צום טהיר. פֿון די טרעפּ איז אַראָפּגעפֿלויגען, פּונקט אַזוי ווי ווילדע חיות וואָלטען איהם נאָכגעיאָגט.

XXV.

די אטאקע.

דער גרויסער טאָג פֿון נקמה־נעהמען איז ענדליך געקומען. אַלעס איז שוין געווען פֿערטיג צום אַנגריף אויף דעם טיראַן פֿון גאַנץ רוסלאַנד.

ווי נאָר עס האָט אָנגעפֿאַנגען צו טאָגען, האָט זיך אַ נ ד ר י י אויפֿגעחאַפּט און האָט נאָר געדרעמעלט, אויפֿשפּרינגענדיג יעדע פֿערטעל שטונדע אַ קוק צו טהאָן אויף'ן זייגער, מאָמער האָט ער פֿערשפּעטיגט. ענדליך איז איהם איבערדריסיג געוואָרען אַלע ווייִלע זיך אויפֿצוחאַפּען און איז אויפֿגעשטאַנען, זאָגענדיג צו זיך:

„היינט ביינאַכט וועל איך געוויס שלאָפֿען אין אַ קעמעריל פֿון פּעטראָפּאַוולאָווסקי קרעפּאָסט, אויב מ׳ וועט מיך ניט דער'הרג'ענען אויף'ן אָרט.“

ער האָט זיך אָנגעפּאַנגען אָנצוטהאָן. קוקענדיג אויף איהם וואָלט קיינער ניט געזאָגט, אַז ער קלייבט זיך צו בעגעהן עטוואָס שרעקליכעס און אונגעוועהנליכעס.

ער האָט זיך געפונען אין אַ גאַנץ בעזאָנדערן צושטאַנד: ער איז ניט געווען ניט אויפגערעגט, ניט בעגייסטערט און ניט טרויעריג. זיין גאַנצער גייסט איז נאָר געווען פערנומען מיט איין געדאַנק, און אַלעס אַנדערע האָט ער אַזוי ווי פערגעסען. ער האָט זיך בעטראַכט אַזוי ווי ער וואָלט שוין געווען טויט. איין זאַך נאָר איז איהם געבליבען צו טהאָן און דאַן — דאַן איז זיין קאַריערע ערריכט, דאַן איז אַלעס צו ענדע, דאַן איז אייביגע רוהע. . .

ער איז שוין געווען אין גאַנצען אָנגעטהאָן, ווען די טהיר פון זיין צימער האָט זיך שטיל געעפענט, און וואַטאַושקאָ איז אַריינגעקומען. ויאַטאַושקאָ איז געקומען נאָך פעטערבורג וועגען אַ פּלאַן, וועלכען די רעוואָלוציאָנערן פון דובראַוניק האָבען בעשלאָסען דורכצופיהרען, און דערוייל האָט ער אונטערגענומען צו זיין איינער פון אַנדריי'ס העלפערס.

ער איז שוין לאַנג געהאַט אויפגעשטאַנען און האָט נאָר געוואַרט אויף דער בעשטימטער שטונדע, אום אויפצוואועקען אַנדריי'ן. זעהענדיג, אַז אַנדריי איז שוין אָנגעטהאָן, האָט ער איהם בעגריסט מיט אַ ציטערענדע שטימע און האָט איהם מיטגעטהיילט, אַז אַ געוויסער סאַזעפּין, איינער פון די מיטהעלפערס, וויל זיך מיט איהם געזעגענען.

אַנדריי האָט זיך דערמאָנט, אַז דיזען סאַזעפּין האָט ער געזעהן ווען ער איז אַריבער די גרענעץ, און ער האָט איהם אויפגענומען מיט פריידע. זיי האָבען געשפּראָכען וועגען זייערע אַלטע פריינדע, וועלכע זיינען מייסטענס געווען אין סיביר, אין געפענגנים אָדער גאָר טויט; וועגען זייער היציגען ויכוח איבער רוסלאַנד אין דעם שיינקעל אויף דער דייטשער גרענעץ, און וועגען פיעלע אַנדערע זאַכען. קיין איין וואָרט אָבער האָבען זיי ניט גערעדט וועגען דעם, וואָס האָט זיי יעצט געבראַכט צוזאַמען.

נאָכפרעגענדיג סאַזעפּין'ן וועגען זיינע אַלטע פריינד, האָט זיך אַנדריי אַליין געוואונדערט, צו וואָס נוצט דאָס איהם יעצט צו וויסען?

די עראינערונגען האָבען איהם געשיינט אַזוי אַלט, אַקוראַט ווי זיי וואָלטען פּאַסירט מיט אַ יאָהר פֿופֿציג צוריק. פֿונדעסטוועגען האָט ער דאָס דאָך געוואָלט וויסען, און ווען סאַזעפּין האָט איהם דערציילט ווי דער דוואָרניק האָט איהם אָנגענומען פֿאַר אַ פּריסטאַוו, ווייל ער האָט אַ מיליטערישען אויסזעהן און אַ בעפֿעהלענדע שטימע, האָט אנדריי זאָגאַר אַ לאַך געטהאָן.

וואַטאַזשקאָ האָט דערווייל אַריינגעטראָגען טהעע און צושפּייז. אַנדריי האָט רוהיג געגעסען און געטרונקען, אָבוואָהל ער האָט גאָר קיין אַפּעטיט ניט געהאַט.

זיי האָבען נאָך דאַן פֿערבראַכט און גערעדט איבער פֿערשידענע זאַכען. וואַטאַזשקאָ האָט געהאַלטען אין מיטען דערציילען אַ געשיכטע וואָס ער האָט געהאַט מיט דער פּאָליציי, ווען אַנדריי האָט אַ קוק געטהאָן אויף'ן זייגער און האָט רוהיג געזאָגט:

„עס איז שוין צייט!"

זיי זיינען אַלע דריי מיט אַמאָל אויפֿגעשטאַנען און זיינען געוואָרען זעהר ערנסט. ביידע יונגע לייט האָבען זיך צוקושט מיט אַנדריי'ן און זיינען גלייך אַוועקגעגאַנגען ערפֿילען יעדער איינער זיין זאַך. אַנדריי איז נאָך געבליבען אַ מינוט צוואַנציג, דען ער האָט בעדאַרפֿט קומען דער לעצטער אויף דער סצענע, ווען אַלע פֿאָרבערייטונגען וועלען זיין אין ריכטיגער אָרדנונג.

ווען אַנדריי איז צוגעקומען צו אַ בעשטימטע גאַס, ניט ווייט פֿון קייזערליכען פּאַלאַץ, האָט ער געטראָפֿען וואַטאַזשקאָ'ן, וועלכער האָט אונגעדולדיג געוואַרט אויף איהם.

„איך וועל וואַרטען אויף דיזען אָרט," האָט ער געלאַסען געזאָגט צו וואַטאַזשקאָ'ן. „געהט און זאָגט די קאַמעראַדען צו טהאָן אַזוי ווי עס איז בעשטימט."

ווען וואַטאַזשקאָ איז אַוועקגעגאַנגען האָט זיך אַנדריי אומגעקוקט און האָט באַלד אויסגעצויגען זיין רעכטע האַנד, אום צו פֿיהלען, אויב זי איז גענוג שטאַרק און ציטערט ניט. מיט דער ערשטער פּראָבע איז ער געבליבען אונצופֿריעדען, דען זיינע פֿינגער האָבען עטוואָס

געציטערט. אין עטליכע מינוט אַרום האָט ער געמאַכט אַ נייע פּראָבע און דיזעס מאָל איז ער שוין צופרידען געווען מיט זיך און האָט רוהיג געוואַרט אויף דעם בעשטימטען סיגנאַל.

ווי ער האָט נאָר דערזעהן סאַזעפּין׳ן פון וויטען, איז ער צוגעגאַנגען צו איהם, אום צו הערען דאָס לעצטע וואָרט. סאַזעפּין׳ס געזיכט איז געווען בלייך און טרויעריג, אָבער ער איז געגאַנגען רוהיג און פעסט, אַזוי ווי ניט איהם מיינט מען עס. ווען זיי זיינען צוגעקומען נאָהענט, האָט סאַזעפּין זיך אַ נייג געטהאָן מיט אַ בליק, וואָס האָט גערעדט מעהר ווי ווערטער.

„דער צאַר איז אַרויסגעגאַנגען צו זיין געוויינליכען שפּאַציר," האָט ער נאָכהער שטילערהייט געזאָגט.

אַנדריי האט אַ שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ און האָט אָנגעפאַנגען צו געהן צום פּלאַץ פון קייזערליכען פּאַלאַץ.

„יעצט איז ענדליך געקומען די לעצטע שטונדע, אויף וועלכער איך האָב אַזוי לאַנג געוואַרט!" האָט ער זיך געטראַכט.

ער איז געווען פינף הונדערט פוס פון דעם אָרט, וואו דער קייזער פלעגט מאַכען זיין געוויינליכען מאָרגען־שפּאַציר, אָבער אַרום זיינען שוין געווען פול שפּיאָנען און איבערגעקליידעטע זשאַנדאַרען. זיי האָבען געוואַרט אויף אַלע ווינקלען פון די גאַסען, וועלכע האָבען געפיהרט צום פּאַלאַץ. זיי האָבען געהאַט אַ בעפעהל, צו אַרעסטירען יעדע פערדעכטיגע פּערזאָן און איבערהויפּט גאָר ניט צו־צולאָזען קיין דורכגעהער. ווען אַנדריי איז צוגעקומען עטוואָס נעהענטער האָט איהם אַן אַלטער, פיין געקליידעטער מאַן, וועמען ער וואָלט קיינמאָל ניט גערעכענט פאַר אַ שפּיאָן, אָבגעהאַלטען און האָט העפליך געזאָגט:

„זייט אַזוי גוט, מיין הערר, און נעהמט אַן אַנדער וועג."

„וואָרום?" האָט אַנדריי געפרעגט מיט אַ געמאַכטע פערוואונדערונג און איז זיך ווייטער געגאַנגען, אום צוצוקומען אַלץ נעהענטער.

„עס איז שטרענג פערבאָטען צו געהן דורך דיזער גאַס. געהט בעסער באַלד צוריק, אויב איהר ווילט ניט אַריינפאַלען," האָט דער אַלטער געזאָגט, איהם נאָכגעהענדיג.

„אָבער עס איז דאָך ניטאָ קיין זאַך, וואַרום מי זאָל ניט קענען געהן מיט דיזער גאַס. . . איך פֿערשטיי ניט, וואס איהר ווילט,״ האָט אַנדריי געענטפֿערט מיט א האַלב בייזען און האַלב פֿערוואונדערטען טאָן, געהענדיג אַלץ פֿאָרווערטס.

דער אַלטער האָט דאָן אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד, און צוויי אַנדערע שפּיאָנען, וועלכע זיינען געשטאַנען אויף דעם ווינקעל פֿון דער נעבסטער גאַס, האָבען אָנגעפֿאַנגען שנעל צו געהן צו אַנדריי׳ן, מיט דעם צוועק איהם צו אַרעסטירען. זיין לאַגע איז געוואָרען זעהר אַ קריטישע. ער האָט זיך אָבגעשטעלט. זיין כונה איז געווען זיך צו צוקריגען מיט די שפּיאָנען און צו פּראָטעסטירען, כדי צו געווינען עטליכע מינוט.

ער האָט געוואוסט, אַז באַלד וועט דער קייזער דאַרפֿען פֿערביי געהן, און די שפּיאָנען וועלען דאַן מוזען אָבטרעטען אָן אַ זייט. די צייט איז אָבער געווען אַזוי גוט אויסגערעכענט, אַז אַנדריי האָט זיך פֿערשפּאָרט צו קריגען מיט די שפּיאָנען.

גראַדע אין דער מינוט האָט יך בעוויזען דעם קייזער׳ס הונד ביים ענדע פֿון גאַס, און די שפּיאָנען זיינען אויף׳ן שטעל פֿערשוואונדען געוואָרען. דער צאַר האָט געדאַרפֿט פֿערבייגעהן אין אַ מינוט אַרום, און זיי האָבען געהאַט אַ בעפֿעהל, זיך ניט צו ווייזען אויף דעם וועג, וואו ער געהט.

אַנדריי איז זיך לאַנגזאַם געגאַנגען פֿאָראויס און איז צוגעקומען אָהן ווייטערע שטערונגען ביז צום עק גאַס. דער קייזער איז אין דער מינוט געווען עטליכע שריט פֿון אַלכסנדר דעם ערשטענס מאָנומענט וואָס שטעהט אויף דעם דוואָרצאָווען פּלאַץ.

פֿון דעם פֿענסטער פֿון אַ הויז געגענאיבער האָבען צוויי יונגע לייט געקוקט אויף דער סצענע מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטהעם. איינער פֿון זיי איז געווען דושאָרדזש. ער האָט געזעהן, ווי אַנדריי איז פֿערהאַלטען געוואָרען פֿון די שפּיאָנען, און ער האָט שוין געהאַלטען זיין העלדישען פֿריינד פֿאַר פֿערלאָרען. אָבער אין איניגע מינוט אַרום האָט ער דערזעהן, ווי אַנדריי געהט זיך פֿעסט און רוהיג צום קייזער.

זוען דער צאַר האָט בעמערקט אַן אומבעקאַנטען אויף זיין וועג, האָט ער זיך אַ טרייסעל געטהאָן. ער האָט זיך אָבער ניט אָבגעשטעלט און איז געגאַנגען ווייטער. איינהאַלטענדיג דעם אָטהעם האָט דזשאָרדזש געקוקט מיט פלאַמענדע אויגען אויף דעם גאנג פוןביידען. אָט זיינען זיי שוין צוזאַמענגעקומען, און פון דעסטוועגען האָט נאָך גאָר ניט געטראָפען.

„וואָרום וואַרט ער ? . . . וואָס זאָל דאָס בעדייטען ?" האָט דזשאָרדזש געטראַכט אין זיין גרויסער אויפרעגונג.

דער אמת איז אָבער געוועזן, אַז אַנדריי איז נאָך ניט געוועזן אַזוי נאָהענט צום צאַר, ווי דזשאָרדזש'ן האָט עס פון ווייטען געשיינט. זיי זיינען געווען איינער פון דעם אַנדערן אַן ערך פון פופצעהן פוס, און דאַן האָט אַנדריי בעדאַרפט, ווי עס איז געווען בעשטימט, אַראָבנעהמען זיין הוט און וואַרטען מיט אַ הוילע קאָפּ ביז דער קייזער וועט צו איהם צוגעהן. אָבער אַנשטאָט צו מאַכען דיזע צערעמאָניע האָט ער שנעל אַרויסגענומען דעם רעוואָלווער פון זיין קעשענע, האָט איהם אָנגעשטעלט און האָט אויסגעשאָסען אויף'ן צאַר.

די קויל איז אָבער איבערגעפלויגען איבער'ן קייזער'ס קאָפּ. דער רעוואָלווער האָט געשלאָגען צו הויך און מי האָט געמוזט צילעווען אין די פים, אום צו קענען דערשיסען אַ מענשען. צו זיין אונגליק אָבער האָט עס אַנדריי אויסגעפונען צו שפּעט.

עטליכע סעקונדען איז ער געבליבען שטעהן ווי אַ פערשטיינערטער מיט אַראָבגעלאָזענע הענד. ער האָט וואַרשיינליך גערעכענט ביי זיך, ווי אַם בעסטען צו טרעפען, דען באַלד האָט זיך ווידער דערהערט אַ שאָס, דאַן נאָך איינער, דאַן אַ דריטער, ביז וואַנען עס איז קיין איין קויל ניט געבליבען אין זיין רעוואָלווער.

דער צאַר איז געוועזן בלייך און דערשראָקען, אָבער ער האָט זיך דאָך ניט פערלאָרען. ער האָט אויפגעהויבען די פּאָלעס פון זיין שינעל און איז געלאָפען אַזוי שנעל ווי ער האָט נאָר געקענט, אָבער ניט גלייך. ער האָט זיך געדרייט יעדע סעקונדע אין אַן אַנדער זייט. דאָס האָט איהם געראַטעוועט, דען אַנדריי, וועלכער איז איהם נאָכגעלאָפען,

האָט ניט געקענט האָבען אַ ריכטיגען ציעל. איין קויל האָט נאָר דורכגעלעכערט דעם צאַר'ס שינעל. די איבעריגע זיינען פערביינעלאָפען.

די גאַנצע שיסעריי האָט אין גאַנצען געדויערט איין מינוט, אָבער אין דער צייט האָבען זיך שוין די שפּיאָנען, וואָס האָבען זיך געהאַלטען פערשטעקט אין אַלע ווינקעלאַך פון פּלאַץ, געלאָפען צו איהם ווי פערסמ'טע און האָבען אַרויסגעלאָזען קולות ווי ווילדע חיות. פון'ם פענסטער האָט דושאָרדזש געזעהן, ווי אַזוי אַ מאַסע שפּיאָנען זיינען צוזעקומען אַלץ נעהענטער צו אַנדריי'ן פון אַלע זייטען און האָבען זיך געוואָלט אַרויפוואַרפען אויף איהם. איין מאָמענט זיינען זיי געבליבען שטעהן, וואַרפענדיג אויף אַנדריי'ן פייעריגע בליקען. קיינער פון זיי האָט ניט געוואַגט צו זיין דער ערשטער. זעהענדיג אָבער, אַז ער איז ניט בעוואַפענט און ער וויל זיך מעהר ניט שלאָגען, האָבען זיי זיך אַלע מיט אַ מאָל אַ לאָז געטהאָן אויף איהם. ווייטער האָט נאָר דזשאָרדזש געהערט זייערע ווילדע קולות און געשרייען, דען ער האָט צוגעמאַכט זיינע אויגען מיט די הענד און האָט מעהר ניט געזעהן.

צושלאָגען און האַלב טויט האָט מען אַנדריי'ן געבראַכט אין געפענגניס. מ'האָט איהם אויסגעהיילט, און דאַן פעראורטהיילט און באַלד געהאַנגען. . . . .

ער איז פערלאָרען געגאַנגען. אָבער די זאַך, פאַר וועלכער ער האָט זיך געבראַכט פאַר אַ קרבן, איז ניט געשטאָרבען. טראָץ אלע פערפאָלגונגען און נידערלאַגען געהט זי דאָך פאָרווערטס צום זיעג, וועלכער קען אַנדערש ניט עררייכט ווערען, אין אונזער טרויעריגער וועלט, נאָר דורך די ליידען און זעלבסט-אויפאָפּפערונגען פון אייניגע אויסגעקליבענע מענשען.

ע נ ד ע.